STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07250

GEKLIBENE SHRIFTEN FUN DAVID GOLDBLATT IN KAMF FAR DER YUDISHER SHPRAKH

David Goldblatt

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע שריפטען פון

דוד גאָלדבלאַטט
אין קאמף
פאר דער
יודישער שפראך

ארויסגעגעבען אין
148 פינפטע עווועניו
נויאָרק

אין דעם פינסטערן דיקען נעבעל
דרינגט מיין אויג עס זוכט וואָס דאָרט
און ס׳בעגעגענד פעך און שוועבעל
רעגענדיג אויף יעדען אָרט.

זאָ זוכט עס אימער טאָג ווי נאכט
ביז א זונענשטראהל ערשיינט
פליצלינג ווערט עס אויפגעמאכט
און פאר פרייד, זעה עס וויינט...



Copyright by
ISRAEL GOLDBLATT
1942

אינהאַלטס־פערצייכניס

איינלייטונג 9
דער ערשטער זיעג 13
וואפען אין קאמף דער שפראכען 23
וואפען אין קאמף דער שפראכען 31
מיין מוטער שפראך 39
קען דאס יודישע פאלק איבערלעבען דעם טוידט פון יודיש? 55
איז יודיש א שפראך? 67
העברעיש אין ארץ ישראל? 83
א רעפאָרמירטעס יודיש 97
אָרטאָגראַפישע כללים 107
ווארום מיין קאמף פאר יודיש 113
מיין שטרייט מיט לואים מארשאל 129
לשון קודש די שעהנסטע אבער א קראנקע שפראך 141
אן די שונאים פון יודיש 165
א וויכטיגע פערנאכלעסיגטע פראגע 179
די יודישע ליטעראטור אין זיד־אפריקע 207
נאָטיצען 219

ווען די נײ־העברעישע שפראך איז אויפגעשטאנען צווישען 106־135 איז זי שוין געווען א געמישטע פון גריכיש און אראמיש. צוליעב דיעזע מישונג האָט זי פערלוירען א גרויסען טייל פון איהר פאָעטישע שעהנהייט (גרעץ 3 ז. 85). דער זיעסער קלאנג האָט אויפגעהערט און די אלטע פאָעזיע איז פערשטומט געוואָרען. דאָס פאַלק האָט זיך אויסגעניכטערט און נישט מעהר זיך גענויטיגט אין בעגייסטערונג. וואָס מעהר פרעמדע עלעמענטען זי האָט אויפגענומען דאָס מעהר איז די פאָעזיע פון אלטען העברעיש אויסגעטרוקענט געוואָרען (עוואלד).

אַ פּאָר אויטאָביאָגראַפֿישע נאָטיצען

דידאָזיגע זאַמלונג, פון שפּראַכליכען אינהאַלט, ציהט זיך פון 1910 ביז 1924. טיילס געדרוקט אין יודיש, און טיילס אין ענגליש. די ענגלישע זיינען דאָ איבערזעצט פון מיר אַליין. די מעהרסטע זיינען ערשינען אין מיין וואָכענבלאַט "יודישער אַדוואָקאַט" וואָס איך האָב ארויסגעגעבען אין קייפּטאון, פאַר גאַנצע 10 יאָהר. 10 געבונדענע בענד געפינען זיך אין דער נויאָרק פּאַבליק לייברערי, און אין די ביבליאָטעקען פון קייפּטאָון, פּרעטאָריע, און בריטיש מוזעום. די ענגלישע זיינען ערשינען אין דער "דזשואיש פאָרום" און "דזשואיש טריביון" צווישען 1923 און 1924.

איך בין שטאָלץ אויף דעם פאַקט דאָס יעדער אַרטיקעל האָט דערגרייכט זיין ציעל, דאָס זיי האָבען פיעל געמינדערט דעם אַנטאַגאָניזם פון די ענגליש ריידענדע יודען געגען דער יודישע שפּראַך. איינינע מאָנאַט נאָכדעם וואָס מיין שטרייט מיט לואיס מאַרשאַל האָט זיך געענדיגט שרייבט דר. ראָבאַק צו מיר אַז, מר. מאַרשאַל האָט איהם געגעבען $100 צו איבערבינדען יודישע ביכער אין דער האַרוואַרד ביבליאָטעק, און די יודישע פּרעסע האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם פון מאַרשאַלס איבערקעהרעניש, אָבער אָהנע מיר צו געבען קרעדיט דאַפיר. זלמן רייזין האָט מיר אַמאָל געשריבען אַז, מיין פערטיידיגונג פון דער יודישע

שפראך איז די בעסטע וואס ער האט אמאל געלעזען, און דר. זשיטלאווסקי האט זיך בעמיהט דאס אייניגע פון זיי זאלען אבגעדרוקט ווערען אין דעם "אידישען קעמפער" אונטער פינסקים רעדאקציע.

דאס ווערק ווערט ארויסגעגעבען צו מיין 75טען יאהר, פון מיר אליין, אהנע גלאקענקלאנג און אהנע ליבגעזאנג פון מיינע שטילע פריינד און אקטיווע שונאים. איך האב, גאט זיי דאנק, פון די לעצטע זעהר פיעל, אהנע צו האבען מיט זיי אמאל גערעדט א ווארט. אפילו זיך מיט זיי נישט בעגעגענד פנים לפנים. און ווען זיי אטאקירען מיך, אין זייערע צייטונגען, זארגען זיי שוין אז מיין ענטפער זאל נישט געדרוקט ווערען. זיי האבען מיין ענציקלאפעדיע אין דער נויארק פאבליק לייברערי צעריסען, און דער "טאג", הער "אונפארטייאישער" האט מיין פראטעסט נישט געדרוקט. מען דארף נישט פארגעסען אז דער דאריגער כהן גדול הייסט שמואל ניגער, דער חבר פון משה קאץ.

וועגען זיך אליין האב איך קיינמאל חשק געהאט צו שרייבען אפילו א ווארט. איך האב שטענדיג געהאלטען פון דעם מאראַ־לישען מאקסים: זאלען מיינע טהאטען ריידען. דריי ביאגראפיעס זיינען וועגען מיר ערשינען, אין יודיש, אין דייטש און אין ענגליש אבער קיינע פון זיי האט אנגעגעבען דאס יאהר און די שטאדט פון מיין געבורט. א בעוויז אז איך האב דאביי קיין אנטייל געהאט. רייזין האט מיך אבגע'שמד פון א פאליאק צו א ליטוואק און האט מיך יונגער געמאכט מיט 9 יאהר. די דייטשע וועלכע האט געקאפירט פון רייזין האט זיך בריעפליך צו מיר ענטשולדיגט און די ענטשולדיגונג אויך אבגעדרוקט אין זיין לעצטען באנד. די ענגלישע, אין פוליצערס "ווארלד", געשריבען פון קאנראד בערקאוויטשי איז געוועזען א שעהנער

פובליציטי סטאַנט וועלכער האָט נישט נייטיג געהאַט אינפאָרמאַציע. רייזין האָט אַפילו געשריבען 4 פּאָסטקאַרטלעך און 2 בריעף בעטענדיג אינפאָרמאַציע, אָפט מיר גערופען "ברודער עקשן" אבער איך בין געבליבען ביי מיין עקשנות. די "דזשואיש וואָס וואָ אָוו אַמעריקאַן דזשורי" ווי אויך די "אימפעריאַל וואָו'ס וואָו" האָב איך יעדע ביטע ענטזאַגט. נאָך אַלעם דעם האָט ראובן בריינין געהאַט די חוצפה צו זאָגן, אין זיין לעצטען באַנד, אַז איך רייד וועגען זיך צופיעל. ווען ער וואָלט נישט פערגעסען דאַביי צו צופיגען אַז איך בין געקומען צו איהם איינמאָהנען די פּאָאָר דאָלארס (קעש) וואָס ער האָט ביי מיר געליהען, און קיינמאָל אָבגעלייקענט, וואָלט עס געווען זעלבסטפערשטענדליך. ווען נישט דאָס וואָלט ביי מיר געווען אַ גאַנץ קליינער כבוד צו קומען ביי איהם אין הויז.

צום 75טען יאָהר, אויב מען וויל זיך נישט נאַרען, דאַרף מען שוין קוקען צום "סוף לכל בשר", ווייל קיינער ווייסט וועמענס מאָרגען עס קומט. פאַר די יעניגע וואָס ווילען וויסען עפּעס וועגען מיר, גיב איך דאָ בלויז אַ פּאָאָר נאָטיצען. די רעשט זאָלען זיי זוכען אין מיינע שריפטען.

איך בין געבוירען אין ראַדאָם, רוסיש פּוילען, אין 1866. מיין פּאָטער ראובן איז געווען מורה הוראָה און איז נפטר געוואָרען ווען איך בין געווען אַ פּאָאָר חדשים אַלט. מיין מוטער, חנה נחמה, האָט געקאָנט אַ בלאַט גמרא. מיין באָבע לאה פייגע, האָט געהאַט פיער ברידער "גוטע יודען", און מיין נאָמען איז נאָך דעם שידלאָווצער רבי ר' דוד'ל. מיין האַלב־ברודער ישראל פרענקעל ע"ה, עלטער פון מיר מיט 10 יאָהר איז געווען אַן אָנגעזעהנער העברעישער שריפטשטעלער, מיט אַ העברעישען סטיל אָהנע גלייכען. זיין "משא אסתר" אין

פינפטען באַנד "האסוף" איז מוסטערהאַפט, ווי אויך זיין "שרה בת שמשון", ארויסגעגעבען אין בוכפאָרם אונטער דעם פסעודאָנים "פלאי" האָט געצויגען אנערקענונג פון סמאָלענסקין, סלאָנימסקי און סאָקאָלאָוו. ער איז געוועזען א כלל טוער אָהנע צו זוכען כבוד. ער איז ליידער געשטאָרבען 37 יאָהר אַלט, בעווינט פון האַלב פוילען. די טהעטיגקייט פון זיין קורצעם

ישראל פרענקעל
1893—1856

לעבען צו בעשרייבען דאַרף פערנעהמען א בוך פון הונדערטע זייטען. ליידער בין איך נישט מעהר בכח דאָס אונטערצונעהמען. מיר זיינען ביידע אויפגעוואקסען אונטער די השגחה פון ר' שמואל מאָהליווער, איך ביז צו בר מצוה, און ער ביז חתונה. ר' שמואל מאָהליווער איז געוועזען רב אין ראַדאָם איידער ער

איז אַוועק נאָך ביאַליסטאָק. פון דעמאָלט ביז מיין רייזע נאָך זיד אַפריקע האָב איך געאַרבייט ביי פערשיעדענע מלאכות און שטודירט אין וואַרשע, בערלין, און לאָנדאָן. אין בריטיש מוזעאום בין איך אָפט צוזאַמען געקומען מיט קראָפּאָטקין, וויליאַם מאָריס, סטעפּניאַק, עלענאָר מאַרקס איוולינג, די טאָכ־טער פון קאַרל מאַרקס; בין געוועזען אַן איינגעהער אין בערנער סטריט קלוב, וואו איך בין פאַסט ענטציקט געוואָרען פון מאָריס ווינטשעווסקי, אַלס מענש און אַלס יודישער סטיליסט. מיינע ערשטע פּאָאָר געדרוקטע צייליען זיינען ערשינען אין "אַרבייטער פריינד" און זיי ליגען נאָך אין מיין זכרון:

אין דעם פינסטערן דיקען נעבעל
דרינגט מיין אויג, עס זוכט וואָס דאָרט
און ס'בעגעגענד פעך און שוועבעל
רעגענדיג אויף יעדען אָרט.

זאָ זוכט עס אימער טאָג ווי נאכט
ביז א זונענשטראהל ערשיינט
פּליצלינג ווערט עס אויפגעמאכט
און פאר פרייד, זעה עס וויינט...

דיזע אַכט צייליען דריקען אוים דעם שיקזאַל פון מיין גאַנץ לעבען, ווי דורך אַ נבואה האָב איך אין מיין יוגענד פאָראויס געזעהן מיין מזל ביז היינט.

ווייטערעס וועגען מיר, אחוץ אין מיינע אייגענע שריפטען געפינט זיך אין אַ העברעישען בוך "זכרונות" פון יהושע ליב ראַדוס, ארויסגעגעבען אין יאָהאַנעסבורג, 22 יאָהר שפּעטער נאָך מיין פערלאָזען אַפריקע. ער זאָגט אַז ער איז געוועזען מיינער אַ שכן אָבער איך געדענק איהם נישט. זיין בעשרייבונג וועגען מיר איז בלויז פון זכרונות — נישט פאַקטיש.

דאָ אין נויאָרק האָב איך ארויסגעגעבען די ערשטע צוויי בענד פון מיין ענציקלאָפּעדיע מיט דער פינאַנציעלע הילפע פון דזשאָרדש ווישא, היימאַן קירשענבוים און אייזאַק קירשענבוים. דער מעדאַליאָן וואָס איהר זעהט דאָ איז מיר פּרעזענטירט געוואָרען אַלס צייכען פון אנערקענונג איבער דעם הויכען ווי־סענשאַפטליכען ווערטה פון דעם דאָזיגען ווערק.

דאָ האָב איך אויך ארויסגעגעבען מיין ענגלישעס ווערק Is the Jewish race pure? וואָס טראָצדעם וואָס עס בעקעמפּט די אַלגעמיינע מיינונג פון די גרעסטע אנטראָפּאָלאָגען אז די יודישע ראַסע איז נישט ריין, האָט עס די זכיה געהאַט פאַרגעלעזען צו ווערען פון פּראָפ. ל. קייפּיץ, אין דער אוניווער־זיטעט פון מיסיורי, קאָלומביא, פאַר די סטודענטען פון זשור־נאַליזם, און בעצייכענט דאָס ווערק אַלס א "שטאַרק בעגייסטע־רענדעס און מיט וויסענשאַפטליכע פאַקטען בעזאָרגטעס ווערק". אויך די אַלגעמיינע פּרעסע פון אַמעריקע, ענגלאַנד און אינדיע האָט עס געגעבען א זעהר הויכע אָבשאַצונג.

א וויכטיגע פּאַסירונג אין דער נויאָרק טיימס האָט מיך דאָרט צוגעפיהרט אַלס סוב־רעדאַקטאָר פון ערשטען באַנד "קערענט היסטאָרי אָוו דהע וואָרלד וואָר". די פּאַסירונג איז געווען וואָס נאָכדעם ווען 10 בענד פון די 20 זיינען שוין ארויס פון דרוק האָט זיך אויסגעפינען אז דער ערשטער באַנד ענטהאַלט מאַטעריאַל וואָס האָט נישט געדאַרפט ערשיינען. עס איז דאַרום בעשלאָסען געוואָרען דעם ערשטען באַנד איבערצו־דרוקען. אזוי ווי דער טשיעף רעדאַקטאָר איז געווען בעשעפ־טיגט מיט די וויטערע בענד איז נייטיג געוואָרען צוגעפינען א פּעהיגען מאַן דאָס איבערצונעהמען. דר. יאָזעף סילווערמאַן, א פריינד פון די אָקסעס פאַמיליע האָט מיך רעקאָמענדירט און

איך בין אָנגענומען געוואָרען. אין דעם ביכער מאַרק איז דאָרט פאַראַן צוויי ערליי באַנד נומער 1 און ביידע אונטער איין און דעמזעלבען דאַטום. אָבער, ווען מען עפענט אויף דעם פיידזש 466 פון ביידע זעהט זיך גלייך דער אונטערשיעד. אין מיין נייעם באַנד געפינען זיך דאָרט צוויי אַרטיקלען מיינע: "מיליטערי עוועגטס אָן אָלל פראָנטס" און "דהע סויטה־אפריקען רעבעליאָן". די קאָרעספּאָנדענץ צווישען דזשייקאָב שיף און פּראָפעסאָר טשאַרלס עליאָט וואָס געפינט זיך אין אַלטען נומער 1 האָב איך אַרויסגעוואָרפען פון נייעם. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט דאָס ביידע באַנד 1 זיינען דאַטירט 1914 און איך בין אָנגעקומען אין נויאָרק אין 1916.

איך בין אויך שטאָלץ אויף מיין ערפינדונג צו זעצען העברעיש מיט נקודות אויף דער ליינאָטייפ מאַשין, אויף וועלכער צוויי ביכער זיינען ארויס און פיעלע שירים אין "הדואר" זיינען אָבגעדרוקט און ווערען בעטראַכט אַלס מלא חן פון דרוקער און לעזער. א מוסטער ווערט דאָ בייגעגעבען צום בעווייז. אויך ווערט דאָ אָבגעדרוקט א קאָפּיע פון דעם אבשייעדס בריעף וואָס די מערגענטהאַלער ליינאָטייפ קאָמפּאַני האָט מיר געגעבען ווען איך בין פערטיג געוואָרען מיט מיין אַרבייט. ווי עס איז אויס דעם בריעף צו זעהן האָט די קאָמפּאַניע בעשלאָסען די מאַשין נישט אַרויסצופיהרען אויף דעם מאַרקעט צוליעב די פינאַנציעלע אומשטענדען אין דער וועלט. א געשעפטליכע דורכפאָרשונג האָט דערוויזען אז 4 אַזעלכע מאַשינען וועלען דעקען דעם גאַנצען געברויך פון דער העברעישער ליטעראַטור, דאָס עס לוינט זיך נישט צו שניידען די פערשיעדענע גרויסערע און קליינערע שריפט וואָס קומען צו דער מאַשין איידער זי קומט אין געברויך. די קאָמפּאַניע האָט דאַרום בעשלאָסען

נישט צו האָבען צו טוען מיט העברעיש מיט נקודות. אַלזאָ, מיין ערפינדונג איז אַן ערפאָלג פון דעם טעכנישען שטאַנדפונקט אָבער נישט פון אַ קאָמערציעלען שטאַנדפונקט. דיעזען פאַקט דאַרף מען אין זיכרון האַלטען ווען מען לייענט מיין אָבהאַנדלונג "לשון קודש די שעהנסטע אָבער אַ קראַנקע שפּראַך" אין דיעזען בוך זייטע 141.

א פּראָבע געזעצט אויף דעם לינאָטיפּ מיט מיין ערפינדונג, פּאַטענטירט אונטער מיין נאָמען און איבערגעטראָגען אויף דעם נאָמען פון דער מערגענטאלער לינאָטייפּ קאָמפּאני, דאטירט מאי 26, 1931.

יָהּ רִבּוֹן עָלַם וְעָלְמַיָּא,
אַנְתְּ הוּא מַלְכָּא מֶלֶךְ מַלְכַיָּא.
עוֹבַד גְּבוּרְתֵּךְ וְתִמְהַיָּא,
שַׁפִּיר קֳדָמָךְ לְהַחֲוָיָה:

שְׁבָחִין אֲסַדֵּר צַפְרָא וְרַמְשָׁא,
לָךְ אֱלָהָא דִּי בְרָא כָּל־נַפְשָׁא.
עִירִין קַדִּישִׁין וּבְנֵי אֱנָשָׁא,
חֵיוַת בָּרָא וְעוֹפֵי שְׁמַיָּא:

רַבְרְבִין עוֹבְדַיךְ וְתַקִּיפִין,
מָכֵךְ רָמַיָּא, זָקֵף קְפִיפִין.
לוּ יְחֵא גְבַר שְׁנִין אַלְפִין,
לָא יֵעוֹל גְּבִירְתֵּךְ בְּחֻשְׁבְּנַיָּא:

אֱלָהָא דִּי לֵהּ יְקָר וּרְבוּתָא,
פְּרֵק יָת־עָנָךְ מִפּוּם אַרְיָוָתָא.
וְאַפֵּק יָת עַמָּךְ מִגּוֹא גָלוּתָא,
עַמָּךְ דִּי בְחַרְתְּ מִכָּל אֻמַּיָּא:

MERGENTHALER LINOTYPE COMPANY
29 Ryerson Street, Brooklyn, N. Y.

October 11, 1932.

Dear Dr. Goldblatt,

Further to our conversation of a few days ago, it is with regret that we confirm our decision to discontinue, for the time being, certain specialized development work, including the work on Hebrew Nokud on which you have been engaged for the past several years.

Our action in this connection does not reflect in the slightest degree on the result of the research work in which you have been engaged. On the contrary, we beg to assure you that we have the fullest confidence in your scholarly and technical ability which has been demonstrated by you in connection with your work on the adaptation of Hebrew Nokud to the Linotype. Your work in this respect has been highly satisfactory in every detail.

We are reluctant to recognize the fact that adverse economic conditions have seriously interfered with our ability to devote further effort to the proposition of bringing to a fruition our plans for the development of Hebrew Nokud at this time, but we are hopeful that it will be possible for us to resume our activities in this direction in the near future, at which time we shall be glad to avail ourselves of your services and counsel.

In closing, kindly permit me to express to you my personal appreciation of the pleasant and scholarly relations which have existed between us for several years, and to assure you of our continued interest in your work.

Yours very truly,

C. H. GRIFFITH,
Assistant to the President

?וואָרום נישט העברעיש א וועלטשפּראך

דריי רעליגיאָנען; די יודישע, קריסטליכע און מאהאָמעדאַנער רוהען אויף דער העברעי־שע ביבעל. העברעיש ווערט געלעדנט אין אלע סעמינארען און ישיבות, די וועלט נייטיגט זיך אין א וועלטשפּראך, מען האָט שוין פּרובירט פיעלע, איינגעשלאָסען עספּע־ראנטאָ, עס זיינען נאָך דאָ אין דער וועלט פיעל מעהר וואָס קאָנען העברעיש אלס עספּעראנטאָ, העברעיש עקזיסטירט שוין הונ־דערטע יאָהרען, צו וואָס זיך מאטערן מיט א געקינסטעלטע שפּראך און נישט די שפּראך פון דער וועלט־ביבעל? דערויף ענטפערט פּראָפעסאָר ספּיער פון מעדיסאָן יוניווערזי־טעט: די העברעישע שפּראך איז א געפּי־נישטע.. זי איז געאייגנעט בלויז פאר דער רעליגיאָן און קען דאדורך נישט אדאַפּטירט ווערען אלס א מעדיום פאר אן אלגעמיינע עדיוקיישיאָן. זי איז אמאָל געווען די שפּראך פון גרויסע גייסטער וועלכע האָבען ענטוויקעלט א גרויסע קולטור, דאָס איז געווען אמאָל.

איינלייטונג

עס געהט אז א מלחמה צווישען אלע ציוויליזירטע שפראכען פון דער צייט וועז די ערשטע שריפט איז געשאפען געווארען, א מלחמה איז וועלכער פיעלע פון זיי האבען שוין זייער ראלע אפגעשפיעלט און פיעלע קעמפען נאך הערויש א פערצווייפעלטען קאמף, א מלחמה וואס ווערט געפיהרט נישט פון אויטאקראטען, דעמאקראטען, פרעזידענטען אדער מאנארכען, ווי עס ווערען געפיהרט די פאליטישע מלחמות, נאר פון דעם וואקסענדען גייסט אין דער שוועבענדער צייט; א מלחמה וואס איז נישט בכוח צו געבען א וואפען־שטילשטאנד אפילו אויף איין טאג; זי איז טויב צו דעם געשריי פאר שלום, זי ווייסט נאר פון איין ווארט און דאס איז: "זיעג", פון איין אידעאל און דער איז: "איין שפראך פאר דער גאנצע מענשהייט".

שוין טויזענדע יאהרען ווי דיעזע מלחמה עקזיסטירט. ווילאנג נאך זי וועט דויערען קאן מען נישט זאגען. וואס אבער מען קאן יא זאגען איז, אז קיין שפראך אין דער וועלט וועט קענען אויס־האלטען איהר נייטראליטעט. אלע ווערען זיי כסדר אריינ־געצויגען אין דיעזער מלחמה, אלע מוזען זיי פרובירען זייערע כוחות געגענאיבער די כוחות פון זייערע געגנער. די שוואכערע מוזען נאטירליך פאלען. די געזונדטערע ווען נאך פאר א צייט

פארטזועצען דעם קאמף ביז די נאך שטארקערע וועלען ווידער זיי בעזיעגען. דאס אינטערעסאנטע אין דיעזער מלחמה איז: וואס זי פאדערט קיין בלוט נאר סענטימענטען, און דאס זי פערניכטעט קיינע נאציאנען נאר טראדיציאנען.

אמאל האט א פאלק געקעמפט צוזאמען מיט זיין שפראד געגען די אנדערע פעלקער מיט זייערע שפראכען—א בעזיעגט פאלק האט געמוזט דורך געוואלד אננעמען די שפראד פון דעם זיעגער—היינט אבער, זינט עס איז מעגליך געווארען פאר אייניגע פעלקער צו לעבען אונטער איין שפראד און פאר אייניגע שפראכען צו לעבען אונטער איין פאלק, האט זיך די שפראכ־מלחמה אבגעטיילט פון דער פאליטישע מלחמה, און ווי די געשיכטע ווייזט אויף, האבען די פאליטישע מלחמות געהאט לאנגע פעריאדען פון שלום צווישען זיך, אבער די שפראכ־מלחמה אפילו אויף קיין אייציגען טאג.

פילאלאגישע פארשונגען ווייזען אויף אז, אינצווישען די 5 אדער 6 טויזענד שפראכען וואס אונזער מענשהייט רעדט, ביי היינטיגער צייט, זיינען נישט דא אפילו א האלב דוצענד פון זיי וואס זיינען עלטער פון א טויזענד יאהר. פון דעם דאזיגען האלב דוצענד איז נישט דא איינע אין דער פראנט־רייע צווישען די טאן־פיהרענדע שפראכען אין אונזער ציוויליזאציע. אפילו די אראבישע שפראד, וועלכע האט אין אכטען יאהרהונדערט בעהערשט די גאנצע ציוויליזאציע איבער אזיע און א גרויסען טייל פון עוראפא, אין דער צייט ווען די יעצט ציוויליזירטע פעלקער האבען זיך נאך געקינדעלט, איז יעצט הינטערשטעליג געבליבען פאר די ווילדע פעלקער. מאקס מיללער האט פערצייכענט א אונקאמפלעטע ליסטע פון 82 אבגעשטארבענע שפראכען. אויב מיר געפינען ביי היינטיגער צייט, צוליעב דער לעצטע וועלט־

מלחמה, איינינע קליינע פעלקערלעך וועלכע זיינען אויפגעשטאנען תחית־המתים און פרובירען ווידער אויפצולעבען זייערע איי־גענע שפראכען וועלען זיי זיכער, אין א קורצע צייט אויסגעפינען וויוויט זייער חשק געפינט זיך פון דער מעגליכקייט.

די געשיכטע פון דער דאזיגע מלחמה האט אויפצוצייגען פאלגענדע מערקווירדיגע פאקטען: 1) עס איז מעגליך אז די שפראך פון א בעזיעגטעם פאלק זאל בעזיעגען די שפראך פון זיינע פאליטישע זיעגער, 2) אז א פאלק זאל אונטערגעהן צוליעב דעם וואס זיין שפראך איז אונפעהיג נאכצוקומען די פאדערונגען פון דער פראגרעסירענדע צייט, 3) אז א שפראך קאן אונטער־געהן אהן דאס פאלק וואס רעדט איהר, 4) אז אין גרונד זיינען אלע שפראכען אינטערנאציאנאל און נאציאנאל בלויז אין פארם, 5) ענדליך, אז וואס ווייטער די מענשהייט געהט אין דער צוקונפט אריין דאס וועניגער פלאץ בלייבט פאר פיעלע שפראכען.

די גרונד־פערשיעדענהייט צווישען די שפראך־מלחמה און די פאליטישע מלחמות ליגט אין די מעטאדען פון זייער קאמף. די פאליטישע קעמפט מיט מאכט און די שפראכליכע מיט פער־נונפט. די פאליטישע צעשפליטערט און די שפראכליכע פער־אייניגט. די פאליטישע לאזט הינטער זיך שנאה און די שפראכ־ליכע אימער מעהר פריינדשאפט: דער דיפלאמאט שווייגט און געווינט דאדורך פערדאכט, וואו דער ריידנער געווינט צוטרויען פאר זיין ריידען. עס איז קיין ספק נישט אז, ווען עס וואלטען נישט געוועזען די אפטע פאליטישע רייסערייען צווישען אונזער מענשהייט, וואלט די שפראך־מלחמה שוין יעצט פיעלייכט גע־האלטען נאהענט ביי איהר סוף.

פאר די וואס אינטערעסירען זיך מיט שפראכ־פראגען בכלל, איז עס זעהר כדאי זיך צו באקאנען מיט דער געשיכטע פון דיעזע מלחמה, און מיט דעם קאראקטער פון איהרע וואפען,

וואָס ווערען דאָ אנגעווענדט צווישען אַלע קעמפענדע צדדים. אויסער דעם וואָס די לעקציע איז אַן־און־פאַרזיך לעהררייך, גיט זי אויך דעם שטודירענדען די מעגליכקייט פאַראויסצוזעהען דעם שיקזאַל פון יעדען איינעם פון זיי. פאַר אונז אידען, פאַר די וואָס זיינען פעראינטערעסירט אין דעם קאַמף צווישען העברעיש און יודיש, איז די בעקאַנטשאַפט מיט דער געשיכטע פון דיעזער מלחמה, אַן אונשאַצבאַרער אוצר.

אין די פאָלגענדע אַבהאַנדלונגען וועלען אַלע דיעזע בעהויבטונגען פעסטגעשטעלט ווערען.

דער ערשטער זיעג

וואָס האָט אַריבערגעפיהרט די ציווילִיזאַציע
פון אַזיע נאַך עוראָפּע.

אַ כעסן, אין זיין ריגזה, עפענט זיין מויל ווען זיין לשון
האָט איהם פערלאָזען, און פערמאַכט די אויגען פאר שאַנדע.

דער ערשטער זיעג

אלע רעליגיאנען זיינע געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען, נישט אין עוראָפּע נאָר אין אזיע; אלע תורות פון אלע רעליגיאנען וועלכע בילדען דעם אנהויב פון אלע היינטיגע ליטעראטורען, די ביבעלס וועלכע שפּייזען און בעגייסטערן שוין זייט טויזענדע יאָהרען כמעט דאָס גאנצע גייסטיגע מענשהייט זיינען געשאפען געוואָרען נישט אין עוראָפּע נאָר אין אזיע; אלע היינטיגע וויסענשאפטען וועלכע האָבען גאָט'ס גרויסע וועלט קליין געמאכט און דורך אלע ימים אונזער מענשהייט הין־און־צוריק אריבערגעפיהרט נאך אלע וועלט־טיילען אָהנע נסים מצרים; אפילו די וועלכע האָבען מיט עלעקטרישע לאָמפּען ליכטיג געמאכט די פינסטערע נאכט און דעם מענשען אויפגעהויבען מיט אייזערנע פליגעל אין דער הויכע לופט איבער די וואָלקען, נאך אלע ריכטונגען אָהנע בעצייכענטע וועגען, זיינען געבויט אויף פונדאמענט־שטיינער אויס אזיע; אבער, וואו איז יעצט אזיע אין פערגלייך צו עוראָפּע? ווי קומט עס אז זי איז אזויווייט הינטערשטעליג געבליבען פון עוראָפּע? האָט עוראָפּע איהר ארויסגעשטויסען, אָדער איז זי ארויסגעפאלען פון צווישען די מאַרשירענדע רייען פון די עוראָפּעישע פאָרטשריטלער?

פון דעם טאָג ווען די גריכען האָבען פערוואנדעלט 5 בוכשטאבען פון זייער אלף־בית צו וואָקאלען, די וואָקאלען אריינ־

געשטעלט צווישען די קאָנסאָנאַנטען אין דער שורה, האָט זיך דאָס גליק פאַר דער צוקונפט אָבגעקעהרט פון אזיע נאָך עוראָפּע. דער דאָזיגער אַקט האָט מעגליך געמאַכט צו שרייבען געשווינדער, קלאָהרער און זיכערער. געשווינדער ווייל עס איז אוננייטיג געוואָרען איבערצוגעהן נאָכאַמאָל די געשריבענע שורה אוועקצו־שטעלען נקודות, ווי עס איז נייטיג ביי די אָריענטאַלישע שפּראַכן; קלאָהרער ווייל דאָס לעזען איז דאַדורך פעסטגעשטעלט, און בעפרייט דעם זכרון פון צו געדענקען ווי אַזוי דער טאַטע אָדער דער זיידע האָט געלעזען יעדעס וואָרט; זיכערער ווייל עס האָט מעגליך געמאַכט צו אויסלייגען אַנדערש, עהנליך קלינגענדע ווערטער. אַשטייגער ווי צאָל (מאָס) און צאָהל (אַ חוב).

פאַר די פעלקער וועלכע האָבען געזוכט אַ רוהיג לעבען, ביים אַקער און ביי די סטאַדעס שאָף און רינדער, האָט אזאַ רעפאָרם געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּען ווערטה. דאַגעגען פאַר די קריגערישע גריכען איז דאָס געוועזען אַן אונגעהייער גרויסער זיעג איבער די שפּראַכען פון די רוהיגע פעלקער. דער רעפאָרם האָט פער־לייכטערט די בעציהונג צווישען די אויסגעשפּרייטע גריכישע אַרמייען און קלאָהרער געמאַכט די מיליטערישע אינסטרוקציעס אויף זייער קריעגס מאַרש.

אין אַזאַ פאַל האָט דער זיעג פון אַ שפּראַך געהאָלפען די פּאָליטישע מלחמה.

פיעל אַנדערש וואָלט היינט אויסגעזעהן די יודישע געשיכטע ווען די יודען וואָלטען געקאָפּירט דעם גריכישען רעפאָרם אין דער העברעישע שפּראַך אַריין. מיר ווייסען אַז די גריכישע שפּראַך האָט אַריינגעדרינגען אין ארץ ישראל, האָט ווייט צוריק־געשטויסען דאָס העברעישע אין איהר אייגען לאַנד, וועהרענד העברעיש, אַלס אַ ריידענדע שפּראַך, איז קיינמאָל אַריבער די גרענצען פון ארץ ישראל.

דא דארף מען נישט פערגעסען דעם פאקט אז, מיט דעם איינדרינגע פון א פרעמדע, און א רעפארמירטע שפראך, קומען אויך מיט, פרעמדע מנהגים און פרעמדע קולטורען. נאטירליך, פערשטעהט מען דערויס אז, די איינגעזעסענע מנהגים און די אייגענע קולטור ווערען דאדורך צוריקגעשטויסען, אדער גאר, אינגאנצען ארויסגעטריבען. עס איז ווי כמעט זיכער אז דאס איינדרינגען פון דער גריכישע שפראך אין ארץ ישראל האט אונטערגעגראבען דעם באזיס פון דער יודישע עקזיסטענץ, און די פאליטישע מלחמה האט איהר שפעטער געענדיגט.

לאמיר אקארשט געבען א בליק אויף, ווי האלט עס היינט מיט די פעלקער וועלכע האבען קיינע וואקאלען אין דער שורה פון זייערע שפראכען? אין וואסערע א שטופע פון דער ציווילי־זאציע שטעהן זיי היינט? לאמיר אנהויבען מיט פעלקער וועלכע בעדיענען זיך מיט איינזילביגע שפראכען ווייל, די איינזילביגע שפראכען זיינען אויף דער ערשטע שטופע אין דער ענטוויקלונג פון אלע מאדערנע שפראכען.

איינזילביגע שפראכען ווערען, זייט אונדענקליכע צייטען, נאך היינט גערעדט אין זיד־אסטליכען טייל פון אזיען צוליעב דעם וואס די בודהיסטישע און קאנפוציישע רעליגיאנען בעדיענען זיך מיט זיי. זייערע גלויביגע ווילען זיך מיט דיעזע שפראכען נישט שיידען ווייל זיי ווערען פערהייליגט ווי אונזער לשון־קדש. צווישען זיי געפינט זיך אויך א גרויסע צאהל פון געצענדינערישע פעלקער וואס בעדיענען זיך מיט איינזילביגע שפראכען. געאגראפיש ווערען די איינזילביגע שפראכען געטיילט אין 3 גרופען. די שפראכען פון כינע, די שפראכען פון די אינדא־כינעזער, און די שפראכען פון טהיבעט און הימאליי. אין איעדע פון דיעזע גרופען געפינט זיך א גרויסע צאהל פון דיאלעקטען אויף דעם

איינזילביגען סיסטעם. אַ ליסטע פון דיעזע שפּראַכען געפינט זיך אין גאָלדבלאַטטס יודישע ענציקלאָפּעדיע, באַנד 2 זייט 393. די קולטור פון דיעזע פעלקער שטעהן אויף אַ זעהר נידריגע שטופע טראָצדעם וואָס פיעלע פון זיי זיינען פיעל עלטער אַלס די עוראָפּעישע.

די איינזילביגע שפּראַכען האָבען קיין אַלף־בית, ווי די עוראָפּעישע האָבען, נאָר זילבען אַנשטאָט בוכשטאַבען. אַ קאָמבינאַציע פון אַ קאָנסאָנאַנט מיט אַ וואָקאַל, ווי אַ מאָנאָגראַם, מאַכען אַ וואָרט. דעפאַר מוזען די איינזילביגע שפּראַכען האָבען אַן אונגעהייער גרויסע צאָהל פון צייכענס אויף דעם אָרט פון אונזער אַלף־בית. אזוי האָט די כינעזישע שפּראַך 214 צייכענס אין פערגלייך צו אונזער אַלף־בית פון 24 בוכשטאַבען. כינע האָט שוין געהאַט אַ בעדייטענדע קולטור מיט 4000 יאָהר צוריק. איהר פּראָגרעס האָט זיך אָבער אָבגעשטעלט צוליעב דעם וואָס איהר שפּראַך פאָדערט דעם גאַנצען זכרון. איז דען דאָ אַן אַנדער ערקלעהרונג אויף דער פראַגע ווארום אַ פאָלק פון 400 מיליאָן זאָל זיך לאָזען טרעטען מיט די פיס פון אַ פאָלק וואָס צעהלט קוים 50 מיליאָן?

כינע אַליין איז גרעסער מיט 184,260 קוואַדראַט מיילען אַלס גאַנץ עוראָפּע און איהר בעפעלקערונג איז אַ פינפטער טייל פון אונזער גאַנצעם מענשהייט. די שוועריגקייט פון איהר שפּראַך, זייענדיג נישט צוגענגליך צום פאָלק, האָט געשאַפען אַ פּריווי־ליגירטען קלאַס פון שרייבער וועלכער וועדט פון פאָלק פאַרעהרט מיט מורא און ליעבע. דער דאָזיגער קלאַס בעהערשט דעם גייסט פון פאָלק און לאָזט איהם נישט אָוועק פון זיין אַלטע קולטור. די כינעזישע שטודענטען וואָס שטודירען אין עוראָפּע קומען אַהיים מיט עוראָפּעישע אידעען וועלכע זיי קענען נישט איינ־

פלאַנצען ביים פאָלק צוליעב די שווערינקייטען פון זייער שפּראַד. א נייע בעוועגונג, פון אַזעלכע שטודענטען, האָט זיך לעצטענס עטאַבעלירט מיט דעם צוועק צו רעפאָרמירען די שפּראַד. זיי רופען זייער רעפאָרמירטע שפּראַד "פּאַי־הואַ". זיי עפנען סקולס און אין קאָלעדזשעס וואו דיעזע שפּראַד ווערט געלערנט. דער רעפאָרם געהט אָבער נישט ווייט, אוים מורא אַז דאָס פאָלק זאָל זיך נישט אָבשרעקען פאַר אַ צו גרויסען רעפאָרם. זאָל אָבער דאָס כינעזישע פאָלק אַמאָל אָוועקלייגען זיין אַלטע שווערע שפּראַד און אָננעמען אַנייע, אַ מאָדערנע, זאָל עס נאָר אַמאָל ויך בעפרייען פון דער אַלטע פּענטע, וועלען דעמאָלט קומען פינסטערע טעג פאַר די ווייסע ראַסען מיט זייער אונמענשליכע ציוויליזאַציעס. ביז דעמאָלט אָבער איז נאָך אַ גרויסער טאָג. עוראָפּע האָט אַלזאָ נאָך צייט תשובה צו טהון. די צוקונפט פון עוראָפּעישע ציוויליזאַציע איז אַלזאָ אָבהענגיג אַן דעם רעזולטאַט פון דער יעצטיגער שפּראַד מלחמה אויף דעם אָריענטאַלישען קאַמף פּלאַץ.

די יאַפּאַנעזער, וועלכע האָבען איבערגענומען און אויסגע־בעסערט די כינעזישע שפּראַד, האָבען נישט אַן אייגענע קולטור ווי כינע האָט אַמאָל געהאַט, נאָר אַ מאָדערנע. יאַפּאַן שיקט יעהרליך אַ גרויסע צאָהל שטודענטען נאָך עוראָפּע צו שטודירען עוראָפּעישע וויסענשאַפט דורך עוראָפּעישע שפּראַכען. די דאָזיגע שטודענטען, ווען זיי קומען אַהיים, פאַרנעמען זיי די רעגירונגס פּלעצער און הויכע שטעלען אין די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. דאָס פאָלק גופא בלייבט ווי עס איז געוועזען מיט טויזענדע יאָהרען צוריק, עס ווערט אָבער געלייטעט אויף עוראָפּעישע וועגען פון אָהנע צו בעגרייפען וואָס עס טהוט. דער יאַפּאַנעזישער קאָנסול האָט געזאָגט אויף דעם עספּעראַנטאָ קאָנגרעס, מיט 20

יאהר צוריק: די יאפאנעזישע וויסענשאפטס מענער קאנען נאר־טישט אזוי שנעל לערנען די נייע ווערטער וואס ווערען טעגליך נעשאפען מיט די עוראפעישע ערפינדונגען און זיי זוכען דארום זיך צו בעפרייען פון זייער אייגענע שפראך, זי איז צו אלט.

די אראבישע שפראך, וועלכע איז איין אכטען יאהר־הונדערט פערשפרייט געווארען דורך די פאליטישע מלחמות איבער גאנץ אזיע, א גרויסען טייל פון עוראפא און אפריקע, איז אונטער־געגאנגען אלס א ציוויליזירטע שפראך מיט דעם פאל פון דער אראבישע מאכט. די 15 מיליאן וואסריידען נאך היינט אראביש זיינען שוין אין קיין בעריהרונג מיט דער היינטיגע ציוויליזירטע וועלט. וואלט די אראבישע שפראך דעמאלט געהאט נקודות אין דער שורה, האט זי געהאט א גאלדענע געלעגענהייט צו בעהאלטען די קינפטיגע ציוויליזאציע פאר אפריקע, ווייל, אין יענער צייט, זיינען נאך די היינטיגע ציוויליזירטע פעלקער ארומ־געלאפען אין די וועלדער אייגגעהיעלט אין פעלכעלעך ווי די ווילדע אין וויטען אפריקע. אראביש האט שוין געהאט דערגרייכט אן אינטערנאציאנאלען כאראקטער דערמיט וואס אין איהר לי־טעראטור פון וויסענשאפט, קונסט און פילאזאפיע האבען זעהר פיעל מיטגעארבייט יודען, גריכען און פערזער. דער אראבישער בייטראג זעלבסט איז געוועזען אונבעדייטענד קליין ווייל, די אראבער, דענקענדיג אין אראביש אליין, זיינען בעשרענקט געווען אויף איין שפראך, ווהערענד די אנדערע, יעדער דענקענדיג דורך זיין היימ־שפראך, בעת זיי האבען געשריבען אין אראביש, האבען זיך געקאנט ארויסהעלפען מיט זייערע אייגענע שפראכען דארט וואו די אראבישע שפראך האט זיי געלאזען אין שטיך. דערפון נעמען זיך אזויפיעל העברעאישע, גריכישע און פערזישע ווערטער אין דער אראבישע שפראך.

דער גריכישער רעפארם האט נישט געקאנט ראטעווען די גריכישע עקזיסטענץ ווייל גריכענלאנד איז דערטרינקען געווארען אין ווייז און אין זנות. איהר רעפארם איז אבער איבערגעגאנגען אין אלע עוראפעישע שפראכען אריין און מעגליך געמאכט אלעס וואס מיר זעהן היינט.

אראביש האט אלזא איהר ציוויליזאציע נישט געקאנט איינ־ווארצלען און זי האט זיך אריבערגעטראגען נאך עוראפע אזוי־שנעל ווי זי האט געפינען א מעהר פרוכטבארען באדען פאר איהר ענטוויקלונג. די אראבישע שפראך האט אלזא פערלוירען אין איהר קאמף מיט די עוראפעישע שפראכען צוליעב דעם וואס זי האט נייטיג 17 נקודות פאר איהר אלף־בית פון 29 בוכשטאבען מיט 57 ליטאגורען צו קענען לעזען. די אלטע סירישע שפראך, וועלכע האט עבען נייטיג 14 נקודות פאר איהרע 22 בוכשטאבען האט אויך אמאל געשפיעלט א ראלע פון א ציוויליזירטען כאראק־טער. די הינדוסטאנישע שפראך האט נייטיג 17 נקודות, און די סיאמעזישע וועלכע האבען נייטיג 7 נקודות געפינען זיך אויך נישט אין די רייען פון אונזערע פארטשריטלער. עס איז אויך פאקטיש מערקבאר ווי אלע שפראכען וועלכע האבען נייטיג נקודות ווערען היינט, שטופען־ווייז גענצליך פערדרענגט פון די שפראכען וועלכע האבען זיך פון די נקודות בעפרייט.

ערופעישע שפראַכען האָבען די פעהיגקייט צו פערדייען פרעמדע
ווערטער אוים אַלע שפראַכען און זיי צו אַסימילירען
מיט זייער אייגענע. די אָריענטאַלישע, אַבער,
ווערגען זיך מיט זייערע אייגענע.

וואַפען אין קאַמף צווישן די שפּראַכען

„דורד זיין שפּראַד דערקאָנט מען דאָס פאָלק", לויטעט אַ פראַנצויזיש שפּריכוואָרט, און די געלערנטע וועלט געברויכט דאָס אַלס מאָאָס צו מעסטען די ענטוויקלונג פון דעם גייסט פון אַ פאָלק.

אַ שפּראַד ווערט געאורטיילט לויט איהר פיינהייט, דייט־ליכקייט און רייכטום. פיינהייט רעפּרעזענטירט דאָס אידעאַלע, דייטליכקייט: דאָס פּראַקטישע, און רייכטום: די מעגליכקייט צו בעפריעדיגען די פאָדערונגען פון דער פאָרטשרייטענדער צייט. וואָס מעהר אַ שפּראַד בעזיצט פון דיעזע מעלות דאָס מעהר ציוויליזירט איז איהר פאָלק. דאָרט וואו ציוויליזאַציע איז אַ לעבענס־נויטווענדיגקייט קאָן קיין פאָלק מיט וועניג דערפון עקזיסטירען. יעדער וויסענשאַפטסמאַן ווייסט דאָס אַלס אַן אונ־בעשטרייטבאַרע פאַקט. סיידען ער איז פּאַרטיי־בלינד.

דער בעאָבאַכטער מערקט ווי דאָרפסלייט פערלאָזען זייערע דערפער און ציהען נאָד די שטעדט. די שטאָדט מיט איהר רייכערע קולטור ציהט צוזיד. קוים אבער האָט זיד איינער איינגעלעבט אין אַ רייכערע קולטור קען ער מעהר נישט צוריק געהן אין דעם קליינעם אָרט וואו ער איז געבאָרען. איהם שמעקט נישט מעהר דאָס דאָרפישע לעבען ווייל עס נישט אינטעליגענט. ער איז צופריעדען זאָגאַר צו הונגערן מאַטריעל אין דער גרויסער שטאָדט אַלס גייסטיג אין דער קליינע. דיעזער

ביישפּיעל גילט אַלס אילוסטראַציע צו ווייזען ווי דער פּראָצעס פון וואַקסען איז, ביי די גרויסע שפּראַכען גאַנץ גענוי ווי ביי די גרויסע שטעדט, אויף קאָסטען פון די קליינע.

עס זיינען די פיינהייט, דייטליכקייט און רייכטום פון אַ שפּראַך וואָס ציהען דעם מענש צו דער געזעלשאַפט פון אינ־טעליגענץ. די טהעאַטערע, די פּאַרטרעגע און די דעבאַטען וועלכע בעדיענען זיך מיט דער שעהנע שפּראַך, ציהען צוזיך פּובליקומס אַפטמאָל צום דערשטיקען פון ענגשאַפט, בלויז וויל, עס ווילט זיך דעם מענש צו דערגרייכען די טיעפקייט פון דער מענשליכע נשמה, פון וועלכער ער אַליין בעזיצט אויך אַ טייל. דערפאַר, וואָס מעהר ער בעזוכט זיי דאָס מעהר שטייגט זיין לוסט זיי ווידער צו בעזוכען; ד.ה., באופן אַז די שפּראַך איז רייך, פליעסיג און אַנגענעהם.

"נייגירדע" איז דאָס צויבער־וואָרט וואָס האָט געשאַפען דער צויבער־קוואַל וועלכען מיר רופען "שפּראַך" אוים וועלכען עס גיעסען זיך צויבער־טייכען צו בעפרוכטען אַלע פעלדער פון וויסענשאַפט, קונסט און ליטעראַטור. די נייגירדע איז אפילו דאָ ביי אַלעמען, אָבער נישט אַלע קולטאַווירען איהר מיט ענגאַלער אייפעריגקייט. אין בעצוג צו דער שפּראַך האָט דאָס קאָנסערוואַטיווע ענגלאַנד ענטוויקעלט איהר נייגירדע צו דער העכסטער מדריגה.

איך זאָג דאָס "קאָנסערוואַטיווע" ענגלאַנד וויל, איך מיין אַז צוליעב איהר קאָנסערוואַטיזמוס האָט זי עטוויקעלט אַ האַס צו פרעמדע שפּראַכען און אַז אויסערגעוועהנליכע ליעבע צו איהר איינענע. דערפאַר אָבער, האָט קיין שפּראַך אַזאַ רייכען וואָקאַבולאַר (ווערטער־בוך) ווי די ענגלישע. פאָלגענדע פערגלייכונג פון וואָרט־רייכטום צווישען איינינע בעקאַנטע שפּראַכען

מעג אונז דיענען אַלס מאַסשטאַב צו מעסטען דעם פאָרשריט וואָס די גענאַנטע שפּראַכען האָבען געמאַכט ביז דעם היינטיגען טאָג. לויט לעצטע אויסגאַבען פון ווערטער־ביכער האָט:

ענגליש	300,000	ווערטער
דייטש	90,000	ווערטער
איטאַליעניש	85,000	ווערטער
פראַנצויזיש	40,000	ווערטער
שפּאַניש	30,000	ווערטער
העברעיש	6,000	ווערטער

פערגלייכט מען דיעזע רייהע ציפערן מיט דעם גראַד פון דער ציוויליזאַציע ביי די בעטרעפענדע פעלקער, בעגרייפט מען לייכט וויפיעל דער רייכטום פון דער שפּראַך האָט צו טהון מיט דעם רייכטום פון דער ציוויליזאַציע. איהר מערקט אַז די זעלבע שטעלע וואָס ענגליש פערנעהמט צווישען די שפּראַכען פערנעהמט אויך ענגלאַנד צווישען די פעלקער. די עהנליכקייט פון דער אַמעריקאַנער קולטור צו דער ענגלישע ערקלעהרט זיך אויך אויף דעמזעלבען גרונד

אין פלוג וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז די גרינגסטע שפּראַך צו לערנען איז די וועלכע האָט די קליינסטע צאָהל פון ווערטער, פאַקטען צייגען אבער פונקט דאָס אומגעקעהרטע. די ענגלישע גראַמאַטיק האָט די וועניגסטע כללים פון אַלע שפּראַכען אין דער וועלט, און ווערט גערעדט פון דער גרעסטע צאָהל מענשען. די אורזאַך דערפון איז איינפאַך. וואָס וועניגער ווערטער אַ שפּראַך האָט דאָס וועניגער מעגליכקייט האָט זי נייע־געבאָרענע בעגריפע אויסצודריקען. פיעלע בעגריפע מיט וועניג ווערטער מערטומלען דעם שכל.

די מאָדערנע צייט גיט דעם פאָלק זעהר וועניג צייט זיך צו מאַטערן מיט שווערינקייטען אין דער שפּראַך. די טענדענצען

פון פראַקטישען פראַגרעס געפינען זייערע מעגליכקייטען אויס־געפיהרט צו ווערען נאָר אויף דער געשווינדיגקייט. דייטליכקייט העלפט די געשווינדיגקייט און די געשווינדיגקייט רעאַליזירט דאָס וואָס עס לאָזט זיך נישט רעאַליזירען דורך לאַנגזאַמקייט. זעהר אָפט בעקלאָגט איהר אייער מזל דערפאַר ווייל איהר האָט נישט גלייך פערשטאַנען די וויכטיגקייט פון אַ זאַך, און אַז אַנדערער האָט זי פון אייער אויסזיכט דערוויייל צוגענומען. איהר פיהלט דעמאָלט ווי אונגליקליך איהר זיינט וואָס איהר האָט נישט געהאַט דאָס גליקליכע וואָרט זיך צו בעוואָרנען אין צייט. צושפעט קומט איהר צו דער איבערצייגונג אַז צייט איז אַלעס אין דער היינטיגע וועלט.

געשווינדיגקייט איז, ביי דער היינטיגער צייט, איינע פון די וויכטיגסטע וואָפען אין קאַמף צווישען די שפּראַכען. די מאַשינען וואָס פערשטאַרקען די געשווינדיגקייט פּראָדוקטיוו, טרייבען אויך די אינדוסטריען צו אַ אייביג שנעלערער געש־ווינדיגקייט איבער די וועלט־מאַרקטען. הונדערטע נייע ערפינ־דונגען ווערען געשאַפען יעהרליך און יעדע נייע ערפינדונג, זאָגען מיר מאַשין, איז צוזאַמענגעשטעלט פון הונדערטע טיילען. נייע טעכנישע ווערטער מוזען געשאַפען ווערען פאַר זייערע פונקציעס און פאַר די נעמען פון זייערע טיילען. צו געבען די ערפינדונג אַן ערפאָלג מוז די שפּראַך אימשטאַנד זיין דיעזע נייע ווערטער צו פערצייכנען אַקוראַט, אַזוי אַז די פרעמדע פעלקער זאָלען זיי קענען בעגרייפען, און זאָגאַר איינשליעסען אין זייערע אייגענע שפּראַכען אַריין. נייע ווערטער קלינגען פרעמד אין דער אייגענע שפּראַך, בפרט נאָך אין די פרעמדע שפּראַכען וועלכע האָבען נאָך קיין בעגריף איבער די נייע ערפינדונג. די שפּראַך מוז דאַרום זיין פּאַנקטיש (פריי פון נקודות) בכדי די אַנדערע פעלקער

זאָלען זיי קענען איבערשרייבען ווען זיי דאַרפען מאַכען אַ בע־שטעלונג אויף וועלכען ס'איז טייל פון דער מאַשין. די שפּראַך איז וועלכער דיע מעהרסטע ערפינדונגען ווערען געמאַכט ווערט דורך זיי נישט נאַר אַליין רייכער נאַר, צווינגט אויך פרעמדע שפּראַכען איבערצונעמען איהרע ווערטער אין זייערע ווערטער־ביכער אריין. דאַביי איז אויך צו בעמערקען אַז נקודות קאָן מען נישט טעלעגראַפירען.

דיזעלבע געשווינדיגקייט וואָס האָט געטריבען צו דער ערפינ־דונג פון דער שרייב־מאַשין טרייבט יעצט די מאַשינ־שרייבער צו דער גרעסטע געשווינדיגקייט. קאָנקורסען ווערען אָפט פער־אַנשטאַלטעט צווישען די מאַשינ־שרייבער אין אַלע ציוויליזירטע לענדער און דיפּלאָמען ווערט געגעבען צו די געשווינדעסטע מאַשינ־שרייבער. די דורכשניטליכע געשווינדיגקייט פון דער שרייב־מאַשין (טייפּ־ווריטער) איז 70 ווערטער אַ מינוט, און די העכסטע 208 ווערטער אַ מינוט. אין איינעם פון די פּאַריזער קאָנקורסען האָט אַ מאַשינ־שרייבער אויפגעשריבען 17,000 ווערטער אין דער צייט וואָס דער געשווינדעסטער האַנד־שרייבער האָט אויפגעשריבען 9000 ווערטער. די סטענאָגראַפיע איז אויך געשאַפען געוואָרען צוליעב דער געשווינדיגקייט אָבער, זי לײדט פון דעם פעהלער וואָס זי מוז איבערשרייבען אויף קלאָהר וואָס איז דורך איהר פריהער געשריבען געוואָרען בקיצור. צוליעב דיעזע לאַנגזאַמקייט פון דער סטענאָגראַפיע איז ערפינדען גע־וואָרען דער דיקטאַפאָן. דאָס אַלעס איז צו ווייזען אַז די אונגע־דולד וואַקסט מיט יעדען פאָרטשריט און לאָזט נישט איבער קיין צייט זיך צו מאַטערען מיט שווערע שפּראַכען.

איבער דער געשווינדיגקייט פון פּראָגרעס וואָס אַ מאָדערנע שפּראַך מאַכט אין איהר קאַמף מיט די איבריגע שפּראַכען איז

כדאַי אַנצוגעבען: 1) די צאָהל פון מענשען וואָס רײדען איהר אין די פערשיעדענע פעריאָדען און: 2) די צאָהל פון ווערטער וואָס זײנען צוגעקומען װהערענד דעם וואוקס פון דער צאָהל פון רײדנער וואָס רײדען דיעזע שפּראַך. פאַר דיעזען צוועק וועהלען מיר ווידער די ענגלישע שפּראַך ווייל, זי איז די רײכס־טע פון אַלע.

ענגליש איז גערעדט געוואָרען פון מענשען איין:

11טען	יאָהר־הונדערט	1,150,000
13טען	„	3,150,000
15טען	„	4,000,000
16טען	„	6,000,000
17טען	„	8,500,000
18טען	„	21,000,000
19טען	„	116,000,000
20טען	„	200,000,000

פערגלײכט מען די אויבערשטע ציפערן מיט דעם ריזיגען וואוקס פון דעם ענגלישען וואָרט־שאַץ, שטעלט זיך אַרויס, אַז קײן שפּראַך אין דער וועלט קאָן איהר פאָרטשריט נישט נאָכקומען, און אַז איהר זיעג איבער אַלע אַנדערע איז בלויז אַ פראַגע פון צייט. דער וואוקס פון דעם ענגלישען וואָרט־שאַץ זעהט זיך קלאָהר אין דער פערגלײכונג פון פאָלגענדע ווערטער־ביכער:

דזשאָהנסאָן, 1775	58,000	ווערטער
„ 2טע אויפל.	63,000	„
וועבסטער, 1828	70,000	„
אימפּעריאַל 1875	100,000	„
וואוסטער, אַמעריקאַנער	116,000	„
וועבסטער, 2טע אויפל.	118,000	„
אימפּעריאַל, 2טע אויפל.	130,000	„
ללאָידס	180,000	„
בריטאַניקא	300,000	„

וועהרענד ענגליש פיהרט איהר קאַמף געגען אַלע אַנדערע שפּראַכען איז זי אָבער פעראייניגט מיט אַלע עוראָפּעישע שפּראַכען אין זייער קאַמף געגען אַלע ניט־עוראָפּעישע. די פאָלגענדע טאַבעלע צייגט דעם פּראָגרעס פון 5 עוראָפּעישע שפּראַכען איבער אַלע ניט־עוראָפּעישע אין פערלויף פון יאָהר 1801 ביז 1890.

	1801	1890	אונטערשיעד
ענגליש	21,000,000	111,000,000	90,000,000
פראַנצויזיש	31,450,000	51,200,000	19,650,000
דייטש	30,320,000	75,000,000	14,880,000
רוסיש	30,770,000	75,000,000	45,230,000
שפּאַניש	26,190,000	42,000,000	16,610,000
טאָטאַלער אונטערשיעד פאַר 90 יאָהר			186,370,000

אונטער דערזעלבע צייט האָט זיך די וועלט בעפעלקערונג פערגרעסערט מיט אַ ערך פון 34,000,000 בלייבט אַ געווינס פאַר די אויביגע 5 שפּראַכען אַליין 152,370,000 אין פערלויף פון 90 יאָהר. מיט בלויז 9 יאָהר שפּעטער געפינען מיר שוין

אַ געווינס פאַר ענגלאַנד פון 116,000,000
″ רוסלאַנד 85,000,000
″ דייטשלאַנד 80,000,000

מען קאָן זיך שוין פון דיעזע ציפערן פאָרשטעלען ווי עס וועט האַלטען מיט דעם שפּראַכען־קאַמף מיט איין הונדערט יאָהר שפּעטער, און ווי אונזערע העברעיסטען מיט די יודישיסטען וועלען שטעהן אויף די קברים פון ביידע זייערע שפּראַכען, מיט געבויגענע קעפּ און פערבראָכענע הענד, מורמלענדיג, בלחש: ״גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען—ברוך דיין אמת!״ און זייערע קינדער וועלען זינגען ״טאַראַראַ־בום־די־איי״.

די שפּראַך טראָגט אין איהר זכרון די געשיכטע פון
דעם פאָלק וואָס רעדט איהר. אין זיין פערצווייפלונג
דערמאָנט זי איהם אין זיינע אמאָליגע העלדענ־
טהאַטען, מונטערט איהם צום נייעם קאַמף
פאַר אַ בעסערם לעבען, ווען נישט
פאַר זיך, כאָטש פאַר זיינע קינדער

וואַפען אין קאַמף צווישען די שפּראַכען

II

ענגליש און איהר נאָהענטעסטע קאָנקורענטין, דייטש, קומען אייגענטליך פון איין שטאַם, טראָצדעם וואָסביידע פעלקער געהערען צו צוויי פערשיעדענע ראַסען. אין נײנטען יאָהר־הונדערט האָט די דייטשישע שפּראַך שוין געהאַט ווייט אריבער געשטיגען די ענגלישע. די יוטען, זאַקסען, נאָרמאַנען און דענען, אַלע פון דייטשישען שטאַם, האָבען געהערשט איבער ענגלאַנד פון 450 ביז 1100 פון אונזער צייט־רעכנונג. אונטער זייער הערשאַפט האָט די ענגלישע שפּראַך, נאַטירליך, נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו ענטוויקלען אויף איהר אייגענעם שטייגער. דער ריעזיגער ערפאָלג פון ענגליש איבער דייטש, אין אזא קליינע צייט לאָזט זיך ערקלעהרען אויף צוויי אופנים. דער ערשטער איז: איהר איינפאַכע גראַמאַטיק, דער צווייטער: איהר טאַקטישע שטעלונג אין דער ענגלישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. די דייטשישע גראַמאַטיק איז זעהר קאָמפּליצירט, און די דייטשישע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק איז שטרענג מיליטעריש און ברוטאַל.

אין יעדע ענגלישע קאָלאָניע זוכט ענגלאַנד, נישט צו אונטערדריקען די שפּראַך פון דעם אָרטיגען פאָלק, נאָר צו געבען די ענגלישע שפּראַך אַ גלייכע אָפיציעלע שטעלונג מיט דער אָרטיגע. אונזער נאָהנטעסטע ביישפּיעל איז פּאַלעסטינע. דאָרט זיינען אָפיציעל אָנערקענט העברעיש, אַראַביש און ענגליש. פּאַלעסטינע, זייענדיג די יונגסטע פון אַלע פיהלט נאָכנישט די געפאַהר פון

ענגליש איבער ביידע אַנדערע אָפיציעלע שפּראַכען. אין זיד־אַפריקע אַבער, פיהלען די בורען די ענגלישע געפאַהר איבער זייער שפּראַך זעהר שטאַרק, איבערהויבט איבער די יוגענד פון די סקול־עלטער.

די עלטערן האָבען דאָרט דאָס רעכט צו זאָגען אויף וועלכער שפּראַך די קינדער זאָלען אונטעררריכטעט ווערען. שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז די קינדער וואָס ווערען אונטעררריכטעט אין דער בורענ־שפּראַך (טאָאַל) בלייבען ווייט הינטערשטעליג פון די קינדער וואָס ווערען אונטעררריכטעט אין ענגליש. די אור־זאַכען זיינען: 1) די ענגלישע שפּראַך איז רייך און טאָאַל איז אָרים, 2) ענגליש איז אַ וועלט־שפּראַך און טאָאַל איז בעגרענעצט אין די ראַהמען פון אַ קליינע לאָקאַליטעט, 3) ענגליש ענטהאַלט דאָס העכסטע פון אַלע וויסענשאַפטען וואָס קענען געלערנט ווערן אין אַ רייכע שפּראַך, 4) ווייל אַ דיפּלאָם פון אַ קאָלאָניאַלע אוניווערזיטעט האָט בלויז אַ קאָלאָניאַלען ווערט, און דאָס איז זעהר ווענינ. אין דער קאָלאָניע גופא ווערט אַזאַ דיפּלאָם גרינג געשאַצט. צוליעב דעם פאָהרען אַלע קאָלאָניאַל־דיפּלאָמירטע שטודענטען נאָך ענגלאַנד דאָרט זיך פאָרצובערייטען צו אַ נייעם עקזאַמען, און דאָס מיינט ווידער ענגליש. ווייל דאָ איז די היימ־שפּראַך אויף קיין נוצען. דערפאַר פיהלען די בורענעלטערן דאָס זייערע קינדער ווערען דאָדורך אָבגעריסען פון זייער פאָלק.

דאָס איז די איינציגע אורזאַך וואָס די בורען זוכען זיך לויז־צורייסען פון ענגלאַנד. זיי ווייסען אַז זיי קענען אָהן ענגלאַנדס הילף נישט לייכט אויסקומען, זיי ווילען פשוט נישט אונטערגעהן. גענעראַל הערצאָג, זייער ליעדער, ווען ריידען ענגליש נאָר דאָרט וואו ער מוז, און גענעראַל סמוטס, זייער אַז אייגענער, ווען ריידען די בורענ־שפּראַך נאָר דאָרט וואו ער מוז. זיי האַלטען איהם שוין דערפאַר אַלס אַן אַסימילאַטאָר.

דער זעלבער ביישפּיעל שפּיעלט זיך אָפּ אין אַלע ענגלישע קאָלאָניעס, מיט מעהר אָדער וועניגער ווידערשטאַנד, אָבער אימער און איבעראַל, זיעגט די ענגלישע שפּראַך. אין פּאַלעסטינע איז נאַטירליך צו ערוואַרטען אַ פיעל שאַרפערער שפּראַכען־קאַמף ווייל, אין אַפריקע איז עס אַ דועל, אין פּאַלעסטינע וועט עס זיין אַ פיעל שפּראַכיגער קאַמף.

דייטשלאַנד האָט אַ "פּאַן־גערמאַניסטען פעראיין" וועלכענס אויפגאַבע עס איז צו פערברייטען די דייטשישע שפּראַך איבער דער וועלט, מיט ראַטה און טהאַט. דייטש ווערט געלערנט אין די שולען פון אַלע ציוויליזירטע לענדער, אפילו דאָרט וואו די דייטשע בעפעלקערונג איז אונבעדייטענד. דאָרט וואו די דייטשע בעפעלקערונג איז בעדייטענד זאָרגט שוין דיעזער פעראיין אַז די קינדער זאָלען קריגען אַ דייטשע בילדונג גלייך מיט די פון דייטשלאַנד גופא. אַז ענהליכע אָרגאַניזאַציע איז אויך פאַראַן אין פראַנקרייך (אַליאַנס פראַנצייז) און טהוט פאַר פראַנצויזיש וואָס די גערמאַניסטען טהון פאַר דייטש. דער פּאַן־סלאַוויסטען פעראיין פון צאַרישען רוסלאַנד האָט די רוסישע שפּראַך פערברייטעט דורך ליטעראַטור, און וואו מעגליך, אויך מיט צאַריסטישע גע־וואַלט. די ענגליש ריידענדע פעלקער האָבען אַזאַ פעראיין נישט נייטיג. זיי זאָגען פשוט: "דו דאַרפסט מיך, רעד צו מיר אין מיין שפּראַך".

עס איז שוין איינינע מאָל פּראָיעקטירט געוואָרען צו האַלטען אַ קאָנפערענץ צווישען ענגלענדער פראַנצויזען און אַמעריקאַנער, צו פעראייניגען ביידע שפּראַכען אין איינע. דייטשלאַנד האָט שוין זאָגאַר געהאַט איינגעוויליגט אַריינצוברענגען אויך איהר שפּראַך אין דער פעראייניגונג ווייל, אַלע דריי האָבען צווישען זיך פיעל געמיינשאַפטליכעס, עס אָבער נישטס דערפון געוואָרען צוליעב שאָוויניסטישע אורזאַכען. דער פאַקט אַליין איז אַן־און־

פארזיך איז א בעוויז אז די שפראכ־מלחמה פיהרט זיך אויף איהר אייגענעם שטיינער און אויף איהר אייגענע אחריות.

א פעראייניגונג פון דיזע שפראכען איז מעגליך אויף פאל־גענדע גרונדען: 1) זיי שטאמען פון איין שטאם, 2) די קולטור איז ביי אלעמען פון איין שניט און ענטוויקעלט זיך אויף איין אופן, 3) יעדעס ווערטער בוך האט שוין אויפגענומען א זעהר גרויסען טייל פון דעם אנדערענס ווארט־שאץ, 4) דער אוני־ווערסאלער טייל פון יעדענס ווארט־שאץ ווערט גענומען פון גאנץ דיזעלבע קוועלען. דאס רעזולטאט פון אזא פעראייניגונג וואלט געווען: 1) א בעסערע פערשטענדניש צווישען זיי ווי עס עקסזיסטירט צווישען די צוויי ענגליש שפרעכענדע לענדער; 2) עקאנאמיש אין דער ליטעראטור, פטור צו ווערען פון איבער־זעצונגען וועלכע זיינען אין בעסטען פאל א מיסרעפרעזענטאציע פון אריגינאל, ווי אויך אין דער טעלעגראפישע בעציהונג פון איין פאלק צום צווייטען, אין איין שפראך אויףביידע זייטען. 3) פערלייכטערען דעם פארטשריט פון אלע וויסענשאפטליכע צווייגען וואס שפראצען ארויס אין די פערשיעדענע לענדער; און ענדליך, צו פערגרעסערען די ברידערליכקייט צווישען דער אבגעזונדערטע מענשהייט.

דאגעגען איז א פערשמעלצונג פון אן אריענטאלישע שפראך מיט אן עוראפעישע אבסאלוט אונמעגליך, ווייל, זייערע פער־שיעדענהייטען זיינען פון גרונד אויס. פונקט ווי איינע שרייבט זיך פון רעכטס אויף לינקס און די אנדערע פון לינקס אויף רעכטס אזוי פערצווייגט זיך זייער דענק־ארט און זייער גראמאטיק יעדע איז א געגענזייטיגער ריכטונג. די פלעקסיאנען פון די עוראפעישע שפראכען בעוועגען זיך אויף אן אונבעגרענעצטען וועג, און די פון דער אריענטאלישע, אויף א זעהר בעגרענעצטען. צום ביישפיעל:

באַנד

באַנד, באַנדע, באַנדיט, באַנדיטען, באַנדיטערײַ, א.ז.וו.
באַנדאַזש, באַנדאַזשירט, באַנדאַזשירטע, באַנדאַזשירען, געבאַנדאַזשירט, געבאַנדאַזשירטע געבאַנדאַזשירטען, אײַנבאַנדאַזשירן, אײַנבאַנדאַזשירט, אײַנבאַנדאַזשירטע אויסבאַנדאַזשירען, א.ז.וו.
אײַנבינדער, אײַנבינדערין, אײַנבינדען, אויסבינדען, איבערבינדען, אונטערבינדען, אײַנגעבונדענע, אויסגעבונדענע, איבערגעבונדענע אונטערגעבונדענע, א.ז.וו.
פערבינדען, פערבינדענע, פערבינדליך, פערבינדליכע, פערבינדעטע, א.ז.וו.

אזוי קען יעדעס שטאַם-וואָרט, אין יעדער עוראָפּעישע שפּראַד, קאָמבינירט ווערען צו אַ גרויסע פאַמיליע, וועלכע מאַכט אוג־נייטיג צו געדענקען יעדעס וואָרט בעזונדער. אין קיינע פון די אָריענטאַלישע שפּראַכען, העברעיש אײַנגעשלאָסען, קען דאָס נאָכגעטהון ווערען. דערפאַר מוז מען אין זייערע שפּראַכען אָריינ־שטופּען דאָס גאַנצע ווערטער-בוך אין זכרון אריין, און דאָס וואַקסען פון דער שפּראַך ווערט שוין דערפאַר אונמעגליך. אין העברעיש אָדער אין אַראַביש איז דאָס דער פאַל. דאָרט מוז מען זיך אָרומטראַגען מיט דעם גאַנצען ווערטער-בוך אין קאָפּ, און דאָס וואָס געהט נישט אריין בלייבט אין דר'אויסען.

פרעגט מען די שאלה: וואָס איז דער שאָדען אז מען קאָן אזא קאָמבינאַציע נישט פּראָדוצירען, איז דער ענטפער פשוט:— דער זכרון פון מענשען איז בעגרענעצט און דאָס וואַקסען פון דער שפּראַך אונבעגרענעצט. דערפאַר, מוז מען אָרגאַנזירען די שפּראַך אויף אַזא אופן אז עס זאָל דעם זכרון לייכטער זיין צו געדענקען די גרעסטע צאָהל פון ווערטער. די אויבערשטע קאָמ־בינאַציע ווייזט אז אַלע 31 ווערטער שטאַמען פון דעם איינעם גרונד-וואָרט "באַנד". צוליעב די עהנליכקייט פון זייער אַבקלאַנג

עראינערן זיי אונז אין א משפחה. אלעם וואס דער זכרון האט צו געדענקען איז דאס גרונד־ווארט באנד, און די גאנצע משפחה קומט גלייך אין דער רייע צום זכרון, נישט געזונטערהייט. אין אנדערע ווערטער הייסט דאס: דאס איינע ווארט באנד, גיט דעם זכרון א קאנטראל איבער 31 ווערטער. א טויזענד אזעלכע גרונד־ווערטער וועלען דעם זכרון געבען א קאנטראל איבער 31,000 ווערטער. אזא סומע איז שוין א רייכטום פאר דעם אינטעליגענ־טעסטען מענשען. דער גרעסטער בעל־זכרון איז געוועזען דער ענגלישער פרעמיער גלאדסטאן, און לויט דעם פארלאמענטירישען רעקארד האט גלאדסטאן פערברויכט 14,000 פערשיעדענע ווער־טער אין איין רעדע.

אריענטאלישע שפראכען זיינען פאר דער פראקטישע וויסענ־שאפט פון א זעהר קליינעם ווערט וויל, זיי האבען זעהר זעלטען א ווארט פאר א זאך, אדער א זאך פאר א ווארט; שטענדיג א מענגע נעמען פאר איין זאך, און א מענגע זאכען אונטער איין נאמען. אראביש האט א ווערטער־בוך פון 40,000 ווערטער וועלכע זיינען קוים ווערט 4,000 עוראפעישע. אראביש האט איבער 30 נעמען פאר דעם איינעם ווארט "פערד", העברעיש האט 17 נעמען פאר דעם איינעם ווארט "רייכטום", 16 נעמען פאר "ציטערן", 23 פאר "שטארקהייט" א.ז.וו. די אריענטאלישע שפראכען זיינען געבונדען צו 3 אדער 4 שרשים און קאנען דערפאר נישט נאכשרייבען לאנגע ווערטער א שטייגער ווי "פארטפלאנצונגספראגרעס", אדער "סעקסואלפאטאלאגישער־שטאנדפונקט" אדער "געשיכטספראגמאטיסטישערשטאנדפונקט" וויל מען דיזע ווערטער איבערזעצען (וויל מען קאן זיי נישט פאנעטיש נאכשרייבען) ווערט אזא ווארט צעברעקעלט אויף שטיקער און דער ריכטיגער זין ווערט דאביי פערלוירען. אט צו־ביישפיעל דער ענגלישער טיטעל "ליידי" ווערט אין העברעיש

איבערזעצט מיט: גבירה, גברת, שרה, מטרונה און מטרונית. איז קיינס פון דיעזע ווערטער געפינט זיך וואָס מען דאַרף פערשטעהן אונטער דעם וואָרט "ליידי". ליידי איז אַ טיטעל, אַ טיטעל איבערזעצט מען נישט נאָר מען איבערשרייבט איהם בוכשטעבליך. אַלע עוראָפּעישע שפּראַכען טהון דאָס אָנגעבענדיג אַז עס איז אַ טיטעל. טהון דאָס אין העברעיש וואָלט הייסען אפען מודה זיין די סופּעריאָריטעט פון יודיש איבער העברעיש. אַ עבירה שלא מסיני איז ביי די העברעער פיעל גרעסער אַלס מסיני, דערפאַר האָבען מיר וואָס מען גיט אונז, נישט וואָס עס קומט אונז.

אַ פּסיכאָלאָג וואָס קאָן פערגלייכען דעם גייסט פון די אריענטאַלישע שפּראַכען מיט די עוראָפּעישע וועט מערקען אַז וואו די שפּראַך איז רייך דאָרט איז דאָ געלאַסנהייט, איבערלייגטהייט און קלאָהרהייט. דאָרט וואו די שפּראַך איז אָרים איז פאַראַן טונקעלהייט, טומעל, כעס און אונאייניגקייט. אַ כעסן איז אין זיין גרעסטע רגזה ווען די שפּראַך פערלאָזט איהם. דעמאָלט שטאַמעלט ער האַלבע און אונקלאָהרע ווערטער ווייל ער האָט פערלוירען די געדולד זוכענדיג די ריכטיגע, די ריכטיגע וועלכע זיינען אפשר גאָרנישט דאָ.

* * *

די גריכען האָבען זייער אַלף־בית נישט ערפונדען. זיי האָבען איס גענומען פון די יודען, אָדער פון דאָרט וואו די יודען האָבען זייערן גענומען. צעהן בוכשטאַבען פון זייער אַלפאַבעט זאָגען עדות דאַרויף. זיי זיינען: אַלפאַ (א) בעטאַ (ב), גאַמאַ (ג), דעלטאַ (ד), זעטאַ (ז), טעטאַ (ט), יאָטאַ (י), קאַפּאַ (כ), לאַמדאַ (ל), טאַו (ת). די איבריגע זיינען אין זייער קלאַנג אויך עהנליך

צו אונזער אלף־בית. באלד נאכדעם ווי זיי האבען פערוואנדעלט פינף פון זייערע בוכשטאבען צו וואקאלען האבען זיי זיך גענומען אויסארבייטען כללים פאר א גראמאטיק. די יודען האבען זיך וועגען וועם וועניג געקימערט. די העברעישע גראמאטיק איז צו ערשט געשאפען געווארען אין אונזער גלות, דערפאר האבען מיר אין דער העברעישע גראמאטיק מעהרערע יוצאים מן הכלל אלס אין די גריכישע. ארבייטענדיג איבער זייער גראמאטיק האבען די גריכען גענומען טראכטען וועגען שרייבען שנעלער ווי עס לאזט זיך פון רעכטס אויף לינקס און זיי האבען געענדערט אויך דעם דאזיגען אריענטאלישען שטייגער. אזוי איז דאס שרייבען פון לינקס אויף רעכטס פון זיי איבערגעגאנגען בירושה אויף אלע עוראפעישע שפראכען. נאר די יודען זיינען נאך ביז דעם היינטיגען טאג געבליבען אויף זייער אלטען שטייגער.

ווארום די יודען האבען די גריכען נישט נאכגעטהון לאזט זיך נאר ערקלעהרען דאמיט וואס זיי האבען געהאלטען דעם לשון פון תורת משה פאר הייליג, און וואס איז הייליג וואגט מען נישט צו ענדערען. אלס א שפראך פארן פאלק האט עס זיי נישט געארט וועלכע ס'איז. אלס א פאלקס־שפראך האט העברעיש נישט געהאל קיין גרוים מזל. דאס יודישע פאלק האט גערעדט: אראמיש, גריכיש, אראביש אבי נישט ענדערען דעם לשון פון תורת משה. פאר דאס גייסטיגע לעבען איז לשון קדש זעהר גוט, די גריכען און די מאדערנע עוראפעער זיינען מאטעריאליסטיש און טרעטען דאס גייסטיגע מיט די פיס. אפשר, ווען די גאנצע מענשהייט וועט ריידען איין שפראך וועט מען זיך מרחם זיין אויף דעם גייסטיגען אויך, ביז דאהין, האבען נאך די שפראך מלחמות א לאנגען קאמף דורכצושלאגען.

מיין מוטער שפּראַך

איז נישט מיין מוטער געווען
מיין ערשטער לעהרער?

אין מיין הערץ הערט זיך נאָך דאָס צויבער־געזאַנג וואָס
מיין מוטער האָט אויסגעגאָסען פון איהר הערץ
איבער מיין וויגעלע. אָ, מוטער־שפּראַך!
איך האָב דיך געהערט נאָך איידער איך
האָב דיך פערשטאַנען.

מיין מוטער שפּראַך

עס איז שווער צו אויסגעפינען וועלכער פון אונזערע חכמים עס איז געוועזען אזוי נאַריש ווי בעקרויגען די יודישע שפּראַך מיט דעם שטיעף־נאָמען: "שפחה". מיר געפינען די דאָזיגע נאַרישקייט איבערגע'חזירט ביי פּרוג, אחד־העם, און אַ רייהע פון קליינערע חכמים אזוי אָפט ווי עס קומט זיי אוים צו ריידען וועגען יודיש. "ישראל", זאָגען זיי, "איז קיין אַלמן, זיין ערשט ווייב לעבט נאָך"—לויט דיעזע חכמה הייסט עס: ישראל וועלכער לעבט מיט אַ שפחה בעת זיין ווייב לעבט נאָך איז אַ נואף, און אַלע קינדער וואָס ער האָט אויף דער וועלט געבראַכט, מיט דער דאָזיגע "שפחה", פאַר פיעלע דורות, זיינען ממזרים שבממזרים.

אַ איינגעל האָט אַמאָל געפרעגט זיין פרומען טאַטען אויב עס איז אמת אַז מיר שטאַמען פון מאַנקעס (מאַלפּעס), ענט־פערט דער פאָטער מיט כעס:—"דו אפשר יאָ, ניט איך".

אוועקגעלעגט די נאַרישע חכמה אַז אַ זייט, פרעגט זיך: איז דען פאַראַן איין ציוויליזירטעס פאָלק אין דער וועלט וואָס רעדט היינט זיין מוטער־שפּראַך? איז העברעיש אונזער מוטער־שפּראַך? שטאַמען דען נישט אונזערע אבות פון אַראַם? אפשר איז גאָר אַראַמיש אונזער מוטער־שפּראַך?

די אָבות פון די היינטיגע ענגלענדער, פראַנצויזען, דייטשען, איטאַליענער, שפּאַניער, פּאָרטוגעזער, האָלענדער סקאַנדי־וויער און שוועדער האָבען אַמאָל גערעדט גריכיש און לאַטיין; שפּעטער האָבען זיי גערעדט טעוטאָניש, גאָטיש, אַלט־זאַקסיש האָכ־דייטש (פון וועלכע אויך אונזער יודיש איז ענטשטאַנען); דאָך וועט קיינעם פון זיי איינפאַלען אז די שפּראַכען וואָס זיי ריידען היינט זיינען נישט זייערע מוטער־שפּראַכען, נאָר ביי אַ הייפעל פון אונזערע מוז עס אַנדערש זיין—פאַר וואָס? ווייל מיר האָבען אַסאַך נאַראָנים וואָס לאָזען זיך איינריידען?

דער שפּראַכ־וויסענשאַפטליכער ווייסט אז קיין פאָלק האָט במזיד פערלאָזען זיין מוטער־שפּראַך, נאָר, אז אַלע אור־שפּראַכן שטערבען לאַנגזאַם, שטופּענווייז, פשוט פון בלוט־אַרמוט. און אויב ער פערשטעהט דעם גאַנג פון פאָרטשריט, זעהט ער, אז דער איבערגאַנג פון דער מוטער־שפּראַך צו דער זאָגענאַנטע "שפחה" איז ביי יעדען ציוויליזירטען פאָלק דורכגעגאַנגען דעם זעלבען פּראָצעס וואָס האָט פּאַסירט ביים איבערגאַנג פון דעם העברעיש צו יודיש.

דאַנטע ווייזט נאָך ווי אַזוי די איטאַליענער זיינען אריבער־געגאַנגען פון לאַטייניש צום איטאַליעניש. די שרייב־שפּראַך איז דעמאָלט געוועזען אין די הענד פון פּריווילעגירטע קלאַס. דאָס פאָלק פון די פערשיעדענע פּראָווינצען (דעמאָלט מלוכות) האָט אין יעדע פּראָווינץ, דורך די מוטערס, געפאָרמירט דיאַלעקטען פאַרזיך. די געלעהרטע האָבען דאַרום די דאָזיגע דיאַלעקטען גערופען "די ווייבער־שפּראַך". מיט יעדען שריט ווייטער וואָס די פּאָליטישע פיהרער האָבען געמאַכט צו פער־אייניגען די דאָזיגע פּראָווינצען האָבען די שרייבער געזוכט צו פעראייניגען די פערשיעדענע דיאַלעקטען צו איין שפּראַך.

אפילו היינט, ווען דאס ליטערארישע איטאליען איז שוין פעראייניגט ווערט נאך דאס ריידענדע איטאליעניש גערעדט אין די פערשיעדענע פראווינצען אנדערש צווישען זיך, און אלע צוזאמען אנדערש פון דער ליטערארישע שפראך.

אזוי האט פאסירט דער איבערגאנג פון דער מוטער־שפראך צו א מאדערנע ביי יעדען ציוויליזירטען פאלק, און אזוי איז אונזער יודיש ענטשטאנען פון דער "ווייבער־שפראך" בעת אונזערע לומדים האבען צווישען זיך געשריבען אויף לשון־קודש. אבער לומדים זיינען אזוי ווענינ אין צאהל אז זיי פערלירען זיך צווישען א פאלק פון מיליאנען.

* * *

דארום:—

ווען איינער זאגט מיר אז יודיש איז נישט מיין מוטער־שפראך, נאר העברעיש, קוק איך אויף איהם ווי אויף א משוגענעם, אדער ווי אויף א היפנאטיקער וואס זוכט מיר איינצוריידען אז די מאמע וואס האט מיך אויף דער וועלט געבראכט איז נישט מיין מאמע, נאר, אז אלטע יודענע וואס האט געלעבט מיט טויזענדע יאהרען צוריק.

קאן דען א קלאהרער מענש זאגען אז א שפראך וואס נישט 1% פון פאלק פערשטעהט איז די מוטער־שפראך פון גאנצען פאלק, און אז די שפראך וואס 80 פראצענט פון פאלק רעדט שוין פאר איבער אכט הונדערט יאהר איז נישט זיין מוטער־שפראך? וואס וואלט איהר זאגען צו די עגיפטער וואס וואלטען פאדערן פון די היינטיגע עגיפטער צוריק אנצונעהמען די אלטע הירא׳גליפישע שפראך? ווי וואלט דאס קלינגען אין אייערע אויערען צו הערען ווי יענע זאגען: לעגט אוועק אייער אראביש, די שפחה און קעהרט זיך צוריק צו דער אמאליגע גבירתה?— די הירא׳גליפישע שפראך.

וואס? די אנאלאגיע געפעלט אייך נישט? איז דען נישט די היראגליפישע שפראך אמאל געווען דער לשון קדש פאר די עגיפטער? איז דען נישט גריכיש געוועזען דער לשון קדש פאר די גריכען? איז דען נישט לאטיין געוועזען דער לשון קודש פאר די היינטיגע ציוויליזירטע פעלקער? זאגט, אקארשט, קאנט איהר זאגען מיט וויפיעל קדושה איהר קענט בארעכטיגען די עקזיסטענץ פון דעם היינטיגען העברעיש? קענט איהר זאגען וויפיעל רעליג־יעזע עם געפינען זיך צווישען די העברעישע פראפאגאנדיסטען? איך האב שוין געהערט ריידען העברעיש איבער א שיסעל חזיר־פלייש אהנע זיך צו ענטשולדיגען פאר מיר. איז דאס אפשר דער נייער זכות פאר דעם נייעם העברעיש? געפינט איהר דען נישט יודען עסען אין טריפה רעסטאראנטס אין היילינגען לאנד גופא? הערט איהר נישט ווי מען לאכט דארט פון כשרות, אויף העברעיש, אין דער עפענטליכקייט? אוסישקין, אלס אן עהרענ־גאסט אויף א באנקעט אין עמק, פאלעסטינע, האט מיט צארן אויסגערופען צו אלע פערזאמעלטע: וואס'ערע טראגעדיע! איך, ועמען איהר רופט "דער גואל העמק" קאן מיט אייך נישט מיט־עסען בא איין טיש, אייער טיש איז טריפה!.

מערקט אייך, דאס האט אוסישקין געזאגט אויף העברעיש, צווישען העברעער, וואו יודיש איז טריפה!

מיין יודיש־ריידענדע מאמע האט קיין טריפה נישט געגעסען, אייערע מאמעס אויך נישט. וואלטען זיי גערעדט העברעיש איבער א שיסעל חזיר־פלייש, ווי עס טהון די היינטיגע העברעער, וואלט היינט די שפראך מלחמה צווישען העברעיש און יודיש שוין לאנג געשליכטעט געווארען — אויפ'ן בית־הקברות.

אלזא, מיט וועלכע רעכט וויל מען דאס פון מיר צונעמען מיין נאטירליכע מוטער־שפראך? העברעיש איז שעהנער? —

אמת. אזוי איז אויך די שפּראַך פון קינד. די שפּראַך פון קינד איז פוּל מיט צויבער ווייל אַ יעדעס וואָרט האָט אַ מענגע בעדייטונג־ען. אזוי איז אויך די שפּראַך פון דעם פּרימיטיווען מענש, זיין יעדעס וואָרט האָט אויך פיעלע בעדייטונגען. קינדער אָבער מוּזען וואַקסען און פּרימיטיווע מוּזען ציוויליזירט ווערען. די וועלט געהט אימער פאָרגרעסיוו, אַרויס פון דער שעהנהייט אין דער פּראַקטישקייט אַריין. פּראַקטיש איז העברעיש נישט, נישט פאַר קיין פאַל. יאָ, אַלעס וואָס לעבט מוּז וואַקסען, אַרוּף אָדער אַרונטער. העברעיש האָט קיינמאָל געקאָנט וואַקסען אַרוּף, זי איז שטענדיג געוואַקסען אַרונטער. יודיש איז איהר יורש, דאַרוּף זאָגען עדוּת הונדערטע דורות פון יודישען פאָלק, דאַרוּף זאָגט אויך עדוּת אונזער אייגענע עקזיסטענץ. אַלע וואָס האָבען יודיש פערוואָרפען זיינען אַרויסגעפאַלען פון יודישען פאָלק.

די טהעאָריע צו פעראייניגען די יודען פון אַלע לענדער דורך העברעיש איז פאַלש און אונזיניג אויס פאָלגענדע גרינדע: אַכטציג פּראָצענט פון די יודען אין אַמעריקע, ענגלאַנד, פּוילען, רומעניע, ליטע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אוקראַינע און רוסלאַנד זיינען שוין היינט פעראייניגט אויף איין שפּראַך—יודיש. אַ טהאַטזאַך וואָס העברעיש וועט קיינמאָל דערגרייכען, וועהרענד, צווישען די געבליבענע צוואַנציג פּראָצענט איז נישט דאָ איין פּראָצענט וואָס רעדט העברעיש. דער פאַקט איז, אַז די יודען וואָס פערלאָזען יודיש געהען כמעט אַלע איבער צו דער אַסימי־לאַציע און נישט צום העברעישען, אַז די אַסימילאַציע פרעסט אויף מעהר יודען אין איין יאָהר ווי העברעיש קאָן געווינען אין פינפציג יאָהר, ווי אויך, אַז העברעיש זעלבסט איז נאָך קיין רפואה געגען דער אַסימילאַציע. מיר האָבען שוין געזעהן אַז העברעיש מיט יודישקייט זיינען זיך היינט קיינע מחותנים מעהר.

אלזא צו וואס איז די גאנצע מלחמה אויב נישט צו שאפען א בטלנ'ישע אריסטאקראטיע איבער א פערבלענדעטעם פאלק? קען מען זיין אזוי בלינד ווי, נישט צו זעהען אויף איין זייט א פעראייניגונג פון אכטציג פראצענט דורך יודיש און אויף דער אנדערער זייט א צעשפליטערונג פון צוואנציג פראצענט דורך אלע לשונות פון אלע פעלקער, און דאך זוכען צו פערניכטען א גאלדענע געלעגענהייט פאר די יודישע דערלייזונג? קען מען זיין אזוי בלינד ווי נישט צו זעהן אז די צעברעקלטע צוואנציג פראצענט וואלט שוין לאנג געווען אונטערגעגאנגען ווען עס זאלען נישט צוואוואנדערען אימער נייע יודיש־ריידענדע יודען זיי אויפצולעבען אין זייערע מקומות? איז עס נישט א פאקט אז, די גאנצע געשיכטע פון יודישען פאלק, זינט גרוש־שפאניען, איז בלויז א געשיכטע פון דעם יודיש ריידענדען פאלק? איז עס נישט א פאקט אז אלע צרות פון גלות זיינען אויסגעגאסען געווארען בלויז איבער די קעפ פון דעם יודיש ריידענדען פאלק, וועהרענד,די אנדערע האבען זיך אויסגעהיט, אויסגעקויפט, אדער גאר אויסגע'שמד?

דער שכל היושר וואלט זאגען אז מען קאן מעהר בויען אויף א פעראייניגונג פון אכטציג פראצענט ווי אויף א צעשפליטערטע צוואנציג פראצענט. די טהעאריע צו פעראייניגען די יודען פון אלע לענדער דורך העברעיש, און נאך דורך אזא אומגעלומפ־ערטען העברעיש ווי דער מאדערנער איז, איז אלזא פאלש אויב נישט א משוגעת.

האט אייער נייער העברעיש וועלכען נוצען פארן יודישען פאלק אחוץ דער בטלנ'ישע אריסטאקראטיע איבער א פער־פערבלענדעט פאלק? פאר דעם וועלט־האנדעל (ווי וויטער וועט בעוויזען ווערען) טויג זי נישט, פאר דער רעליגיאן איז

זי שעדליך, פאַר דער וויסענשאַפט אומגעלומפּערט, פאַר די קינדער אַן אונגליק, און פאַר דעם פאָלק איז זי בלויז אַ וואַנד צווישען יוד און יוד.

אַז העברעיש, אַלס אַ ריידענדע שפּראַך, איז אַן אונגליק פאַר אייערע קינדער זעהט זיך קלאָהר אויס פאָלגענדען ביישפּיעל: שיקט אַרויס איבער דער וועלט צוויי יודען, איינעם וואָס קאָן בלויז יודיש און דעם אַנדערען וואָס קאָן בלויז העברעיש; וועלכער פון די צוויי, דענקט איהר, וועט אַהיימקומען אַ לעבענ־דיגער? דער יוד מוז דאָך אייביג וואַנדערען, פון פּאַלעסטינע אָדער פון גלות־צו־גלות. שטיצט איהר זיך דאַרויף דאָס אייערע קינדער וועלען קענען נאָך אַ שפּראַך, אַחוץ די העברעישע, דאַן ווערט די העברעישע שפּראַך אַ טפל און די אַנדערע אַן עיקר. אויב די אַנדערע איז אויך אַ פרעמדע, נישט די יודישע, בלייבט אייער קינד פרעמד צווישען יודען, און פרעמד צווישען די פרעמדע. דער פאַקט אַז יודיש איז געאָגראַפיש אויסגעברייט איבער דער וועלט נאָך מעהר אַלס אירגענד וועלכע אַנדערע שפּראַך, מאַכט די יודישע שפּראַך אַלס די שאַרפסטע וואָפע פאַר דעם וואַנדערענדען יודען זיך צו שיצען פון אונטערגאַנג, און דאָס העברעישע, צו אַ האָלצערען שווערדל פאַר אַ פּורים־שפּיעל.

ליעבען אַן אייגען פאָלק און האַסען זיין שפּראַך איז אַ ספּע־ציפיש יודישע קראַנקהייט. ביי קיין פאָלק אין דער וועלט וועט איהר געפינען אַ פאַל וואו אַ פראַקציע פון 1 פּראָצענט זאָל מיט געוואַלט זוכען צו צווינגען אַ גאַנץ פאָלק אוועקצוואַרפען די שפּראַך וואָס עס קאָן, און צו ריידען די שפּראַך וואָס עס קאָן נישט. אין אַלע לענדער וואו עס עקזיסטירט אַ צוויי־שפּראַך מלחמה וועט איהר נישט געפינען אויף איין זייט אַזאַ קליין קליקעלע פון גרויסע עזות־פּנים׳ער נעגען אַ גאַנץ פאָלק ווי

ביי אונז. דארטען קעמפט יעדע פארטיי דורך אויפקלעהרונג און ביי אונז מיט שטיינער דורך די שויבען על פי נוסח קרוזשעוואן וטרעפאוו. פון דער גאנצע יודישע פערפאלגונגס געשיכטע האבען מיר געלערנט, אז דארט וואו מען קאן אונז נישט בעזיעגען מיט פערנונפט זוכט מען אונז צו פערגוואלטעווען מיט שטיינער. די העברעיסטען ווייסען אז אין א ציוויליזירטען שטריט מיט יודיש זיינען זיי פערלוירען שיקען זיי כוליגאנעס צו ווערפען שטיינער, און בעהאלטען זיך אליין אונטער דער מאסקע פון אונשולדיגקייט. אין רוסלאנד פלעגען מיר בעשולדיגען די רע־גיערונג פאר יעדען פאגראם און אין פאלעסטינע, ווערפט די הסתדרות די שולד אויף די העברעישע פאגראמשטשיקעס. אזוי האבען געענטפערט די רוסישע טשינאווניקעס געגען די אויס־לענדישע פראטעסטען. אין אונזערע פראטעסטען געגען די רוס־סישע פאגראמען האט מען אנגעוויזען אויף די שטענדיגע העט־צערייען געגען די יודען אלס אורזאך פון דער כוליגאנסטווא, קאן מען דען נישט זאגען דאסזעלבע אויף פאלעסטינע? אין אלע לענ־דער קעמפען מיר פאר גלייך־בערעכטיגונג, ביי אונז, אין אונזער אייגען לאנד איז איינגעפיהרט א "קראמיע יעוורעוו". האבען די ארץ ישראל יודען אמאל א טראכטגעטהון וואס פאר א לעקציע זיי געבען, מיט זייער שטעלונג צו יודיש, צו די אנטיסעמיטען איבער דער גאנצע וועלט? איז דאס דער דאנק פאר די שטיצע וואס זיי קריגען פון דעם יודיש ריידענדען פאלק יאהר־איין און יאהר־אויס? דערמאנט דאס נישט אן דעם משוגענעם וואס בייסט די האנד וואס שפייזט איהם?

איז דען דא אן אורזאך ווארום מען זאל נישט קענען ארויס־קריגען 3 מיליאן דאלארס א יאהר פון די 3 מיליאן יודען אין די יונייטעד סטייטס, ווענגישט די שנאה צו יודיש? זעהט

אַקאָרשט וויפיעל יודיש געלד עס געהט אוועק אין סאָציאַליס־טישע און קאָמוניסטישע קאַסעס אריין. דאָרט האָסט מען יודיש נישט. בלויז דאָרט איז דער עיר־מקלט פאַר דעם יודיש ריידענדען יודען. דאָרט פרעגט ער שאלות און קריעגט תשובות אין דער שפּראַך וואָס ער פערשטעהט מיט זיין מח און מיט זיין הערץ.

וואָס פאַר אַן ענטפער קענען די העברעיסטען געבען צו דעם פאַקט אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פון דער גאַנצע יונייטעד סטייטס האָבען בלויז 16000 מיטגליעדער פון 4,000,000 יודען? געהען דען נישט מעהר ווי 16000 יודען דאַווענען אין שוהל און בעטען "ולירושלים עירך ברחמים תשוב"? ענגליש ריידענדע זיינען דאָס נישט. העברעיש ריידענדע אויך נישט. אַלזאָ יודיש ריידענדע יודען, וועמענס מוטער־שפּראַך איז פערבאָטען, און טריפה וחלול־שבת איז ערלויבט אין זייער הייליג לאַנד; קענט איהר זיי פּאָראיבעל נעמען ווען זיי בלייבען גלייכגילטיג צום רוף פאַר גאולת הארץ? אַ חוב קענט איהר באַזיי נאָר מאַנען אויף אַ רעליגיעזען באַזיס, אבער נישט פאַר העברעיש ריידענדע גוים. בפרט נאָך אַזעלכע שלעכטע גוים וואָס לאָזען נישט ריידען אַ יודיש וואָרט.

נייז, נישט קיין חוב מאָהנט איהר ביים פאָלק נאָר נדבות. איהר פערניכטעט די אינטערעסע פון פאָלק צו זיין הייליגסטען אידעאַל, אַז אידעאַל וואָס איז צו איהם געקומען דורך זיין מוטער־שפּראַך. זעהט וואָס איהר זיינט מקריב צוליעב אַן אונ־געלומפּערטען העברעיש וואָס משה און די נביאים וואָלטען נישט פערשטאַנען און לעגיטימע העברעיסטען האַסען. זעהט ווי איהר האָט זיך אריינגעלאָזען אין אַ קינדישען פּלאָנטער, זיך ביזי גע־מאַכט מיט אַ קליינינגקייט אין אַ ציט ווען אַ פייער נעהמט אַרום דאָס גאַנצע פאָלק אויף אַלע זייטען. דער גרויסער הייליגער

אידעאל איז אריינגעפאלען אין די הענד פון קליינינקע מענשעלער וואס ווארפען אז אייז־קאלטען איבערגוס איבער אלע ווארמע הערצער.

אבער, ארום וואס אייגענטליך האנדעלט זי דא אין דער גאנצע מלחמה? האנדעלט עס זיך ארום א בעסערע שפראך? די בעסערע שפראך איז דאך יודיש, שוין איינציג אליין דערפאר וואס זי איז אן עוראפעישע שפראך. אלס אזעלכע איז זי פעהיג מיטצוגעהן מיט דעם פארטשריט פון דער ציוויליזאציע וועלכע ווערט געליטעט פון עוראפעישע שפראכען. העברעיש זייענדיג אן אריענטאלישע, מוז זי שוין דערפאר אליין בלייבען הינטער־שטעליג מיט אלע אנדערע אריענטאלישע שפראכען (ז. ז. 15). אלע חכמות קאנען דא נישט העלפען ווייל, זייער ארכיטעקטור איז אין א געגענזייטיגער ריכטונג פון די עוראפעישע (ז.ז.34). יודיש איז אלזא פראקטיש און העברעיש נישט.

איהר קאנט נישט בעווייזען אז העברעיש האט אבגעהאלטען דאס יודישע פאלק פון אונטערגאנג, די פאקטען ווייזען אז יודיש האט אויפגעהאלטען לשון־קדש פון אונטערגאנג. אט זיינען זיי:

1) יודיש, זייענדיג א דייטשער דיאלעקט, האט געקאנט אנ־נעמען דעם דייטשען אלפאבעט. שרייבענדיג זיין נייע שפראך מיט זיין אלטען אלפאבעט האט דאס יודישע פאלק פער־אייביגט דעם אלף־בית פון זיין לשון־קודש. דארט וואו דער העברעישער אלף־בית איז פערוואָרפען געווארען דארט איז די יודישקייט ענטוועדער שוין טוידט, אדער האלט איז שטערבען.

2) זייענדיג א דייטשער דיאלעקט האט יודיש נישט נייטיג געהאט אריינצונעהמען העברעישע ווערטער אין זיין ווא־קאבולאר אריין. מיר האבען לייכט געקאנט זאגען "שרעק" אנשטאט אימה, "געגענטייל" אנשטאט איפכא-מסתברא, "גרויזאם" אנשטאט אכזר, "אויסוואהל" אנשטאט ברירה, "קלוג" אנשטאט חכם, "אנגסט" אנשטאט פחד, "גלויבען"

אנשטאט אמונה, ״ארימאן״ אנשטאט אביון, ״ווארהייט״ אנשטאט אמת. און הונדערטע אנדערע דערגלייכען. אויבּ־וואהל די יודישע ארטאגראפיע רעוואלטירט געגען די העבּ־רעישע, דאך, האבען די יונגע פלייצעס פון יודיש די אלטיטשקע דורך דעם גלות דורכגעטראגען.—איז יודיש אין ארץ ישראל דערפאר חייב מיתה?

3) העברעיש איז גאר קיינמאל געוועזען די שפראך פון דעם גאנצען יודישען פאלק. אפילו אין זיינע בליהענדעסטע צייטען זיינען געוועזען געגענדען אין ארץ ישראל וואו מען האט איהר נישט פערשטאנען. אין ארץ ישראל גופא איז זי שוין איינמאל פערדריינגט געוועזען פון דער כאלדעישע, און איינ־מאל פון דער גריכישע שפראך. העברעיש האט נישט אויס־געהאלטען קיין פירציג יאהר אין גלות־בבל און יודיש האט אויפגעהאלטען דאס יודישע פאלק דורך די שווערסטע נויטען, פאר אכט הונדערט יאהר.

4) אין דער השכלה צייט, ווען מען האט אויף העברעיש פראפאגאנדירט אסימילאציע, זיינען נאר נכשל געווארען די וואס האבען העברעיש יא פערשטאנען, אבער נישט די וואס האבען גערעדט יודיש. א גרויסער טייל פון יענע האט זיך גע׳שמד, און אסך האבען זיך פשוט אסימילירט. דאס יודישע פאלק איז אלזא געראטעוועט געווארען פון זיין אונטערגאנג וייל עס האט קיין העברעיש נישט פערשטאנען.

5) דאס מאדערנע העברעיש קען זיך נישט שטיצען אויפ׳ן זכות פון דער יודישע טראדיציע ווייל די יודישע טראדיציע און די גאנצע יודישע פערגאנגענהייט, איז דורכאויס רעליג־יעז. דאס יעצטיגע העברעיש ווערט שוין גערעדט זיצענדיג ברחבה איבער א שיסעל חזיר־פלייש.

6) ווי ווייטער וועט בעוויזען ווערען האט דאס מאדערנע העברעיש קיין נשמה ווייל זי ווערט פאבריצירט. נאטירליכע שפראכען וואקסען פון ווארצעל ארויס און פאבריצירטע ווארצלען זיך קיינמאל נישט איין. ״התפתחות״ פאר ״עוואַ־לוציע״ איז די מלאכה פון אן איגנאראמוס. אנאליזירט.

מיינט דאָס וואָרט פּונקט דאָס קאַפּויעריגע פון עוואָלוציע. עוואָלוציע מיינט: אַן אונ־אונטערבראָכענע פאָרטזעצונג: וועע־רענד התפּתחות מיינט: צעשטיקעלט. אשטייגער: "פּת" פון "פּתת", אָדער "פּתח"=שניידען, שפּאַלטען, טיילען אָדער פאַנאַנדערטיילען. אחוץ מזה; פּרובירט מען דאָס דאָזיגע וואָרט צו אומבייגען, (ווי די וויסענשאַפט פּאָדערט) צום וואָרט "עוואָלוציאָניסטען" האָט איהר שוין "המאמינים בהתפּתחות" (יודיש: די וואָס גלויבען אין התפּתחות), אָדער צום וואָרט "עוואָלוציאָנערבאַר" האָט איהר "על דרך ההתפתחות",=אויף דעם וועג, פון התפּתחות. שרייבען "התפּתחתי" וואָלט עס שוין הייסען על־פּי דקדוק הלשון: מיין התפּתחות. אשטייגער ווי אימרתי=מיינע רייד. אַט אַזאַ פּנים האָבען אַלע נייע ווער־טער וועלכע שטעלען צוזאַמען דאָס "מאָדערנע העברעיש" און מיט אַזאַ שלים־מזל וויל מען אונז מזכה זיין אויף דעם אָרט פון מיין ליבטיגע מוטער־שפּראַך.

7) געאָגראַפיש פאַרנעמט העברעיש בלויז דעם פּלאַץ פון פּינטעלע, און יודיש איז אויסגעברייט איבער דער גאַנצע וועלט; נאָך ברייטער אפילו פון ענגליש, די גרעסטע אין דער וועלט.

איהר זאָגט אונז אַז מיר קענען זיך האַלטען אונזער יודיש אין גלות און אייך לאָזען אייער "העברעיש" אין ארץ־ישראל? דאָס וואָלט אפשר רעכט געוועזען ווען איהר וואָלט קענען אויסקומען אָהן אונזער שטיצע. קאָנט איהר אָבער אָהן אונזער שטיצע נישט עקזיסטירען, קומט איהר אָבער צו אונז נאָך געלט, מוזט איהר אונז געבען אַ דעה. אין דעמאָקראַטישע לענדער איז פאַראַן אַ סלאָגאַן:—קיין טאַקסע אָהן רעפּרעזענטאַציע.

מיר לאָזען אייך איבער די פערוואַלטונג פון אַלע אייערע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען, מיר פאָדערן אָבער פון אייך בלויז צו רעספּעקטירען די יודישע שפּראַך, ווייל זי איז דער איינציגער בונד וואָס האַלט צוזאַמען דאָס יודישע פאָלק. מיט אייער שטיעפּ־

ברידערליכע שטעלונג צו יודיש העלפט איהר די שונאים פון יודישען פאָלק, איהר ברעכט די יודישע פאַמיליע, איהר שוואַכט אָב דעם רעספּעקט פון די יודישע קינדער צו זייערע יודיש ריידענדע עלטערען, איהר שוואַכט אָב דעם זעלבסט־רעספּעקט פון די יודיש ריידענדע יודען, מיט אייער בעליידיגונג פון זיין איינציגע שפּראַך מאַכט איהר איהם פיהלען אַז ער איז גלייך צו אַ בהמה וואָס רעדט נישט נאָר מרוקעט. איהר פילט זיין הערץ מיט האַס צו זיין פאָלק וואָס האָט איהם אויפגעצויגען אין אַזאַ פערהאַסטע שפּראַך, און ער פאַלט ארויס פון זיין פאָלק, אריין אין דעם ערשטען שמעלץ־טאָפּ וואָס ער געפינט; איז נישט קיין ענגלישען אָדער דייטשען, אָדער פראַנצויזישען וועט ער אריין אין אַ קאָמוניסטישען שמעלץ־טאָפּ. איהר זיים שולדיג וואָס מיר האָבען יודישע גאַנ־מען, יודישע קאָמוניסטען, יודישע פערברעכער. קיינער פון יודישע עלטערען וויל האָבען קינדער פערברעכער. וואָס זאָלען זיי אָבער טהון ווען די קינדער געהאָרכען זיי נישט מעהר, מיט וועלכע מיטעל זאָלען זיי אויפ־האַלטען דעם רעספּעקט פון זייערע קינדער ווען זייער לשון איז קיין לשון? עס איז אַ קימא לן אַז די קינדער וואָס רעספּעקטירען נישט זייערע עלטערען רעספּעקטירען מעהר קיינעם. אַ פער־ברעכער רעספּעקטירט קיינעם

גערענקט אַז די פאַמיליע איז דאָס וויגעלע פון אַ פאָלק. ווען די פאַמיליע איז געשעדיגט צעפאַלט דאָס פאָלק. דערפאַר קעמפען מיר פאַר דער אַנערקענונג פון דער איינציגע שפּראַך וואָס האַלט צוזאַמען די פאַמיליע. מיר קעמפען מיט ערפאָלג געגען די אויסערע שונאים פון אידיש און מיר האָבען אַ רעכט צו ער־ווארטען הילף אַנשטאַט שאַדען פון אונזערע אייגענע. אָבער וואָס פאַר אַ סאָרט אייגענע זיינט איהר ווען איהר העלפט אונזערע שונאים? אונזערע שונאים טייטען מיט זייערע שמוציגע

פינגער אויף די שטעלונג פון יודיש אין ארץ ישראל, וואָס פאַר אַן ארץ ישראל איז דאָס ווען די שפּראַד, דער איינציגער בונד פון ישראל איז פערבאָטען? וואָס פאַר אַן ארץ ישראל איז דאָס וואָס ערלויבט אַלע שפּראַכען נאָר נישט די שפּראַד פון יודישען פאָלק?

אַז יודיש איז אַ לעבענס־פראַגע פאַר דעם יודישען פאָלק און נישט העברעיש וועט בעוויזן ווערן אין די קומענדע ארטיקעלען. דערווייל איז דאָ גענוג צו ווידערהאָלען דעם פאַקט אַז מיט מיין מוטער־שפּראַד האָט דאָס יודישע פאָלק דורכגעלעבט שווערע אכט־הונדערט יאָהר און מיט העברעיש אפילו נישט אַ העלפט דערפון, און, אַז אָהן דעם יודיש־ריידענדען פאָלק קאָן דער העברעיש ריידענדער טייל פון פאַלעסטינע נישט אויסהאַלטען צעהן יאָהר.

וואו זיינען די קינדער פון אונזערע גרויסע העברעער?
קוקט זיך נאָר איין אין שמעלצ־טאָפּ,

די קינדער פון יודיש געפינט איהר
איבער דער גאַנצע גרויסע וועלט.

קען דאָס יודישע פאָלק איבערלעבען דעם טוידט פון יודיש?

קיינמאָל האָבען אַזויפיעל יודען גערעדט איין לשון,
און פאַר אַזאַ לאַנגע צייט, ווי אונזער יודיש.

אויב די סטאַטיסטיקס זיינען בערך קאָרעקט, האָבען מיר 16 מיליאָן יודען איבער דער וועלט, פון וועלכע בערך 10 מיליאָן זיינען פעראייניגט דורך דער יודישע שפּראַך, און די איבריגע וועלכע ריידען די שפּראַכען פון די לענדער אין וועלכע זיי וואוינען, זיינען צעשפּליטערט אויף אַזויפיעלע גרופּען וויפיעל שפּראַכען זיי ריידען. אַ בליק איבער דעם צעשפּליטערטען טייל פון יודישען פאָלק וועט זעהן אויף קלאָהר אַז: נישט נאָר זיינען די צעשפּליטערטע גרופּען אָבגעריסען פון גאַנצען יודישען פאָלק, נאָר אויך צווישען זיך אַליין, איז אַ יעדע גרופּע פון זיי פרעמד פון אַלע אַנדערע גרופּען. ד.ה. וויל מען ריידען צום גאַנצען יודישען פאָלק מוז מען ריידען אויף 600 שפּראַכען וועהרענד דורך דער יודישע שפּראַך אַליין קאָן מען דערגרייכען צוויי דריטעל פון גאַנצען פאָלק אויף איינמאָל. עס איז אָבער אויך קיין צווייפעל אַז, ווען מען זאָל שוין אפילו ריידען צו יענע 600 גרופּען אויף 600 שפּראַכען וועט מען נאָר ריידען

צו טויבע אויערען וועהרענד, אז מען רעדט אויף יודיש אליין רעדט מען צו א 10 מיליאניגען פאלק וואס הערט און פערשטעהט יעדעס ווארט. אויס אזא צושטאנד לאזט זיך לייכט לערנען אז, ווען די יודישע שפראך זאל אונטערגעהן וואלט דער 10 מיליאניגער טייל איבערגעגאנגען צו יענע 600 גרופען—וואלט דאס געווען א גליק פארן יודישען פאלק?

עס איז א פאקט אז, אין די דאזיגע לענדער וואהין עס קומען נישט צו, אימער נייע יודיש־ריידענדע אימיגראנטען, דארט שטארבט אב דאס יודענטום. דער דאזיגער פאקט ווערט אויך בעשטעטיגט פון דער טהאטזאך וואס מיר זעהן אין די לענדער וואהין עס קומען די מעהרסטע יודיש ריידענדע יודען דארט איז דאס יודענטום אם שטארקסטען, און, אין די לענדער וואו זיי קומען צום וועניגסטען דארט איז דאס אם שוואכסטען. אזוי זיכער איז דער דאזיגער אמת אז, מען קאן מעסטען די שטארקייט פון יודענטום אין יעדען לאנד לויט די שטארקייט פון דער יודיש ריידענדע אימיגראציע. דאס הייסט: אז ווען עס זאלען נישט צוקומען אימער נייע יודיש ריידענדע אימיגראנטען אין יעדען לאנד אויפצולעבען דאס שטערבענדע יודענטום וואלטען די אויבען דערמאנטע גרופען שוין לאנג געווען טוידט, און מיט זיי, אויך דאס גאנצע יודישע פאלק, ווען די יודישע שפראך זאל אונטערגעהן.

היער איז א בילד אין פילע פארבען וואס ווייזט וואס עס קען ווערען פון יודישען פאלק ווען די יודישע שפראך זאל אונטערגעהן. די סצענע קומט פאהר אין אמעריקע, צווישען די אמעריקאניזירטע יודען. דער העלד פון דער דראמע איז דער אמאליגער דר. סאלאמאן שינדלער, א רעפארם־ראביי, און זיין ריידע וואס דא פאלגט איז געווען די לעצטע. ער האט רעזיגנירט

זיין אַמט צו ענדע פון דעם דראַמאַטישען מאָנאָלאָג, און איז פערשוואונדען פון דער סצענע, מיט חרטה.

"רעפאָרם יודענטום", זאָגט ער: "איז געשאַפען געוואָרען צו ברענגען די אַמעריקאַניזירטע יודען אין דער סינאַגאָג, עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, נישט דער קאָר, נישט דער אָרגעל, נישט די פאַמיליען־לאָזשים, זיי זיינען נישט געקומען. איך האָב זיי געבעטען מיט גוטען, געסטראַשעט מיט בייזען, אָבער צו־וואָס? זיי קומען נישט און זיי הערען מיך נישט. איך האָב פּרובירט סענזאַציאָנאַליזם, סענזאַציאָנעלע דרשות, איך האָב די דרשות אָבגעדרוקט אין די צייטונגען, איך האָב זיך אַרונטערגעלאָזען צו די מיטלען פון דער געלע־פּרעסע, אָבער אָהן אַ ערפאָלג. איך האָב זיי שוין בעפרייט פון אַלע יודישע מצוות, איך האָב זיי שוין געזוכט גלייך צו שטעלען מיט די כריסטען, דער סוף איז געוועזען אַז די כריסטען זיינען געקומען אין מיין סינאַגאָג אָבער נישט מיינע יודען. צוואַנציג יאָהר האָב איך זיך געוואָרפען אויף אַלע זייטען, זיי האָבען מיר געצאָהלט מיינע שכירות אָבער זיי זיינען נישט געקומען און איך האָב גערעדט צו די לעדיגע ווענד. איך בין ענדליך געקומען צו דער איבערצייגונג אַז איך האָב געלעבט אין אַ שרעקליכען טעות.

אַ שווערער וואָלקען האָט זיך אויסגעבראָכען איבער דעם יודישען הימעל פון מזרח זייט. ער האָט אונז אַהערגעבראַכט צוויי מיליאָן יודען. זיי האָבען אויסגעזעהן אַנדערש ווי מיר, זיי האָבען אָבער מיט זיך געבראַכט וואַרמע הערצער, בלוט פון אונזער בלוט. זיי האָבען אונז אַרומגערינגעלט ווי אַן אַרמיי, האָבען אויף אונז איינגעדרוקט זייערע אַלטע אידעאַלען, אונז געצוואונגען צו ענדערן אונזערע וועגען. איך האָב אין זיי דערזעהן די האַנד פון גאָט, איך האָב אויפגעהויבען מיין בעגייסטערטען קאָפּ צום הימעל מיט דאַנק, ווייל זיי האָבען מיין צווייפעל אין מיר געבראָכען. זיי האָבען מיר געוויזען אַז מען קאָן זיין אַנדערש און דאָך זיין גלייך מיט אַלעמען".

דר. שינדלער איז אַרונטער פון דער סצענע—פאַרוואָס? פאַר־וואָס האָט ער זיך נישט אַנגעשלאָסען אָן דער אַרמיי פון "וואַרמע הערצער, הויכע אידעאַלען, בלוט פון מיין בלוט" ווען זיי האָבען איהם די אויגען געעפענט צו זעהן זיין גרויסען טעות? איז זיין שלום־אַקט געוועזען דער אַקט פון אַ בעל־תשובה גמור? וואָס איז אייגענטליך געוועזען די גרויסע מניעה וואָס האָט איהם צוריקגעהאַלטען פון אַזאַ ווינשענסווערטען שריט? ער האָט דאָך געהאַט מוטה גענוג מקריב צו זיין אַ קאַריערע, זיך אָבצושניידען

פון א פרנסה אויף דער עלטער; ווארום איז ער ליעבער ארונטער אין דער פארגעסענהייט אריין איידער זיך שטעלען אין די רייהען פון די וואס האבען איהם בעגייסטערט?

ווי אלע רעפארם־ראבים איז אויך דר. שינדלער געווען א שונא צו יודיש. די דאזיגע, פון לאנגע יארען איינגעווארצעלטע שינאה צו יודיש האט איהם ארויסגעבראכט פון דער הארמאניע מיט דעם פאלק וואס רעדט איהר. זי האט איהם פארבלענדעט זיינע אויגען פון צו זעהן די ענגע פערבינדשאפט צווישען יודיש און יודענטום, און די פרעמדקייט פון יודענטום צו ענגליש. איהם האט פערדראסען ווארום דאס יודענטום קאן נישט לעבען אין דער ענגלישע שפראך ווערענד זיין גאנצער כח־הדיבור איז שטארק בלויז אין ענגליש. אלזא געענגט אויףביידע זייטען איז איהם נישט געבליבען קיין אנדערע ברירה ווי צו טהון וואס ער האט געטהון.

עס איז גאנץ פארשטענדליך אז געמישטע הייראטס קומען נאר פאהר ביי נישט־יודיש ריידענדע יודען, און, אז געמישטע הייראטס, צווישען יודען און אנדערע זיינען שטענדיג א פער־לוסט צום יודישען פאלק, ווייל דער יוד וואס פערהייראט זיך מיט א נישט־יודישע פארטיי קימערט זיך נישט מעהר וואהין זיינע קינדער געהן. אזעלכענע קינדער געהן שטענדיג איבער צו דער נישט יודישע פארטיי, און זעהר, זעהר זעלטען פאסירט עס אנדערש. אפילו אין אזא זעלטענעם פאל בלייבט אזא קינד א נישט דערגאנגענער אויף ביידע צדדים ווייל א קינד מוז האבען א יודישע ערציהונג, און א קינד פון געמישטע עלטערן קאן דאס נישט בעקומען. רעפארם־יודענטום וואס ערלויבט געמישטע הייראטס געפינט דערפאר איהר סינא־גאגעס ליידיג און די יודען וואס געהען נאך אין שוהל זיינען

יודיש ריידענדע יודען. יודיש ריידענדע יודען, אפילו ווען זיי זיינען שוין נישט רעליגיעז, הייראטען זעהר זעלטען פרעמדע פארטייען. זיי רופען זיך נאציאנאלע יודען. אזוילאנג ווי זיי הייראטען אייגענע זיינען זיי נאכנישט פערלוירען פון יודישען פאלק. דער פערלוסט הייבט זיך אןביים איבערטריט פון יודיש אויף איין אנדער שפראך

לויט סטאטיסטיקס פון פאר דער וועלט-מלחמה, זיינען די געמישטע הייראטס פון רוסלאנד און פוילען געוועזען פון 2 ביז 5 פראצענט אין פערגלייך מיט ריין-יודישע הייראטס. אין דער יונייטעד-סטייטס וואו די יודיש-ריידענדע יודען זיינען בערך 78 פראצענט, פון דער גאנצע יודישע בעפעלקערונג, זיינען די געמישטע הייראטס צווישען 5 ביז 10 פראצענט. אין איטאליען, וואו יודיש ווערט גערעדט פון א קליינע מינאריטעט זיינען די געמישטע הייראטס אין דער מאיאריטעט געגענאיבער די ריין, יודיש, און, אין דענעמארק, וואו יודיש ווערט זעלטען גערעדט, זיינען די געמישטע הייראטס 93 פראצענט געגענאיבער די ריין יודישע. ריידענדיג איבער דעם פראגרעס פון געמישטע הייראטס צווישען די יודען אין דענעמארק האט איגנאץ צאלשיין צוזאמענגעשטעלט פאלגענדע ציפערן:

1880-1889	55%
1890-1899	68%
1900-1905	93%
1906-1914	95%

דאס איז א רעזולטאט פון א יודישע בעפעלקירונג וואו יודיש ריידענדע אימיגראנטען קומען נישט צו, עס אויפצור-לעבען, און אזא סוף וואלט געווארען פון דעם יודישען פאלק אין די ענגליש שפרעכענדע לענדער ווען די צעהנדליגע טוי-

זענדע יודיש־ריידענדע אימיגראַנטען וואָלטען זיי נישט צוריק־געהאַלטען פון לויפען אין שמעלצטאָפּ אריין. די אויבּיגע ציפערן ווערען נאָך קלאָרער ווען מען פערגלייכט די פערמינ־דערונג פון דער יודישע בעפעלקערונג מיט דער פערגרעסערונג פון דער נישט יודישע בעפעלקערונג אין דענמארק. דעמאָלט שטימט דער רעכנונג ווי א קרעדיט און דעביט באַלאַנס.

יודיש בעזיצט לעבענסקראַפט

לאָמבראָזאָ זאָגט אַז, פון יעדע טויזענד יודען שטאַרבען 270 איידער זיי ווערען אַלט 70 יאָהר און קריסטען 453. דאָס מיינט כמעט דאָבעלט די צאָהל פון די יודען. לאָמבראָזאָ, א יוד, אַן אסימילאַטאָר, האָט געהאַט דעם מוט ארויסצוזאָגען אַן אמת געגען זיך אַליין, אָבער נישט אַלע אסימילאַטאָרען וועלען איהם דאָס נאָכטוען. לאָמיר דאָ אָקאָרשט הערען איינעגע נישט אידישע עדות וואָס בעשטעטיגען דעם דאָזיגען פאַקט, יעדער פון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט:

פּראָפּ. וו. ז. ריפּליי, אַן אַנטראָפּאָלאָג, זאָגט:

„פערגלייכט מען א הונדערט יודישע קינדער וואָס זיינען געבוירען אין איין טאָג מיט א הונדערט קריסטליכע געבוירען אין זעלבען טאָג, אונטער די־זעלבע עקאָנאָמישע אומשטענדען, וועט זיך סטאַ־טיסטיש בעווייזען, אַז טראָצדעם וואָס די יודישע לעבען אונטער אונגינסטיגע אומשטענדען, וועט זיך דערווייזען אַז א העלפט יודישע פון דער קריסטליכע צאָהל וועלען שטאַרבען פאַר 47 יאָהר אַלט. די יודען טראָגען אריבער געפעהרליכע קראַנקהייטען לייכטער ווי די קריסטען.״

דר. קאָססאר עוואַרד, א פיזיאָלאָג, זאָגט:

„ריינע הייראַט פערגרעסערט די פאַמיליע

און געמישטע פערקליינערט זיי. די יודען וואָס האַלטען זיך פעסט אָן דער ריינע הייראַט (טהרת משפחה) שווין זייט טויזענדע יאָהרען פערמעהרען זיך פיעל שטאַרקער אַלס די ענגלענדער אָדער אַמע־ ריקאַנער וועלכע מישען זיך זעהר פיעל. די יודישע פערגרעסערונג מאַכט אָפט דעם איינדרוק אַז זיי וועלען ענדליך בעפעלקערן די גאַנצע וועלט".

דר. אַלבערט ווילסאָן, דער מעדיקעל אָפיסער אָוו העלטה אין ליעדז, ענגלאַנד, זאָגט:

„די יודען זיינען מקפיד אויף כשר פלייש און בעסטע מילך, אין געגענטייל צו די קריסטען. זייערע שבת־מאָלצייטען זיינען גוט און געשמאַק. דער יוד פערזאָרגט זיין ווייב, און זיין ווייב פערזאָרגט זייערע קינדער".

דר. וויליאַם האַלל, אויף דעם מעדיצינישען קאָנפערענץ אין ענגלאַנד, 1909, זאָגט:

„איך האָב קיין אורזאַך צו לויבען די יודען, די פאַקטען ריידען דאָך צו זייער גונסטען. 90 פראָצענט פון די יודישע מוטערס זייגען זייערע קינדער מיט דער ברוסט און 99 פראָצענט פון די קריסטליכע מוטערס טוען דאָס נישט. דער פועל־ יוצא דערפון איז דאָס די אָרימע יודישע קינדער, א חוץ ביי מאָזלען, ווערען זיי נישט אָנגעשטעקט פון אַנדערע קינדער־קראַנקהייטען. איך האָב גע־ שפייזט קריסטליכע קינדער מיט 150,000 יודישע מאָלצייטען און האָב געפונען גוטע רעזולטאַטען פון דעם עקספּירימענט".

אַזעלכע הונדערטע עדות האָט מען געקענט דאָ אויפיה־ רען אַבער, די אַליין זיינען שווין גענוג. זיי אַלע האָבען אין זינען געהאַט די יודיש־ריידענדע יודען, ווייל, די נישט יודי־

שע־ריידענדע מוטערס געהען שוין נאָך די מאָדע פון די קריסטליכע און זיי צאָהלען, נאַטירליך, דערפאַר אַ זעהר בע־דויערענדען פּרייז. פון איינצעלנע אויסנאַהמען רעדט זיך דאָ נישט. מיר דאַרפען זיך נאָר דערמאָנען אָן דעם פאַקט דאָס, אין גלות האָבען מיר זיך פערגרעסערט מיט 16 מאָל אַזוי־פיעל ווי מיר זיינען געוועזען ביים אָנהויב פון גלות, טראָץ אַלע טייפלישע צרות וואָס די קריסטליכע „ליעבע" האָט אונז צוגעטיילט און די אַסימילאַציע האָט פון אונז פערשלונגען. היטלערס אַרישע משוגעס האָט בעוויזען אַז די אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד אַליין האָט פון אונז אָבגעריסען צוויי מיליאָן יודען וועלכע מוזען זיך יעצט טיילען מיט דעם שיקזאַל פון די איבריגע יודען וואָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אַלס אַ בעזונדערהייט אויף דעם באַזיס פון אַן אָבגעזונדערטע שפּראַך — יודיש.

די יודישע שפּראַך איז אַ נס

אין די גלות־לענדער וואוהין די יודען זיינען אָנגעקומען האָבען זיי נאַטירליך געמוזט זיך לערנען די לאַנד־שפּראַכען. דאָס איז געוועזען אין דער צייט ווען די איינגעבוירענע האָבען נאָך זייערע אייגענע שפּראַכען בלויז גערעדט אָבער נישט געשריבען. שרייבען האָבען געקאָנט בלויז אַ הייפעל צווישען די פּריווילעגירטע קלאַסען. די איינגעוואַנדערטע יודען, האָבענדיג מיט זיך מיטגעבראַכט דעם העברעישען אַלף־בית, האָבען פּראַקטישער ווייזע גענומען קאָפּירען די גלות־שפּראַכען מיט העברעישע בוכשטאַבען. אַזוי האָבען זיי געטאָן אין אַלע גלות־לענדער און אַזוי זיינען ענטשטאַנען די יודעאָ־פּערזישע, יודעאָ־ספּאַניש, יודעאָ־אַראַבישע, יודיש־דייטשע און די יודישע שפּראַכען. אין די לענדער וואו דער

העברעישער בוכשטאַב אַליין האָט געדיענט אַלס שוץ־וואַנד געגען דער אַסימילאַציע און די לאַנד־שפּראַכען זיינען גע־בליבען דיזעלבע האָבען זיך די איינגעוואַנדערטע יודען גע־נומען אויסמישען מיט דעמזעלבען גראַד ווי עס האָט זיך גע־נומען פערברייטען די שרייב־שפּראַכען צווישען די איינגע־בוירענע. די יודען האָבען גענומען פעראַכטען די אָרטיגע שפּראַך מיט (העברעישע) פרעמדע בוכשטאַבען, אַשטייגער ווי די דייטשע יאַהודים טוען נאָך היינט. דער שפּרונג אַריין אין שמעלץ־טאָפּ איז געוועזען אַ לייכטער. בלויז אומטוישען די אַלטע בוכשטאַבען אויף נייע, און די אַסימילאַציע האָט אונז איבערגעלאָזען בלויז קליינינקע רעשטלאַך פון שפּאַנישע, פערזישע, אַראַבישע און אַ גרעסער רעשטעל פון דייטשע יאַהודים וועלכע וואָלטען זיך שוין לאַנג אינגאַנצען אויסגע־מישט ווען מען וואָלט זיי נאָר לאָזען.

אַנדערש איז שוין געוועזען דער פאַל מיט די יודען אין פוילען. דאָרט איז שוין די שפּראַך גופא געוועזען אַן אַנדע־רע, און דערמיט איז די שוואַכע שוץ־וואַנד פון דעם העברעי־שען בוכשטאַב פערשטאַרקט געוואָרען, די דייטשע יודען וואָס האָבען איינגעוואַנדערט אין די סלאַווישע לענדער, רוסלאַנד און פוילען, האָבען שוין מיטגעבראַכט די דייטשע שפּראַך אויך דעם העברעישען בוכשטאַב. ביידע צוזאַמען האָבען שוין געדיענט אַלס אַ שטאַרקע שוץ־וואַנד געגען דער אַסימילאַציע און דער דאָזיגע שוץ־וואַנד צו דאַנקען איז דאָס יודישע פאָלק געבליבען שטעהן ביז דעם היינטיגען טאָג. דאָס פוילישע יודיש איז אַלזאָ אַ נס.

מיר ריידען היינט פון אונזערע ספּאַנישע גאונים אין קאָרדאָווא, טאָלעדאָ, באַרצעלאָנא, און גראַנאַדאַ ווי פון

גאונים אוים דער פערגאַנגענהייט. ווען מיר וואָלטען זייערע ווערק נישט איבערזעצט פון אראַביש וואָלט פון זיי קיין זכר נישט געבליבען אויף דעם היינטיגען טאָג. אָבער, דאָס יודיש רײדענדע פאָלק, פון די סלאַווישע לענדער, פונקציאָנירט נאָך היינט מיט אַ פיעל שטאַרקערע לעבענסקראַפט ווי ביי איר־גענד וועלכען אַנדערן טייל פון אונזער פאָלק אין דער גאַנצער וועלט. שוין פאַר אַ גאַנץ לאַנגע צייט, און נאָך ביי היינטי־גען טאָג, גיט דאָס יודיש רײדענדע פאָלק אַרוים רבנים פיר ענגלאַנד, איטאַליען, פראַנקרייך, און זאָגאַר אין פאַלעסטינע. די יודיש־רײדענדע גאונים זיינען יעצט די לייטער פון די נישט יודיש רײדענדע יודען אין דער גאַנצע וועלט. סאַלאָמאָן שעכ־טער, אַ קנאַפער גאון אין פערגלייך צו סאַלאַנטער, אלחנן אָדער מאָהליווער האָט געשפּיעלט אַ זעהר גרויסע ראָלע צווי־שען די ענגליש רײדענדע יודישע עמי־הארצים ווען ער האָט אין זיין גאַנצען לעבען זיך נישט געקאָנט בעפרייען פון זיין יודישען אַקצענט אין ענגליש. וויל מען נישט פערגעסען אַז יודיש איז אַן אָבשטאַמונג פון דער דייטשע שפּראַך קאָן מען אפילו צורעכענען די דייטשע יודישע אינטעליגענטען צום יודיש רײדענדען פאָלק, ווייל, אויך זיי וואָלטען שוין לאַנג פערלוירען געגאַנגען ווען נישט די צואוואַנדערונג פון די פּוי־לישע יודען אין דייטשלאַנד וואָס האָבען זיי צוריקגעהאַלטען פון לויפען צו־האַסטיג אין דייטשען שמעלץ־טאָפּ אַריין.

די בעמערקונג וועגען שעכטער ווערט דאָ געמאַכט ווייל ער האָט עפּענטליך געהאַסט די יודישע שפּראַך. האַסען די שפּראַך פון זיין פאָטער און מוטער, פון דעם פאָלק וואָס האָט איהם געגעבען אַלעס וואָס ער האָט פערמאָגט, קאָן נאָר אַ משוגענער אָדער אַ בטלן.

אייער עקשנות וועט אייך קאָסטען? קאָן דאָס יודישע פאָלק איבערלעבען דעם טוידט פון יודיש? קאָן ארץ ישראל עקזיסטירען אָהנע די יודען פון גלות?

זאָגט אחד־העם אין השלח, 1910: „איז דען פאַראַן יע־מאַנד וואָס קאָן נאָך צווייפלען אַז דער זשאַרגאָן וועט פערגעסען ווערען מיט 2 אָדער 3 גענעראַציאָנען שפּעטער, צו מיר ווילען אָדער נישט איז דאָך איינס, זאָל מען גאָר שרייבען גוטע ביכער אין זשאַרגאָן, מען וועט זיי שפּעטער איבערזעצען אין העברעיש ווי מיר האָבען געטוען מיט די אַראַבישע, פון די אַמאָליגע גאונים וואָס האָבען געשאַפען אין אַראַביש". אחד־העם איז גאָר נישט איינגעפאַלען דער פאַקט, אַז דאָס יודישע פאָלק קאָן גאָר נישט איבערלעבען דעם טוידט פון יודיש. אויב דיעזער פאַקט איז קלאָר בעוויזען געוואָרען אין אונזער אַרטיקעל, ווער וועט לייענען די גוטע „זשאַרגאָנישע" ביכער אין דער העברעי־שער איבערזעצונג? קאָן דען ווער צווייפלען אין דעם פאַקט אַז אָהנע די ענערגישע שטיצונג פון די יודען אין גלות קענען די יודען אין ארץ ישראל נישט עקזיסטירען? איז דען דאָ איין נאַרר וואָס וועט זיך לאָזען איינריידען אַז דאָס גאַנצע יודישע פאָלק וועט אַריין אין ארץ ישראל? און ווען אפילו דאָס וואָלט מעגליך געוועזען, וואָלט עס דען נישט געוועזען דאָס גרעסטע אונגליק פאַר דעם יודישען פאָלק? איז עס דען נישט קלאָהר אַז דער גלות האָט אויפגעהאַלטען דאָס יודישע פאָלק פיעל לענ־גער ווי ארץ ישראל? איז עס נישט קלאָהר אַז די יודישע שפּראַך אַליין האָט געראַטעוועט די אַלטע אויסגעדאַרטע העברעיש פון אַ טאָטאַלען אונטערגאַנג? האָט דען העברעיש אַ צוקונפט אין פאַלעסטינע גופא? לעזט ווייטער.

עס איז די מאָדע ביי די מאָדערנע העברעער זי צו ריהמען מיט דעם לשון פון אונזער תנ״ך ווען זיי אגיטירען פאַר זייער פאבריצירטען העברעיש. אזוי טהוט דער פיפיגער סוחר וואָס שטעלט ארויס אין פענסטער די שעהנסטע סחורה און אין געשעפט פאַקט ער אייך איין די ערגסטע. לאָזט איהר זיך אריין מיט אזוי איינעם אין א וכוח וועט ער אייך זאָגען אַז פאַר דער מאָדערנע צייט הארף מען די אַלטע שפראַך מאָדערניזירען. הייגט, פאַר וואָס זיך ריהמען מיט דעם אַלטען? הייסט דען דאָס נישט דיסקרעדיטירען דעם לשון הקודש ווען איהר מאָדערניזירט איהר? קאָנט איהר הען פערשעהנערען דעם לשון פון משה און די נביאים? איהר מאכט דער געלעהרטע וועלט גלויבען אַז איהר פיהרט איין די ביבלישע שפראַך אין לעבען פון פאָלק, איז דאָס אמת? איז אייער געמאַכעכטץ די שפראַך פון משה און די נביאים וואָס די וועלט ריהמט אזוי, און אויך מיט רעכט?

נו, פרעגט זיך: צו וואָס ארונטערפיהרען דעם בריליאַנטענעם אוצר, דעם לשון קודש, אין די גאַסען פון האַנדעל, שווינדעל און זנות אפילו אין א מאָדערניזירטען פאָרם? ווארום נישט אדאָפטירען יודיש, א געזונדטע שפראַך און איבערלאָזען לשון קודש, די שעהנע, פאַר דעם היכל ה׳? לשון קודש איז דאָך די שעהנסטע פאַר פּאָעזיע, פּאָעזיע איז דאָך די פערמיטלערין צווישען דאָס הימלישע און דאָס ערדישע, צווישען דער געטליכקייט און דאָס מענשליכע. ווארום זאָל מען איהר נישט בעטראַכטען אַלס אונזער לשון יתירה ווי דער פרומער יוד בעטראַכט זיין נשמה יתירה ווען ער קומט אין שוהל צו קבלת שבת? ווארום נישט מבדיל זיין צווישען קודש לחול — לשון קודש אין שוהל און יודיש אין גאַס? ווער קאָן זאָגען וואָס

איז יודיש אַ שפּראַך?

קיין ציוויליזירטע שפּראך אין דער וועלט
קאָן בלייבען ריין אין איהר פאָרטשריט
מיט דעם פּראָגרעס פון דער ציוויליזאציע

אין 1923 בין איך בעאויפטראַגט געוואָרען פון רעדאַקטער פון דער „דזשואיש טריביון“ צו שרייבען אַן אַרטיקעל אין ענגליש איבער „וואָס איז יודיש“. די אורזאַך דאַפיר, זאָגט ער איז, די שטודענטען פון דער קאָלומביא אוניווערזיטעט פערלאַנגען אַ פאַכמאַנישע אָבהאַנדלונג וועגין דער דאָזיגע פראַגע. וויסענדיג ווי די ענגליש ריידענדע יודען האַסען יודיש איז פאַר מיר געוועזען אַ גוטע געלעגענהייט זיי צו געווינען פאַר יודיש, אָדער אָנהויבען אַ קאַמף געגען זייער האַרטנעקיגייט געגען יודיש. נאַטירליך האָב איך זיך פאַרבערייטעט לשלום אָדער למלחמה. צו מיין ערשטוינונג האָב איך געפונען דעם פאָלגענדען אַרטיקעל איבערגעדרוקט אין 58 ענגלישע זשורנאַלען, דאָ אין אַמעריקע, קענעדע, אויסטראַליע, און לאָנדאָן זאָגאַר אָהן מיין ערלויבניש, און אַלע האָבען איהם געגעבען דעם אויבען־אָן אָהנע וועלכע ס׳איז קריטישע בעמערקונגען. אַלע האָבען איהם בעצייכענט מיט דעם קאָמפּלימענט: „אילומינייטעד“. איהר קאָנט איהם יעצט לייענען און זעהן אויב איהר קאָנט אויך זאָגען אָמן.

וואָס איז אַ שפּראַך?

עס זיינען דאָ פיעלע בעדייטונגען אויף דעם וואָרט שפּראַך, אָבער טעכניש קומען זיי אַלע צו איין בעשלוס אַז: שפּראַך איז אַ מיטעל אריבער צו טראָגען די געדאַנקען פון דעם געהיימען שכל אין דער עפענטליכקייט אריין. אַזאַ אויסטייטשונג דיענט גוט פאַר אַלע שפּראַכען, יודיש איינגעשלאָסען. יחוס שפּיעלט קיין ראָלע אין אָבשאַצען דעם ווערטה פון אַ שפּראַך וויל, דער פּראָגרעס האָט געצוואונגען אַלע פעלקער צו פערלאָזען זייערע אַמאָליגע שפּראַכען אַזוישנעל ווי עס האָט זיך דערוויזען אַז זיי קענען נישט נאָכקומען די פאָדערונג פון דער פאָרטשרייטענדע צייט. צו בעשטימען וועלכע איז די בעסטע שפּראַך איז נישט אַ גרינגע אויפגאַבע. יעדע איינע צייכענט זיך אויס מיט אַ בעמערקבאַרע מעלה. צ. ב. ש. העברעיש צייכענט זיך אויס איבער אַלע אין פּאָעזיע, דייטש און פראַנצויזיש צייכנען זיך אויס איבער אַלע אין פילאָזאָפיע, ענגליש אין דער טעכניק, רוסיש אין מעלאַנכאָליע און יודיש, איז איבער אַלע אין דער פאָנעטיק: דאָך, אַזוילאַנג ווי זיי דיענען דעם הויבטצוועק, זיינען זיי אַלע שפּראַכען.

מען געפינט נאַטירליך לייטע וואָס איבערשעצען זייער איינענע שפּראַך איבער אַלע זיינען אָבער דאַגעגען אויך דאָ

אַזעלכע וואָס אונטערשעצען זייער אייגענע שפּראַך. י. גרים, דער גרעסטער דייטשער שפּראַכפאָרשער פון זיין צייט זאָגט אַז, ענגליש איז פיעל שאַרפער ווי דייטש, און דיען סוויפט, אַ גרויסער ענגלישער שפּראַכפאָרשער זאָגט אויף זיין אייגענע שפּראַך אַז זי איז אונפּערפעקט, און אָפענסיוו, אויף יעדען טייל פון איהר גראַמאַטיק. ווען אַזעלכע שפּראַכפאָרשער געפינען פעהלערען אויף אַזעלכע הויך ציוויליזירטע שפּראַכען וואָס פאַר אַ ווערטה קאָנען האָבען די איינווענדונגען וואָס קליינערע, נישט־פאַכמענער, האָבען געגען יודיש ?

יודיש אָדער זשאַרגאָן ?

רופען אַ שפּראַך זשאַרגאָן, בלויז דערפאַר וויל, זי באָרגט ווערטער פון פרעמדע שפּראַכען בעווייזט, איגנאָראַנץ אין פאָלגענדע פאַקטען :

1. עס איז נישט דאָ איין שפּראַך אין דער וועלט וואָס קאָן בלייבען גאַנץ ריין אין דער וויסענשאַפט אינדוסטריע און קאָמערץ.
2. דער פּראָצענט פון פרעמדע עלעמענטען אין יעדער שפּראַך פערגרעסערט זיך איבער דאָס אָריגינאַל מיט יעדען פאָרטשריט אַזוי ווייט אַז די רייכסטע שפּראַך זעהט באַלד אויס ווי אַ אוניווערזאַל־שפּראַך.
3. די אַרישע שפּראַך־גרופּע האָט דערגרייכט די אויבערמאַכט איבער די אַזיאַטישע דאַמיט וואָס זי האָט אריינגעשטעלט די וואָקאַלען אינצווישען די קאָנסאָנאַנטען בכדי צו קאָנען איינשלינגען און פערדייען פרעמדע ווערטער וואָס ווערען גע־

שאפען מיט יעדע נייע ערפינדונג אין פרעמדע לענדער. אזיאטישע קענען דאס נישט נאכטועז, און דערפאר זיינען זיי צוריקגעבליבען הינטער דער ציוויליזאציע.

4. אז עס איז נישט דא, און עס קאן גארנישט זיין ביי היינטיגער צייט אן אריגינאל שפראך. עס איז דארום אונזיניג צו פערלאנגען אז יודיש זאל עס יא זיין.

אלעס וואס מען קען פון א שפראך פערלאנגען איז, זי זאל דיענען איהר פאלק אמלייכסטען צו ענטוויקלען זיין אינטעליגענץ און איהם נישט געבען די שווערינקייטן אן זיין קאמפ פיר זיין עקזיסטענץ.

אויב פרעמדע ווערטער אין א שפראך מאכען די שפראך פאר א זשארגאן זיינען אלע שפראכען זשארגאנען, און די ענגלישע שפראך איבערהויבט, איז דער גרעסטער זשארגאן צווישען אלע. האט דען די העברעישע שפראך ווייניג פרעמדעס אין זיך? אין די שפעטערע ארטיקלען וועט חער לעזער געפינען אן ערשטוינענדע צאהל פון פרעמדעס אין העברעיש אריינגעשמוגעלט אבער די העברעער וואס רופען יודיש א זשארגאן פערקוקען זייער אייגענעם הויקער. דער פאקט איז דאס פרעמדע ווערטער אין יודיש זיינען מעלות, און אין העברעישען זיינען זיי אונקורירבארע חסרונות. ווי ווייטער וועט דא בעוויזען ווערען.

איז יודיש א שפראך?

ריידענדיג מיט באראן ד'וויליערס, טשיעף־דזשאסטיס פון סויטה־אפריקאנער יוניאן, וועגען דער דאזיגער פראגע זאגט ער: „בעטראכטענדיג די יודיש ריידענדע אימיגראנטען וואס

קומען דא אהער, זייער אויפפיהרונג אין זייער נייע היים נאך אייהער זיי פערשטעהען א ווארט ענגליש, זייער אינטעליגענטען אנטייל וואס זיי נעמען אין קהל׳שע זאכען פאר יודישע אינטע־רעסען, און שפעטער פאר די אינטערעסען פון לאנד, מוז איך זאגען, אז אהן אן אינטעליגענטע שפראך וואלטען אזעלכע פיינע טהעטיגקייטען אונמעגליך געוועזען. מיר האבען דא אויך פיעלע אנדערע אימיגראנטען וואס רייהען אנדערע שפראכען, די יודיש ריידענדע געפינען זיך אין פראנט, און די אנדערע וויים הינטער זיי״.

דאסזעלבע קאן מען זאגען אויך אויף די יודיש רייד־דענדע אימיגראנטען איבעראל וואהין זיי קומען. לײדער ווערען דיעזע מעלות אין די גרויסע שטעדט נישט בעמערקט. נאר, ווען סטאטיסטיקס הייבען אן צו ווייזען די מעלות פון די יודישע פאמיליעס, די קליינערע פראצענטען פון קראנקהייטען צווישען יודישע כשר־פלייש עסער, די קליינערע שטערבליכקייט פון יודישע קינדער וואס זייגען פון די מוטער ברוסטען, דעמאלט פאלט עס גארנישט איין קיינעם אז, אלע דיעזע מעלות דארף מען צושרייבען צום קרעדיט פון די יודיש ריידענדע יודען. די אנדערש ריידענדע יודען, די העברעער איינגעשלאסען האבען שוין שלום געשלאסען מיט׳ן חזיר, אפילו אין ארץ ישראל אויך.

פרעגט איהר נאכאמאל: איז יודיש א שפראך? איז דער ענטפער אזוי. זינט יודיש האט געדיענט אלס די איינציגע שפראך פיר בערך ניין מיליאנען מענשען וועלכע האבען פון זיך ארויסגעגעבען מענער וואס פערנעמען גרויסע פלעצער אין דער עפענטליכע וועלט, זינט די שפראך האט געלערנט קינדער רעס־פעקטירען עלטערן און אין זיי געוועקט א חשק צו לערנען און צו לעבען פאר אידעאלען, זינט די קינדער פון יודיש ריידענדע

עלטערן צייכנען זיך אוים אין לעהר־שולען בעסער ווי די אנ־דערע, זינט עס איז דורך יודיש גרינגער זיך אויסצולערנען א פרעמדע שפראך ווי דורך העברעיש, זינט דידאזיגע שפראך האט צוזאמענגעהאלטען אלע צעשפרייטע יודען איבער די גאנצע וועלט, זינט זי דיענט דעם יודישען פאלק פאר דעמזעלבען צוועק וואס יעדע שפראך דיענט יעדען אנדערען פאלק, וואס איז עס העז וועז נישט א שפראך ? איז עס נישט מעגליך אז די וואס גע־פינען פעהלערען מיט יודיש קוקען אין שפיגעל וואס צייגט זייערע אייגענע פעהלערען ? איז עס נישט מעגליך אז דאס זיינען מענשען וואס ווייסען נישט וואס א שפראך איז, און וואס פון א שפראך צו פאדערהען ?

יודיש ווערט גערעדט פון מעהר מענשען אלס פארטו־געזיש און גריכיש צוזאמען, דאך זוכט קיינער אויף זיי פעהלע־רען. די סערבישע שפראך האט נישט ארויסגעבראכט העכערע אינטעליגענטען ווי די יודישע, אפילו די בולגארען וועלכע הא־בען שולען צו לערנען האבען נישט אויפצוווייזען א העכערע אינטעליגענץ ווי יודיש וואס האט קיינע שולען. די חטאים זוכער אויף אונזער יודיש ווייזען נישט אן אויף קיין גרינדליכען חסרון, אויף קיין וויסענשאפטליכע איינווענדונג, בלויז אונזי־ניגע פארווירפע וועלכע ווייזען אז זיי קומען פון איגנאראנטע בייזוויליגע מענשען. מיר וועלען זיך דא בעשעפטיגען בלויז מיט איינעם פון אלע אלס ביישפיעל פיר אלע אנדערע.

„דהי אמעריקאן היברו“, אן ענגליש בלעטעל וועלכעס האלט אין איין נבואות זאגען אז יודיש געהט אונטער און זעהט דאס קאפויערינע, כאפט עס זיך צו א נייע קריוודע וואס זי דענקט געפעהרליך פאר׳ן גאנצען יודענטום, נעמליך: „מען וויל אונז איינריידען אז יודיש איז אונזער נאציאנאל שפראך

אויף דעם גרונד דאָס אייניגע מיליאָנען יודען ריידען יודיש. עס איז אָבער א פאַקט דאָס א דריטער טייל פון אונזער פאָלק רעדט אויך ענגליש, פראַנצויזיש, איטאַליעניש, פערזיש, דייטש, אראַביש און זאָגאר שפּאַניש, דאָך, א פאָלק איז אן איינהייט און די נאַציאָנאַל שפּראַך פון א פאָלק איז אויך אן איינהייט; מיר האָבען דאָ צו בעשליסען, ענטוועדער די וואָס ריידען יודיש געהערען נישט צום יודישען פאָלק אָדער דאָס יודישע פאָלק האָט קיין נאַציאָנאַל שפּראַך". דארף מען דען זיין אן ענגלישער שרייבער צו זיין דום און נישט צו וויסען אז ענגליש איז די נאַציאָנאַל שפּראַך פון דעם ענגלישען פאָלק טראָצדעם וואָס אין ענגלאַנד און אויסער ענגלאַנד ריידען ענגלענדער אויך פיעלע אנדערע שפּראַכען? בפרט, איז דען פאַראַן איין נאַציאָן אין דער גאַנצע וועלט וואָס רעדט בלויז איין שפּראַך? אפילו ווען א נאַציאָן איז אן איינהייט מוז דען איהר שפּראַך זיין אן איינהייט? ווען דאָס עקזיסטירט נישט, ביי קיין נאַציאָן איז עס דען נישט אן אונמעגליכקייט? איז עס דען נישט א דומהייט צו פערלאַנגען אן אונמעגליכקייט? דער אמת איז אז די שפּראַך וואָס ווערט געשפּראָכען פון הער מאַיאָריטעט פון א פאָלק איז די נאַציאָנאַל שפּראַך פון א פאָלק. שוין אויף דיזען גרונד אליין שטעהט דער זכות פאַר יודיש אלס די נאַציאָנאַל שפּראַך פון יודישען פאָלק אונבעשטרייטבאַר.

איז דער גוף פון יודיש א געזונדטער?

דאָס בעסטע מיטעל צו מעסטען דעם כוח פון א שפּראַך איז, זיך צו פערטיעפען אין א צוויי-שפּראַכיג ווערטערבוך, מיט דעם צוועק זיך צו שאַפען א קלאָהרען בעגריף איבער דעם פערגלייך צווישעןביידע. דער גרעסטער כוח פון א שפּראַך איז וואָס זי טראָגט זיך אין א צווייטע שפּראַך לייכט, פליעסיג און

דירעקט, אהן דריידלעך, נאטירליך מוז די שפראך דאצו האבען א רייכטום פון ווערטער זיך צו קענען גלייכשטעלען מיט דער אנדערע אין שכנות. אן ארימע אין ווערטער איז דארום א קראנקע שפראך.

אין יאהר 1915 האט די „דזשואיש פרעס פאבלישינג קאמפ. ארויסגעגעבען אן ענגליש־יודיש ווערטער בוך וואס ענט־האלט 120,000 ווערטער, וועהרענד די דייטשע שפראך האט בלויז 85,000 ווערטער. א פערגלייך צווישען פינף העכסט צי־וויליזירטע שפראכען שטעלט זיך יודיש אוועק נעכסט צו ענגליש, די רייכסטע, און איבער דייטש, איטאליעניש, פראנצויזיש, און טערקיש. אין דער רייע שטעהען זיי אזוי:

ענגליש	350,000 ווערטער
יודיש	120,000 ווערטער
דייטש	85,000 ווערטער
איטאליעניש	75,000 ווערטער
פראנצויזיש	30,000 ווערטער
טערקיש	22,000 ווערטער

נישט פיעלע יודיש ריידנער וואלטען געגלויבט אז יודיש האט אזא רייכטום ביז זיי זעהען דעם דאזיגען פערגלייך. זאנסט וואל־טען זיי נישט געגאנגען שנארען ביי פרעמדע טישען.

ווען יודישע שרייבער זאלען וויסען די רייכקייט פון דער יודישע שפראך וואלטען זיי אויפהערען פערקריפלען פרעמ־דע ווערטער זיי צו פערייודישען ווי עס האט געטון זשיטלאווסקי מיט זיין איבערזעצונג פון ניעטשעס „אלזא שפראך זאראטוסט־רא“ אדער יהואש מיט זיין איבערזעצונג פון לאנגפעלא׳ס האיא־וואטא. שלעכטע שרייבער אדער שלעכטע איבערזעצער זיינען נישט א בעוויז אז די שפראך איז שלעכט. דא ווערט אויפגע־

פיהרט די איבערזעצונג פון „האַיאַוואַטאַ“ פון צוויי יודישע פּאָעטען אַלס ביישפּיעל פאַר דעם קריטיקער צו אורטיילען:

לאָנגפעלאָ'ס אָריגינאַל

Should you ask me whence these stories?
Whence these legends and traditions,
With the odors of the forests,
With the dew and damp of meadows,
With the curling smoke of wigwams,
With the rushing of great rivers,
With their frequent repetitions,
And their wild reverberations,
As of thunders in the mountains.

יהואָש'ס איבערזעצונג: —

פרעגט איהר מיך, וואו כ'נעם די מעשות
די ספּורים און די סקאזקעס,
מיט די ריחות פון די וועלדער,
מיט דעם דופט און טהוי פון לאָנקעס,
מיט די רויכקרייזען פון וויגוואמס,
מיט דעם רעש פון שטארקע שטראָמען,
מיט די אָפטע ווידערקלאנגען
ווי אין בערג די דונער־קלאנגען? —

ע. איידלין־טראָממער'ס איבערזעצונג:

פרעגסט, פון וואנען אלע מעשות,
די לעגענדען און טראדיציעס,
מיט די דופטען פון די וועלדער,
מיט דעם טהוי פון פייכטע לאָנקעס,
מיט געקרייזטען רויך פון וויגוואמס,
מיט'ן רויש פון גרויסע טייכען,
וועלכע שלענגלען זיך און דרעהען,
מיט די ווילדע ווידערקלאנגען,
ווי אין בערג דער קראך פון דונער?

פערגלייכט מען טראָממער'ס מיט דעם אָריגינאַל דאַן זעהט, ווי לייכט עס איז דאָ מעגליך געוועזען פאַר יהואָש צו בלייבען טריי צום אָריגינאַל און ער איז עס נישט. פערבעסערען לאָנגפעלאָו האָט ער נישט נייטיג געהאַט, און ער האָט עס אויך

נישט געטהון. דער זאַץ: „וואו כ'נעם די מעשות" איז פאַלש. דאָס אָריגינאַל זאָגט: „פון וואַנען". לאָנגפעללאָו געברויכט די ווערטער: „סטאָריעס, לעדזשענדס ענד טראַדישיאָנס" דאָס זיינען דריי פערשידענע מיינענדע ווערטער, יהואש זעצט זיי איבער מיט: „מעשות, ספורים און סקאַזקעס" דאָס זיינען דריי ווערטער מיט איין מיינונג אין דריי שפּראַכען. סטאָריעס מיט מעשות, איז גוט, אָבער, לעדזשענדס ענד טראַדישיאָנס מיט ספורים און סקאַזקעס — שלעכט. דיעזע צוויי ווערטער זיינען אפילו נישט נייטיג געוועזען איבערזעצט צו ווערען ווייל, זיי זיינען נישט ענגליש. זיי געהערען צום פרעמד־ווערטערבוך פון דער ענגלישער שפּראַך. זיי זיינען דאָס אייגענטום פון אַלע שפּראַכען זיי זיינען שוין לאַנג איינגעבירגערט אויך אין דער יודישע שפּראַך. דאָס זיינען „לעגענדעס און טראַדיציעס". דאָס געברויכען פון אַ רוסישען וואָרט (סקאַזקעס) אין אַ יודישע איבערזעצונג פון אַן ענגלישען געדיכט, בעת עס איז דאָ דאַפיר דאָס ריכטיגע יודישע וואָרט, איז זעהר שלעכט. יהואש גע־ברויכט „ריחות" וואו ער האָט געדאַרפט האָבען „דופטען" און וואו ער געברויכט „דופט" האָט ער געדאַרפט האָבען „פייכטע" ווייל, וועלדער דופטען און טהוי איז פייכט. אַזוי זאָגט אויך לאָנגפעללאָו. נון, פערגלייכען מיר פאָלגענדע ציילע מיטביידע איבערזעצונגען וועט זיך דער אונטערשיעד נאָך בולט'ער ארויס־זעהען:

לאָנגפעללאָו: As of thunders in the mountains.

יהואש: ווי אין בערג די דונער־קלאַנגען.

טראָממער ווי אין בערג דער קראַך פון דונער.

אַ דונער קראַכט נישט ער קלינגט. דאָס ווייסט יהואש

אויך. דאס ווייזט אבער אז יהואש איז קיין מייסטער איבער דער ענגלישער שפראך.

מיין יודישע ענציקלאפעדיע האט פרובירט די כוחות פון דער יודישער שפראך, ספעציעל ביי טיעף־וויסענשאפטליכע און העכסט פילאזאפישע אבהאנדלונגען, א שטייגער ווי: אגרי־קולטור, אגנאסטיציזמוס, אונענדליכקייט, אונשטערבליכקייט, אטאם, אטאמיסטישע טעאריע א. ז. וו. ארטיקלען וועלכע זיינען א נסיון פאר די העכסט ציוויליזירטע שפראכען זיינען דא ארויס־געקומען אין יודיש, פיעל קלארער און מעהר בעגרייפליך ווי אין אירגענד וועלכע בעסטע ענציקלאפעדיע. יעדער איינער קאן זיך איבערצייגען אז דאס איז פאר קיין פאל איבערטריבען. פרעגט איהר ווי איז דאס מעגליך? איז דער ענטפער: יודיש איז די איינציגסטע פאנעטישע שפראך צווישען אלע ורואפעישע שפראכען. אן אונפאנעטישע שפראך פערטומעלט דעם שכל ביי יעדע שווערע פראגע.

יודיש א לעבענס שפראך

יודיש איז נישט א שפראך געמאכט אין א פאבריק, זי פערמאגט א נשמה וואס לעבט אין דעם פאלקס קערפער און שאפט ערפרישונג אין זיין פארטשריט. זייענדיג א געבוירענע טאכטער פון דער דייטשע שפראך האט זי געוירשנט די מעלות פון איינע פון בעסטע שפראכען, און דערצו נאך צוגעפיהרט איהרע אייגענע אידיאמען וואס שטייגען שוין אריבער די ירושה. עס איז נישט דא אין דייטש איין אידיאם וואס קאן נישט אריינגעפיהרט ווערען אין יודיש, דאגעגען, קענען די דייטשען נישט איבערנעמען די יודישע אידיאמען. א סימן אז זיי זיינען אייגענטימליך יודיש. איגנאץ בערנשטיין האט אויפגע־זאמעלט 4000 עכט יודישע שפריכווערטער, און לויט זיין מיי־

נונג איז די זאמלונג נישט ווייט דערגאנגען. ער זאגט אז די 35 יאהר וואס ער האט פערבראכט אויף דיזע זאמלונג האבען איהם אונמעגליך געמאכט צו זאמלען די שפריכווערטער פון די ליטווישע און רומענישע יודען. א זאמלונג פון עכט יודיש געשאפענע אידיאמען וואלטען געוויזען אז יודיש האט געשאפען א בריק צווישען די אריענטאלישע און עוראפעישע שפראכען. היער זיינען א פאר אלס ביישפיעל:

גביר׳ישלעך, חנ׳עוודיג, בעל׳טובה׳ניק, א שמחה׳לע, בכבוד׳דיג, גמרא׳קעפעל, פער׳מישפט׳ען, פער׳חושך׳ט מלכא׳נען פער׳חשק׳ט אבער אויפגע׳חש׳קט, בעל׳תאוה׳ניק, ברוגז׳דיג, א בתולה׳כל, גזמה׳דיג, א גנבה׳לע, שכל׳דיג, א כתיבה׳לע דוכנ׳ען דער׳רגז׳נען האלב׳חדש׳דיג המצאה׳לע העזה׳דיג הפקר׳יונג התלהבות׳דיג א זמר׳ל חבר׳ניק חדשימ׳דיג חדוש׳ען חזיר׳ניק חזנ׳יש חיה׳לע א חכמה׳לע חלפ׳ל חסיד׳יש חן־בראדעווקע חניפוש׳ניק טריפה׳ניאק יום טוב׳דיג יחסנ׳טע ימח שמו׳ניק כלב׳טע לא עלכמ׳דיג מורא׳דיג מזל׳דיג ממשות׳־דיג ממזר׳יש מצה־רעדעל מרה שחורה׳דיג נגידימ׳לעך נגידית׳־טע נגיד׳יש נישקשה׳דיג נפל׳ע עלום הזה׳ניק עם הארצ׳יש פלפול׳יסט פסק׳ענען א. ז. וו. פרובירט דאס איבערזעצען אין העברעאיש אויב איהר קאנט.

אין 1916 האט פראפ. הערמאן ל. סטראק, א דייטשער קריסט, ארויסגעגעבען א יודיש ווערטערבוך אין וועלכען עס ווייזט זיך ארויס אז ער קאן די יודישע שפראך פיעל בעסער ווי אירגענד וועלכער פון אונזערע בעסטע יודישע שרייבער, און אין דער פאררעדע פון דעמזעלבען ווערק זאגט ער: „יודיש ווערט מיט אונרעכט גערופען א קארומפירטעס דייטש. עס האט דיזעלבע רעכט גערופען צו ווערען א שפארך ווי ענגליש, ווייל

יודיש האָט הערהאַלטען די דייטשע עלעמענטען קלאָרער ווי די ענגלישע שפּראַך וואָס האָט אויך געשעפּט פון דעמזעלבען קוואַל. יודיש האָט אַלע מעלות וואָס יעדע שפּראַך האָט פיר ווייטערע ענטוויקלונג".

וויפיעל מיר ווייסען זיינען דאָ 200 פערשידענע אַלפאַבעטען אין דער וועלט. 50 פון זיי געהערען צו ציוויליזירטע פעלקער. די מעהרסטע פון זיי זיינען דירעקטע אָבשטאַמונגען פון דער פעניקישער שפּראַך, נאָר דער רוימישער איז אַ מאָדיפיצירטער פון גריכישען. די צאָהל פון בוכשטאַבען איז נישט עגאַל ביי אַלע שפּראַכען.

	בוכשטאַבען
איטאַליעניש	22
לאַטיין	22
יודיש	22
גריכיש	24
פראַנצויזיש	25
דייטש און ענגליש	26
שפּאַניש	27
אַרביש	28
טערקיש	28
פערזיש	32
רוסיש	35
סלאַוואָניש	42
סאַנסקריט	44
אַבעסיעניער	208
כינעזער	214

דער בעסטער אַלפאַבעט איז דער וואָס דריקט אַרויס די מעהרסטע קלענג וואָס הער מענש, חיה און נאַטור (אַלע צוזאַ־מען) לאָזען פון זיך הערען. דער בעסטער פון אַלע איז דער יודישער. ער איז נאָך בעסער פאַר דעם העברעישען הערמיט וואָס ער האָט פּערוואַנדעלט 5 פון די בוכשטאַבען צו וואָקלען און זיי אַוועקגעשטעלט אין דער רייה ווי עס שטעהן די וואָקאַלען פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. בעסער פאַר דעם דייטשישען ווייל דער דייטש דאַרף האָבען דריי בוכשטאַבען צו אויסדריקען אונזער איינעם „ש" און צוויי פאַר אונזער איינעם „ח". דאַן שטעהן אַלע אונזערע בוכשטאַבען פעסט וועהרענד אין אַלע אַנדערע שפּראַכען ענדערען זיי זיך זעהר אָפט. דער ענגלישער איז פּשוט בערויבט פון דעם קלאַנג פון אונזער „ח" און קלינגט אויס דיעזען בוכשטאַב ווי אונזער „ק". ווייל דער ענגלישער יוד זאָגען דאָס וואָרט חכמה זאָגט ער קאַקמע.

די שפּראַכען וואָס האָבען וואָקאַלען אין דער שורה קאָנען פּראָדוצירען 620,448,401,733,239,439,360,000 פערשיעדענע ווערטער וועלכע קענען געלעזען ווערען מיט זיכערהייט; דאַגע־גען ביי די וואָס האָבען נקודות מוזען אַלע טראָגען אַלעס בזכרון מימים קדמונים. דערפאַר איז דאָס ווענינע וואָס זיי האָבען אויך שווין צו שווער צו טראָגען.

דאָס יודישע פאָלק, נישט נאָר רעדט יודיש, עס טרוימט אויך אין יודיש און עס האָט אַרויסגעגעבען טרוימער און דענקער פאַר אַלע נאַציאָנען. זאַנגוויל, אַן ענגלישער יוד האָט זיי ענטדעקט, און זיי אַזוי טריי געשילדערט אין זיינע געהעטאָ־שריפטען, דאָס ער איז אַליין דורך זיי אונשטערבליך

געוואָרען אין דער ענגלישער ליטעראַטור. מיס העלענא פראַנקס, א ניעס פון דעם פערשטאָרבענעם דיוק־אָוו־וועסטמינסטער, האָט אויס נייגירדע זיך געלערנט יודיש, און איז ענדליך געקומען צום בעשלוס אז די יודיש רעדענדע יודען לעבען א העכער אידעאַלעם לעבען ווי אַלע לענדער. קלעמענס יונאָשא, דער איבערזעצער פון אבראַמאָוויטשעס ווערק אין פויליש זאָגט: „די יודיש ריידענדע יודען זיינען א פערגעניגען פאַר יעדען ווער עס וויל זיי שטודירען". נאָך אַלעם דעם ליעבער לעזער, וואָס דענקסט דו, איז יודיש א שפראַך? וואָס דענקסט דו וועגען די וואָס האסען יודיש?

העברעיש אין ארץ ישראל?

ענטהוזיאזם קומט נישט פון שכל, נישט
פון רעליגיאָן, נאָר פון אן איבערגעהיצטען
מח — לאָקע

„דאָס יודישע פאָלק האָט אויפגעהערט צו וועלען רעגירט צו ווערען פון די לייט פון פארנאס. עס וויל מען זאָל צו איהם ריידען אין זיין לשון. עס ווייס אַז דאָרט וואו מען לאָזט איהם ריידען זיין לשון דאָרט גיט מען איהם אַ דעה איבער זיינע אייגענע אינטערעסען. פיעלע פון די רעאַקציאָנערן בנוגע צו דער יודישע שפּראַך זעהן שוין אַז דאָס פאָלק וויל פון זיי נישט וויסען" — זאַנגוויל.

העברעיש אין ארץ ישראל

די פעלקער וואס מאכען די גרעסטע צאהל פון ערפינדונגען שאפען צוגלייך די גרעסטע צאהל פון נייע ווערטער פאר זייערע שפראכען. אזעלכע נייע ווערטער האבען א נשמה און קאנען לעבען אזוילאנג ווי די ערפינדונגען לעבען. דאס ערקלעהרט ווי אזוי די ענגלישע שפראך איז געווארען רייך און ווערט רייכער און רייכער פון צייט צו צייט. א פאלק וואס מאכט קיינע נייע ערפינדונגען, אויב עס וויל מאכען נייע ווערטער קאן עס נאר מאכען שברי כלים אבער קיין געברויכבארעס.

ווען מען זאגט מיר, אז מען רעדט העברעיש אין ארץ ישראל ענטפער איך, אז מען רעדט דארט אויך נאך 39 שפראכען אחוץ העברעיש. דאס מיינט נישט אז יעדער איינער רעדט דארט די גאנצע 39 שפראכען, עס מיינט פשוט, אז מען רעדט נישט העברעיש אין ארץ ישראל. אין „על המישמר“ 1923, געפינט איהר דעם פאלגענדען זעהר אינטערעסאנטער נאטיץ. „מען האט געפרעגט אחד־העם פארוואס ער רעדט אין די גאסען פון תל־אביב רוסיש און שרייבט ענגלישע בריעף צו יודישע רעגיערונגס בעאמטע. האט ער געענטפערט דארוף: „פאנאטיציזם איז ניצליך און אויך נייטיג. איך בין אבער קיינמאל געוועזען א פאנאטיקער. איך האב שטענדיג גערעדט אדער

געשריבען אין פרעמדע שפּראַכען, אין די שפּראַכען וואָס מען האָט צו מיר גערעדט אָדער געשריבן. איך בין אויך אין בע־צוג צו העברעיש קיין פאַנאַטיקער, איבערהויפּט וויל מיין ווייב און קינדער פערשטעהן נישט א וואָרט העברעיש". קאָן ווער זאָגען וויפיעל אַזעלכע פאַמיליעס עס זיינען דאָ אין ארץ ישראל וואָס קאָנען נישט א וואָרט העברעיש? דער צענזוס מאַן פרעגט נאָר ביים בעל־הבית וואָסער שפּראַך ער רעדט, די רעשט איז ער זיך שוין משער על פי סברה שלו. אַזוי איז דער צענזוס אַרויס אַז, אין ארץ ישראל האָבען זיך יודען פערשריבען 90 פראָצענט ריידנער אויף העברעיש. וויל מען אָבער אַרונטער רעכנען אַלע פאַמיליעס ווי די פון אחד־העם, וועט דער אמת זאָגען אַז מען רעדט נישט העברעיש אין ארץ ישראל אַזוי גזמא׳דיג ווי דער צענזוס ווייזט, און דאָס וואָלט אויך ער־קלעהרען ווער עס רעדט די איבריגע 39 שפּראַכען אין ארץ ישראל.

נעהמט מען אין אַנבעטראַכט דאָס יודיש ווערט דאָרט ג׳רודף׳ט און דאָס קיינער וואָלט אַזוי גלאַט אָבגעשניטען ווי אחד־העם, אויך די פּוסטע גאוה וואָס פיעלע יודען האָבען צו פאַרדעקען זייער איגנאָראַנץ און פערשרייבען זיך אַלס העברעער בכדי צו ווייזען אַז זיי געהערען צו די אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד, דאַן פאַלט דער ריהם אַז מען רעדט העברעיש אין ארץ ישראל אויף א זעהר פּראָזאַישען קאַלטען קיזעלשטיין.

אַפילו אין דער העברעישע אוניווערזיטעט לערנט מען נישט אַלע למודים אין העברעיש. פאַרטגעשריטענע למודים קאָן מען נישט לערנען אין א צוריקגעשטאַנענע שפּראַך. א שפּראַך לאָזט זיך נישט מאַכען אין א „מאַסס־פּראָדאַקשיאָן". זי מוז וואַק־

סען לאנגזאם, גאנץ לאנגזאם, פון אונטען ארויף, נישט פון אויבען ארונטער, ווי עס ווערט געמאכט אין ארץ ישראל. פאבריצירטע ווערטער האבען קיין נשמה, זיי קלינגען נישט נאר קראכען ביי יעדען בויג.

די לעגאלע אנערקענונג פון העברעיש אין ארץ ישראל איז פון א זעהר אונבעדייטענדען ווערטה ווען ענגליש און אראביש שטעהן איהר אלס קאנקורענטען. ענגליש, די רייכסטע אין דער וועלט און העברעיש די ארימסטע, אין א צוויי־קאמף, מיט אראביש אלס רעפעריע, וואס פאר א פנים דאס וועט האבען אין א פאאר יאהר נאך דער מלחמה!

יודיש שטעהט שוין אין קאמף מיט אלע עוראפעישע שפראכען פאר הונדערטע יאהרען געגען אייגענע און פרעמדע שונאים, שונאים וואס געברויכען אלע טייפלישע מיטעל וואס זיי קענען נאר אויסטראכטען; אשטייגער ווי, אבערייסען די קינדער פון זייערע עלטערן, בעשימפען די שפראך וואס די עלטערן ריידען און דאדורך פערניכטען דעם אינפלוענץ פון די עלטערן צו פיהרען די קינדער בדרך הישר, אדער מאכען די עלטערן גופא פיהלען אז יודיש, דער לשון וואס זיי ריידען איז קיין לשון נאר דער לשון וואס זיי ריידען נישט איז זייער לשון. נאכדעם קומט מען נאך נדבות צו דעם פאלק וואס האט קיין לשון פאר דעם פאלק וואס האט יא (?) א לשון — ווי רופט מען דאס?

אלע שפראכען זיינען ערלויבט אין פאלעסטינע, אפילו די שפראך פון היטלער און די פון סטאלין, נאר נישט יודיש. אין תל־אביב האט מען אמאל אויפגעפיהרט א יודישע טאלקי האט די פאליציי געמוזט איינשרייטען, און מעהר טאר מען נישט זיך צוריהרען צו א יודישע טאלקי. א העברעישע טאלקי קאן

מען נישט מאַכען ווייל קבצנים האָבען קיין געלד. און ווען מען זאָל שוין קריגען אַ רייכען בטלן וואָס רעכענט נישט אויף ביזנעס, וועט מען מאַכען בלויז איין טאָלקי. מאַכען אַ טאָלקי שלינגט איין אַן אוצר געלד און אַסך רייכע בטלנים האָבען מיר נישט. איין אָדער צוויי טאָלקים שפּיעלען שטענדיג קאָן מען נישט, וועט מען שפּיעלען ענגלישע טאָלקים. דאַמיט קריעגט די העברעישע שפּראַך דעם ערשטען געפעהרליכען קלאַפּ גלייך אין קאָפּ. די ענגלישע טאָלקים ווערען געמאַכט נישט מיט יודישע מאָטיוועז. וועט אַלזאָ די העברעישע יוגענד סעקולאַריזירט ווערען און דער יודישער גייסט מיט דעם יודישען אוצר פון אונזערע אָבות גאַנץ אויסגעלאַכט ווערען. די טאָלקים זיינען היינט די מעכטיגסטע וואָפע אין דעם קאַמף צווישען שפּראַכען. אַ יודישע טאָלקי מיט דער אונטערשטיצונג פון פּאַלעסטינע וואָלט געקאָנט ביישטעהן אין דעם דאָזיגען קאַמף. וואָס טהוט מען אָבער מיט העברעישע אַנטי־סעמיטען? דער סעמיטיזם פון יודענטהום ליגט דאָך ביי די יודיש ריידענדע יודען אין גע־בענשטען גלות.

דער קאַמף צווישען די 39 שפּראַכען וואָס ווערען גערעדט אין פּאַלעסטינע וועט דאָס העברעישע ענטוועדער האַלטען פער־קריפּעלט ווי די מאָדערנע העברעער האָבען עס געמאַכט, אָדער גאַנץ פערדרינגען פון לאַנד, ווי דאָס גריכישע האָט אַמאָל געטוען אין אונזער אייגען לאַנד, אָדער ווי דאָס אַראַמישע האָט געטוען ווען מען האָט געמוזט איבערזעצען די העברעישע ביבעל אין אַראַמישען, ווייל דאָס פאָלק האָט שוין דאָס העברעישע געהאַט גאַנץ פערגעסען. אין אַ קאַמף מיט אירגענד וועלכע עוראָפּעישע שפּראַך ענטלויפט דאָס העברעישע מיט דעם ערשטען קלאַפּ. די יודישע שפּראַך טרעט נישט אָפּ פון קאַמפּלאַץ. וואָס זי

פערלירט דורך דער אסימילאציע ערזעצט זי דורך ניי־געבורטען מעהר אלס צווייאמאל פון פערלוסט. דער פערלוסט פון יודיש דורך אסימילאציע קאן מען זעהן פון דעם קלעגליכען צושטאנד פון דער אנגלא־דזשואיש פרעסע אין פערגלייך צו דער יודישע.

אונזער גאנצע ליעבע איז פיר לשון הקודש, וויל זי איז די שפראך פון אונזערע נביאים, די שפראך וואס ענטהאלט אונזער טראדיציע, אונזער יחוס, דעם אנהויב פון אונזער געשיכטע, די טרייסט אין אונזערע ליידען, א האפנונג פאר בעסערע צייטען; אלע דיעזע אוצרות בליאקירען און פאלען ווי פאוויאניטע בלעטער אין העברעיש. העברעיש אין דער גאס, אין האנדעל, וואס איז אונמעגליך אהנע שווינדעל, אין דעם שמוציגען טייל פון לעבען, אין די מיילער פון פריידענקער, טרייבט ארוים די קדושה פון דעם הייליגען לשון און מאכט איהר צו א גאסען־פרוי. דאס איז די אורזאך ווארום די ארטאדאקסישע יודען האסען העברעיש, און ווען מען צווינגט זיי אין ארץ ישראל צוריידען העברעיש פיהלען זיי דעם טעם ווי די יודען וואס מוזען עסען חזיר וויל מען צווינגט זיי. דער פאקט איז דאס מען לערנט גמרא אין פאלעסטינע אויף יודיש.

די ארטאדאקסישע יודען קאנען נישט פערגעסען די שרעקען וואס האט אנגעמאכט די ערשיינונג פון די ערשטע העברעישע צייטונג, ארויסגעגעבען פון די משכילים פראפאגאנדירענדיג אסימילאציע. דאס גליק איז געוועזען וואס די יודען האבען נישט געקאנט קיין העברעיש. פון דעם ביסעל וואס האט יא געקאנט העברעיש זיינען כמעט אלע אריין אין רוסישען און פוילישען שמעלץ־טאפ, איבערלאזענדיג היגטער זיך וויינענדע עלטערן וואס האבען זיך געזעצט שבעה נאך זיי. און

ווער זיינען די היינטיגע פאַרשטעהער פון העברעיש? דאָס זיינען די דיספּאַנטעטע משכילים פון יענער צייט וואָס האָבען ענדליך איינגעזעהן אז אסימילאציע קאָן נישט לעזען די יודישע פראַגע. דאָס זיינען די מאָדערנע העלעניסטען וואָס פערשוואַכען די היילינקייט און פערהייליגען די טומאה.

ווען דער יודישער היי־קאָמישיאָנער איז געקומען אין דער שוהל פון ירושלים צו פּראָקלאַמירען די פּאַלעסטינער קאָנסטי־טוציע, האָט מען געפונען בן יהודה אין שוהל איינגעוויקעלט אין טלית וואַרטענדיג. די פּרעסע האָט דערפון געמאַכט א וואונדערליכע ערשיינונג אז, דער טאַטע פון דעם מאָדערנעם העברעיש איז געקומען אין שוהל און זיך איינגעהילט אין א טלית. עס זיינען דאָרט געוועזען אסך יודען איינגעהילט אין טליתים, דאָס איז קיין וואונדער נישט געוועזען. בן יהודה אָבער, זייענדיג דער טאַטע פון העברעיש, אין שוהל מיט א טלית — דאָס איז שוין א וואונדער.

מיר ווייסען אז צווישען דער באַנדע וואָס רופט זיך: מגיני השפה" איז נישט דאָ איין אָרטאָדאָקסישער יוד. דאָס זיינען די יודישע פּאַגראָמשטשיקעס וואָס פּאַגראָמירען יעדע יודישע אונ־טערנעהמונג, און עסען אין טריפה רעסטאָראַנס. זעה דעם פּראָטעסט פון פּאַלעסטינע געדרוקט אין דער „דזשואיש פאָרום" פון יוני 1924, זייטע 372. אוסישקין, אַלס אַן עהרענגאַסט אויף א באַנקעט אין דעם „עמק", פּאַלעסטינע, האָט מיט צאָרן אויסגערופען צו אַלע פערזאַמעלטע: „וואָסערע טראַגעדיע! איך, ווען מען איהר רופט דער גואל העמק, קאָן מיט אייך נישט מיטעסען ביי איין טיש, אייער טיש איז טריפה!". און דאָס האָט אוסישקין געזאָגט אויף העברעיש, צווישען העברעער, וואו יודיש איז טריפה.

וואס וואלט די יודישע וועלט געזאגט ווען ענגלאנד אדער אמעריקע וואלט פערביעטען יודיש ווי די העברעער טוען? איז דאס נישט א גוטער מוסטער פיר אנטיסעמיטען נאכצוטוען און אנווייזען אויף די העברעער אין היילעגען לאנד? דוכטזעך מיר, אז איך הער דאס קול פון ירמיהו שרייענדיג אויס זיין קבר „ואביא אתכם אל ארץ הכרמל לאכל פריה וטובה, ותבאו ותטמאו את ארצי ונחלתי שמתם לתועבה“!

העברעיש אין פאלעסטינע וועט פערשווינדען

עס איז קיין פאלשע נבואה, נור א נבואה וואס איז בעגרינ־דעט אויף פאלגענדע שטאלענע פאקטען אז, העברעיש וועט פערשלינגען ווערען פון ענגליש אויב די יודישע שפראך וועט נישט פערנעהמען דעם פלאץ פון העברעיש אין ארץ ישראל. דעם אנהויב קאנט איהר שוין זעהן היינט, טאקי אין ארץ ישראל. קוקט זיך איין מיט אן אפענעם מח צו פערשטעהן וואס פאסירט פאר אייערע אייגענע אויגען.

אין לעצטען יאהרהונדערט האט זיך די ענגלישע שפראך פערשפרייט צווישען ענגליש ריידנער פון 26 מיליאנען אויף 200 מיליאנען. רעכנען מיר דאצו דאס אמעריקאנער פאלק איז דאס צוזאמען 330 מיליאנען. אט וויאזוי דאס ווערט מעגליך:

אין יעדע בריטישע קאלאניע מוז ענגליש לעגאל אנערקענט ווערען גלייך מיט דער אנגעבוירענע שפראך. דאס מיינט אזביידע שפראכען מוזען געלערנט ווערען אין די סקולס וואס ווע־רען געשטיצט פון דער רעגיערונגס קאסע. אין פאלעסטינע הייסט עס אין דריי שפראכען. אלע געזעצען מוזען געדרוקט ווערען אין אלע דריי שפראכען. ווען עס קומט פאר א דיספוט צווישען די אונגלייכע שפראכען אין געזעץ, איז דער ענגלישער

טעקסט סופריעם. א העברעישע איבערזעצונג פון ענגליש אָדער אַן ענגלישע פון העברעיש איז אונמעגליך און אוננאַטירליך ווייל, איינע איז אַן ערופעישע שפראַך און די אנדערע אַן אזיאַטישע. דייטליכערעס וועגען דידאַזינגע אונמעגליכקייט וועט בעוויזען ווערען אין א שפּעטערען אַרטיקעל פון דיעזען בוך.

אין די ענגליש שפּרעכענדע לענדער ווערט יעדע פרעמדע שפּראַך געהאַסט, און ווען געצוואונגען צו לערנען א פרעמדע שפּראַך, לערנט מען איהר מיט דעם אַפּעטיט וואָס א פרומער יוד עסט חרסת ביים סדר. אַפּילו ווען ער קאָן שוין די פרעמדע שפּראַך וועט ער אויסמיידען איהר צו ריידען. פון דער דזשואיש גאַרדיען אין לאָנדאָן, יוני, 1924, קאָפּירען מיר פאָלגענדען נאָטיץ:

> "In Palestine, the big guns (officials) speak English, the little ape them, the police speak English, too. Besides, they do not bother to obtain more than a skirmishing acquaintance with Hebrew. The result is that those Palestinians who have dealings with them, have to speak English.

איבערזעצט:

> די הויכע בעאַמטע אין פּאלעסטינע ריידען ענגליש, די קליינערע טוען נאָך די הויכע, און די פּאָליציי אויך אזוי. אחוץ מזה איז זייער קענטנים פון העברעיש אויבערפלעכליך. דאָס רעזולטאַט איז: יעדער וואָס דאַרף אָנקומען צו די בעאַמטע מוז קאָנען ענגליש.

אין די סקולס וואו מען לערנט ענגליש אסימילירען זיך די העברעיש ריידענדע קינדער זעהר שנעל. יעדע אַנדערע שפּראַך וואָס מען לערנט אין דערזעלבע סקול קאָן נישט האָבען דעמ־

זעלבען עפעקט, ווייל זי שטעהט אויף א קליינערע שטופע אין דער ציוויליזאציע. די ענגלישע שפראך האט פיעל צו געבען, וועהרענד העברעיש קען זיך נאר קראצען דאס לינקע אויער מיט דער רעכטע האנד.

סויטה־אפריקע אלס ביישפיעל

אין סויטה־אפריקע וואו די בורען זיינען אין דער מאיאָ־ריטעט ריידען זיי א שפראך וואס מען רופט: טאאל, א לעבענ־דיגע שפראך אבער א געמישטע פון האלענדיש, ענגליש און אנגעאייגנעטעס פון די איינגעבוירענע. די בורען־קינדער אין די סקולס ווערען פרעמד פון זייערע עלטערן מיט יעדע שטופע וויטער ווי זיי שטייגען אין זייער שטודיום. די בורען זעהען דארין זייער לאנגזאמען אונטערגאנג אין א קאמף וואו זיי קאָ־נען נישט אפילו שיעסען איין קויל צו זייער פערטיידיגונג. דאס איז די איינציגע אונצופריעדענהייט וואס די בורען האבען געגען ענגלאנד. די בורען וויסען אז זייער עקאָנאָמישער צושטאנד איז אבהענגיג פון דעם ענגלישען גוטען ווילען, דאך לויפען זיי נאך גענעראל הערצאָג, דעם ביטערסטען שונא פון ענגלאנד, בלויז אוים מורא נישט צו ווערען איינגעשלינגען פון דער ענגלישער שפראך. הערצאָג און סמוטס זיינען ביידע בורען־קינ־דער. דער ערשטער וועט ריידען ענגליש בלויז ווען ער מוז, און דער צווייטער וועט ריידען טאאל וואו ער איז זיכער אז מען פערשטעהט נישט די ענגלישע שפראך. דאס פאסירט אין א קאמף צווישען צוויי שפראכען. ווי וועט דער קאמף אוים־זעהן צווישען דריי שפראכען: איינע די מעכטיגסטע אין דער וועלט, די צווייטע וואס ווערט גערעפראכען פון 14 מיליאָנען געגען דאס ניי פאבריצירטע פערקריפעלטע העברעיש וואס ווערט גערעדט בלויז אין א ווינקעל פון פאלעסטינע פון א הייפעל

ענטה:זיאַסטען וואָס פערשטעהען זיך נישט איינער דעם אַנדערען אָהנע די בייהילף פון אַ פרעמדע שפּראַך.

דערצו דאַרף מען נאָך אין זכרון האַלטען דעם פאַקט דאָס די אַנדערע 39 שפּראַכען וואָס ווערען גערעדט אין פּאַלעסטינע זיינען כמעט אַלע ציוויליזירטע שפּראַכען, צו אַ הויכען גראָד אויף דער זייט פון די געגנער צו בעקעמפען דאָס העברעישע.

דאָס מאָדערנע העברעיש קאָן אַפילו נישט האָפען אויף די סימפּאַטיע פון רעליגיעזען יודענטום, ווייל העברעיש איז נישט לשון קודש. די ליעבהאָבער פון דעם אַלטען העברעיש האַלטען, אַז דער מאָדערנער העברעיש איז מחלל די קדושה פון לשון הקודש. י. ד. אייזענשטיין, דער אַרויסגעבער פון דעם אוצר ישראל, און פון מעהר העברעישע ווערק ווי פון דעם גרעסטען העברעישען פערפאַסער, פערזיכערט מיר, אַז ער נעמט נישט אין האַנד אַ העברעישע ציטונג, ווייל דער מאָדערנער העברעיש איז אַ קוואַטש.

ריכטיג כאַראַקטעריזירט דזשייקאָב ס. ראַיזין, דאָס מאָדערנע העברעיש אין דער „דזשואיש פאָרום“ פון אוגוסט 1924, וואו ער רעדט וועגען דער השכלה. ער זאָגט:

„דאָס מאָדערנע העברעיש איז פרעמד אין סטיל און אין סענטימענט פון דעם סטיל און סענטימענטען פון די נביאים און די רבנן. זי איז נישט מעהר די שפּראַך פון דער רעליגיאָן. די פיהרער פון די סקולס אין דער הסתדרות המורים זיינען געגען לערנען די ביבעל און דעם תלמוד צו די יודישע קינדער אין ארץ ישראל. חיים ליב זוטע, איינער פון די פיהרער זאָגט אָפען, די העברעישע פעדאגאָגיע איז בלויז קאָפּירט פון רוסישע און דייטשעשע קוואלען. דער גייסט וואָס קומט פון חדר צום יודענטהום איז דאָ גאַנץ אויסגעשלאָסען. זאָגאר דאָס העברעישע איז פערקריפּעלט“.

היער שטעלען זיך אוועק אפאר פערטינענטע פראגען וועלכע שטעלען אונזער סמך אויף פאלעסטינע אין געפאהר. אונזער סמך אויף פאלעסטינע רוהט בלויז אויף דעם גרונד פון אונזער ביבעל. ווען די שפראך פון דער ביבעל ווערט פערווארפען וואס טועז מיר דארט ? אויף וועלכען סמך ? ווען מען נעהמט ארויס די ביבעל און דעם תלמוד פון דער יודישע ערציהונג וואס פאר א פאלק וועט דערפון ארויסקומען ? ווען דידאזיגע יוגענד וועט אויסוואקסען אהנע א יודישע ערציהונג וועט עס זיך דען וועלען מאטערן מיט א פערקריפעלטען העברעיש? איבערהויפט ווען עס שטעהט צו איהר פערפיגונג א הויך ציוויליזירטעס ענגליש ? וועט דען די אסימילאציע אין ארץ ישראל נישט זיין א פיעל שווערערער קלאפ פארן גאנצען יודישען פאלק ? וועט דאס נישט זיין א פערלוירענע האפנונג, די לעצטע האפנונג פיר א בעפרייאונג פון די לאנגע יאהרען מאטערניש און מארטירערטום ? וועטו דאס נישט ברענגען די רעאקציע וואס איז געקומען נאך דער שבתי־צבי בעוועגונג ? אט דאס איז די ארבייט פון די אלטע אסימיליאטארען אונטער א נייע נאציאנאלע מאסקע, צו קענען אויספיהרען זייער אלטען טייפלישען פלאן וואס זיי האבען פריהער נישט געקאנט, ווייל דאס פאלק האט קיין העברעיש נישט פערשטאנען. די יודישע שפראך איז זיי דעמאלט געשטאנען ווי א ביין אין האלז. דערפאר זוכען זיי יעצט די יודישע שפראך אויסצוראטען.

די פאָלגענדע אָבהאַנדלונג איז צוערשט ערשינען אין מיין „יודישען אדוואָקאַט“ וואָס איך האָב ארויסגעגעבען אין קייפּטאָון, זיד־אַפריקע, אונטער דעם דאַטום פון מערץ דען 5טען 1909, אַ וואָכענבלאַט אין זיין פינפטען יאָהרגאַנג. אַ חדש שפּעטער איז ער איבערגעדרוקט געוואָרען אין די „אידישע גאַזעטען“.

אַ רעפֿאָרמירטעס יודיש

א שפּראך וואָס נעהמט נישט אוף אימערצו נייע ווערטער צו איהר אינהאלט שטערבט אָב ווי דער קערפּער וואָס וועלכער נעהמט נישט אויף אימער נייע שפּייז. פיעלע, נייע ווערטער האלטען די שפּראך געזונט, וועניג נייע ווערטער האלטען איהר מאָגער אָבער קיינע נייע ווערטער מאכען איהר טוידט.

אַ רעפאָרמירטעם יודיש

מיר שרייבען יודיש און איהר פערשטעהט אונז, דאָס זיינען מיר זיכער. אויב איהר פערשטעהט אונז נישט, זיינען מיר זיכער אַז איהר פערשטעהט קיין יודיש, אַפילו אויך דאָס יודיש פון אַנדערע צייטונגען.

פאַרטוך ביז העם חדר, פון דעם חדר ביז'ן בית המדרש, פון בית

דאָס יודיש פון אַמאָל, ווי עס ווערט היינט געשריבען אין רוסישע אָדער גאַליציאַנער פרעסע איז גוט געוועזען, אָבער נישט מעהר. אַמאָל האָט דער יודישער מח נישט געדאַרפט פיעל דענקען. זיינע ד' אמות אין וועלכע ער האָט געלעבט האָבען פון איהם נישט פיעל געפאָדערט. געהענדיג פון דער מאַמעס פאַרטוך ביז דעם חדר, פון דעם חדר ביז'ן בית המדרש, פון בית המדרש ביז אויף קעסט, און פון די קעסט ביז ווערען אַ ספעקו־לאַטאָר האָט ער פיעל לשון נישט געדאַרפט. עס איז איהם גע־נוג געוועזען צו קאָנען אַביסעל פון דאָס און אַביסעל פון יענעם, מעהר האָט ער נישט נייטיג געהאַט. היינט, בעונותנו הרבים ווען דאַמפער, טעלעגראַפען און באַהנען האָבען אויפגע־ריסען די טיהרען און לאָדען פון די קליינע שטעטעלעך, דיעזע שטעטעלעך צוזאַמענגעטשעפעט צו דער גרויסער וועלט: ווען דער עושה חדשות האָט דורך דיעזע טיהרען און פענסטער גע־

נומען וועקען די פערשלאָפענע נייגירדע ביי די האַלב לעבענדע נפשות, טאָג ביי טאָג, איז די שפּראַך געוואָרען צו קורץ, און די לען.

פון וואַנען אָבער זאָל מען נעהמען נייע ווערטער? נויטיג פאַר אַ ברייטערעם יודיש האָט זיך גענומען שטאַרק פיהנאָך וועלכער גראַמאַטיק זאָל זיך דיעזע שפּראַך ריכטען? דאָס זיינען צוויי וויכטיגע פראַגען ארום וועלכע זעהר וועניג איז געטראַכט געוואָרען. מיר וועלען זיי דאָ פּרובירן צו בעאַנטוואָרטען.

אין מיין ענגלישען ווערק „איז יודישע אוראָפּעען לענגוויטש? וואָס איז געדרוקט געוואָרען פאַר דעם קייפּטאַונער פּאַרלאַמענט, האָב איך בעהויבטעט אַז, איידער די יודען זיינען געקומען אין דייטשלאַנד האָבען זיי קיין יודיש נישט געקאָנט. זיי האָבען אַלזאָ ביי די דייטשען דאָס יודיש געלערנט. דייטש בילדעט נאָך היינט איבער 80 פּראָצענט פון יודישען ווערטערבוך. יודיש וואָלט פיעלייכט קיין יודיש געבליבען ווען עס וואָלט געקומען אונטער דיזעלבע אומשטענדען ווי די דייטשע שפּראַך איז געוועזען אין איהרע שוהלען. די דייטשע שפּראַך איז אין איהרע שוהלען רעפאָרמירט געוואָרען נאָך דעם גייסט פון דער צייט און דער יוד האָט איהר אין בית המדרש פערמישט מיט העברעישע אידיאָמען אָדער מיט מאַרק-פּויליש, אָדער מאַרק-רוסיש.

אַלזאָ דייטש איז מיט דער צייט רעפאָרמירט און רייכער געוואָרען. פון וואַנען האָט זי אָבער גענומען דיעזען רייכטום? קענען מיר פיעלייכט פון דאָרט אויך וואָס פאַר אונזער יודיש קריעגען? דוכטזיך אַז מיר האָבען שוין אַ היבש ביסעל לאַטיין און גריכיש איינגעזויגען. אַ שטייגער ווי רעליגיאָן, אָר-

גאניזאציע, נאציאן, דיספוטאציע, דעבאטען, רעזאלוציע א.ד.ג. דיעזע ווערטער און פיעלע עהנליגע זיינען שוין צווישען יודען עבענזא פאפולער ווי ביי די דייטשען ווארום אלזא זאלען מיר זיך שעהמען צו נעהמען וואו די דייטשען און ענגלענדער נעמען, אויך פאר אונזער יודיש? טוען נישט די פראנצויזען און איטאליענער דאס זעלבע?

אויב מיר ווילען בילדען אונזער פאלק מוזען מיר עס געבען צו לעזען בעלעהרענדעס, וויסענשאפטליכעס, און אימער בעסערעס פון דאס וואס עס האט געהאט ביז יעצט. ביי א זאל־כער אונטערנעמונג שטויסען מיר זיך זאפארט צוזאמען מיט דער נויט פיר נייע ווערטער. דיעזע נעהמען פון רוסישען איז אונפראקטיש ווייל די פוילישע יודען וועלען זיי נישט פער־שטעהן, פון פוילישען וועלען די רוסישע יודען נישט פערשטעהן פון ענגלישען (ווי די אמעריקאנער טוען) וועלען 6 מיליאנען רוסישע און פוילישע יודען נישט פערשטעהן, ווען נישט נעהמען פון דייטשען אדער פון וואנען די דייטשען נעהמען הייסט: דאס פערמישטע נאכמעהר פערמישען.

קוקען מיר זיך איין אין די פערשידענע יודישע צייט־טונגען און זשורנאלען צו געפינען דעם קלאהרסטען סטיל יודיש, געפינען מיר אז דער אמעריקאנער יודיש איז נישט גוט, אבער דאך בעסער ווי דער פון דער רוסיש־יודישע פרעסע. די אמעריקאנער יודישע פרעסע איז בעסער נישט דערפאר וואס זי נעהמט אויף פיעלע ענגלישע ווערטער (דאס איז גראד איהר חסרון) נאר דערפאר וואס איהר סטיל עהנליכט זיך בעסער צום דייטשישען אלס דער סטיל פון דער רוסישער אדער פויליש יודישע פרעסע. למשל: "דער פריינד", נומער 14, זיבענטער יאהרגאנג שרייבט:

> פאריז. דיא היגע צייטונג „לע ניאוועל" מעלדעט, אז דער רוצח פון דעם דעפוטאט פון דער ערשטער דומא יאָלאָס וואָס געפינט זיך יעצט אין פאריז א. ז. וו.

מיר וואָלטען שרייבען:

> פאריז. די היגע צייטונג „לע ניאוועל" מעלדעט דאָס דער מערדער פון דעם דעפוטאט יאָלאָס, אויס דער ער־שטער דומא א. ז. וו.

דער אונטערשיעד ליגט דאַרין, וואָס דער נאָמען יאָלאָס געפינט זיך. דאָרט שטעהט יאָלאָס נאָך דעם וואָרט דומא און עס לעזט זיך דערפאר „דומא יאָלאָס" ווערענד ביי אונז שטעהט יאָלאָס נאָך דעם וואָרט דעפוטאט און עס לעזט זיך דאַ־רום „דעפוטאט יאָלאָס". נאָך ערגער איז אין נומער 18 פון דערזעלבער צייטונג וואָס זי שרייבט:

> טיפליס. עס איז ארויסגעפאָהרען קיין פעטערבורג דער געהילף פון קאווקאזער נאמיעסטניק — מיצקעוויטש אויף צו געבען ערלעהרונג אין דעם גאָסודארסטוועני דומא וועגען דער קאווקאזער אָנפראגע.

מיר וואָלטען זאָגען:

> טיפליס. מיצקעוויטש, דער געהילף פון קאווקאזער נאמיעסטניק, איז ארויסגעפאָהרען נאָך פעטערבורג אָב־צוגעבען א בעריכט אין דער דומא וועגען דער קאווקא־זער אָנפראגע.

דאָ האָבען מיר דיזעלבע ווערטער בלויז אומגע־שטעלט און עס קומט ארויס ווייניגער שורות מיט א קלאָרערען געדאנק. אמאָל האָבען מיר בעגעגענד א מודעה אין א פויליש יודישע צייטונג געשריבען אזוי:

עס איז פערלוירען געגאנגען א אידינע מיט צוויי ציין א שליסעל געמיינט האָט דאָס אוודאי:

א אידינע האָט פערלוירען א שליסעל מיט צוויי ציין.

מיר געבען צו דאָס איידער צו געברויכען א פרעמד־וואָרט וואָס איז אונבעקאנט אין יודיש זאָל מען בעסער געברוי־

כען א העברעיש װארט װאס איז בעקאנט. אבער אונזערע יודישע שרייבער געברויכען העברעישע װערטער װאס זיי האבען א יודיש װארט װאס איז זאגאר מעהר פאפולער אלס דאס העב־רעישע. דא האט איהר א גאנץ קליינע ליסטע אלס ביישפיעל:

אבדה	פערלוסט
אהבה	ליעבע
אומה	נאציע
אחר המעשה	ענדליך
אזהרה	װארנונג
אפילו	זאגאר
בהלה	טומעל
בזיון	שאנדע
בחפזון	אין איילעניש
יכולת	מעגליכקייט

און הונדערטע אנדערע דערגלייכען װאס פערשאפען נאך דערצו די מעגליכקייט איבערצושרייבען די העברעישע װערטער מיט פיעלע גרייזען װייל, העברעיש איז דאך נישט יודיש. אט האבען מיר װידער רוסישע איינשמיגלונגען, אונניי־טיגע, א שטייגער װי:

הודאזשניק	א צייכנער
אסיגנאציעס	באנקנאטען
פריסיאזשני	א געשװארענער
פריקאזאניע	א בעפעהל
סלוטשיי	געלעגענהייט

און װען זיי נעהמען שוין מישען אונזער קלאהרען יודיש טוען זיי עס מיט אונפערשעהמטהייט. דאס נאטירליך פיהרט צו קארופציאנען צװישען די לעזער און די שפראך װערט דאדורך פעראונרייניגט.

צום בעוויז אז יודיש איז אין דער רייע צווישען אַלע ציוויליזירטע שפּראַכען דיענט די פאָלגענדע קליינע ליסטע פון יודישע ווערטער וואָס געפינען זיך אין

יודיש	דייטש	האָלענדיש	ענגליש	פראַנצויזיש	רוסיש
אבזאָלוט	״	״	״	״	״
אבזאָרבציאָן	״	״	״	״	״
אבסטראקט	״	״	״	״	״
אבזורד	״	״	״	״	״
אקצענט	״	״	״	״	״
אדוואָקאַט	״	״	״	״	״
אקאַדעמיע	״	״	״	״	״
אליאַרם	״	״	״	״	״
אלבום	״	״	״	״	״
אלפאַבעט	״	״	״	״	״
אמאַלגאַם.	״	״	״	״	״
אמנעסטיע	״	״	״	״	״
אמולעט	״	״	״	״	״
אנאַלאָגיע	״	״	״	״	״
אנאַליז	״	״	״	״	״
אנאטאָמיע	״	״	״	״	״
אנעקדאָט	״	״	״	״	״
אנטיק	״	״	״	״	״
אפּטייקער	״	״	״	״	״
ארכיטעקטור	״	״	״	״	״
ארכיוו	״	״	״	״	״
אריסטאָקראַט	״	״	״	״	״
אריפמעטיק	״	״	״	״	״

יודיש	דייטש	האלענדיש	ענגליש	פראנצויזיש	רוסיש
ארעסט	"	"	"	"	"
ארמעניק	"	"	"	"	"
ארטיקעל	"	"	"	"	"
אסבעסטאס	"	"	"	"	"
אספאלט	"	"	"	"	"
אסיסטענץ	"	"	"	"	"
אסטראלאגיע	"	"	"	"	"
אסטראנאמיע	"	"	"	"	"
אטמאספערע	"	"	"	"	"
אטאם	"	"	"	"	"
אטענטאט	"	"	"	"	"
אווידיענץ	"	"	"	"	"
ארכעלאגיע	"	"	"	"	"
אוטאמאט	"	"	"	"	"
אוטאריטעט	"	"	"	"	"
אוטאנאמיע	"	"	"	"	"
אוויזיע	"	"	"	"	"
אקסיאם	"	"	"	"	"

דא האבען מיר בלויז פון "א": א ליסטע פון גאנצען אלף־בית וואלט בעטרעפען צעהנדליגע טויזענדע יודישע ווער־טער אין דער רייהע צווישען די ציוויליזירטעסטע שפראכען. דאס מיינט אז עס איז גרינגער זיך אויסצולערנען א פרעמדע שפראך דורך יודיש ווי דורך העברעיש, ווי אויך דאס די פרעמד־ווערטער אין יודיש זיינען זיכערייכער ווי אין העברעיש וואס איז פרעמד צו די ציוויליזירטע שפראכען. דאן ווערט אויך מיט דיעזער ליסטע בעוויזען, אז יודיש איז קיין זשארגאן צוליעב די פרעמדע

ווערטער וואָס זי נעהמט אויף פון פרעמדע שפּראַכען, ווייל אַלע שפּראַכען נעהמען איינע פון די אַנדערע. פּרובירט מען אוועק־צושטעלען אַ העברעישע ליסטע אויף דעם אָרט פון דער יודישע אין פערגלייך מיט די אויבען אָנגעגעבענע שפּראַכען וועט זיך דער קאָנטראַסט אַרויסשטעלען ווי מזרח צו מערב. אַ פאָלק ווי די בעדואינען קאָן זיך ערלויבען איינצושליעסען אין אַ ווינקעלע פון דער וועלט, נישט דאָס יודישע פאָלק וואָס בעוויזט אַ העכערע אינטעליגענץ פון דעם וואָס קאָן בלויז העברעיש. פון יודיש אַריבערצוגעהן אין אַ פרעמדע שפּראַך מאַכט אויך גרינ־גער פאַר דער פרעמדע שפּראַך זיך אַריבערצוטראָגען אין יודישען אַריין. איינשטיין וועט פערשטעהן אַ יודישען ריידנער בעסער ווי אַ העברעישען. איינשטיין און זיינעסגלייכען זיינען נישט גרויס געוואָרען דורך העברעיש נאָר דורך אַ שפּראַך וואָס שטעהט זעהר נאָהענט צו יודיש. וואָלט ער אָבער געשטאַנען אונטער דעם חרם פון די „מגני השפה“ אין ארץ ישראל וואָלט ער געבליבען אין ארץ ישראל . . .

אָרטאָגראַפישע כללים

א אַ אָ

אַ אָ, יעדער קלינגענדער אלף דארף בעצייכענט ווערען מיט א פתח (אַ) אָדער מיט א קמץ (אָ). דער שטומער אלף האָט קיין נקודה.

אָב־ נישט אָפּ־, אשטייגער "אָבהאקען" נישט "אָפּהאקען", וועלכעס קלינגט געלויפיג ווי "אָפּאקען". "אָבהענגיג" נישט "אָפּהענגיק". ז. "אונ־".

"אָב־" אלס פאַרזילבע צו א העברעיש וואָרט זאָל האָבען אן אפּאָסט־ראָף צווישען. אשטייגער: אָב'שמד'ן, אָב'פּגר'ן, אָב'מוסר'ן, אָב'טענה'ן א.ז.וו.

"אָבענד" נישט אָוועגד, ווי אויך נישט אָוועגט.

אָדער, יאָ אָדער ניין (אלטערנאטיוו)

אַדער, אַדערען פון א גוף (פיזיאָלאָגיש)

אָהן נישט אָן, די "ה" איז צו פערלענגערען דעם קלאנג "אָ". דערפאַר שרייבט מען אויך "האָהן" און נישט האָן. "אָהן" איז פון דייטשישען "אָהנע" און מיינט: "נישט מיט־", אָדער אויסגע־שלאָסען.

אויבוואויל, אויבאכט, א.ז.וו.

אומ־, איז אן אָבקירצונג פון דעם וואָרט "ארום", ד. ה. איינגעלאַסען. דערפאר קאָן מען נישט זאָגען אין דער פערנייַנענדע פאַרזילבע "אומגליק" נאָר "אונגליק". "אום" אלס א וואָרט מיינט ווי דאָס העברעישע "בכדי". דאָס איז א צווייטע אורזאך ווארום נישט צו טוישען דאָס "אונ־" פאר "אומ".

אויסוועגדיג נישט אויסווייניג. א וואנד איז א גרענעץ און אריבער איהר הייסט אויסוועגדיג.
אונגליקלעך נישט אומגליקלאך. מען לאכט נישט אין אן אונגליק.
איבערציהען נישט איבערצין. צין איז א מעטאל.
אָרענטליך נישט אָרענטלאך. מען לאכט נישט פון אָרענטליכקייט.
אונ־, נישט "אומ־" ז.ד.
אונז, אונזער, אונזעריגע, אָדער אונזריגע.
אַנ־, אלס א פאָרזילבע איז א גראָבהייט. מען שרייבט נישט אנטפערען נאָר ענטפערען, דערפאר מוז עס הייסען: ענטוויקלען, ענטפלעקען, ענטוועהנען א.ז.וו.
אור־האָהן נישט אויער־האָהן, דיעזער האָט נישט אזעלכע אויערען מען זאָל איהם רופען מיט דיעזען נאָמען.
אייז נישט אייס.
אָקס (נישט אָכס), "אור־אָקס" נישט אויעראָקס.

ב

באַנג, עס טהוט מיר באנג, נישט "באנק", דערפאר: בענגען, בענג־שאפט, נישט בענקען אָדער בענקשאפט.
ביען וואָס גיט האָניג, ביהנע איז אין טהעאטער.
בליהען נישט בלין.
בע־ אלס פאָרזילבע (נישט "באַ־") אשטייגער בעארבייטען, נישט באארבייטען.
בעדייט נישט בעטייט אָדער בעטייטונג.
בעשליעסען נישט בעשליסען. אָבגעריסענע פעדערען פון זייער שטאם רופט מען: "געשליסענע פעדערען". די טהאט: "שלייסען פע־דערען".
בעשיעסען א פעסטונג אָדער א שטאָדט, נישט "בעשיסען".
ברענג, ברענגען, נישט "בריינג־" אָדער "בריינגען".

ג

גאטונג, איז נישט א מין. א מין האט א געשלעכטליכען קאראקטער, און א גאטונג א קלאסישען. אשטייגער: גאטונג־מענש, גאטונג־פלאנץ, אדער גאטונג־ערד; דאן א מין־זכר, אדער א מין־נקבה.

גאומען נישט גוימען, ווי אויך נישט גומען.

גארסעט נישט קארסעט.

גוי'ש נישט גויאיש.

גלאז נישט גלאס, דערפאר "גלעזער" און נישט גלעסער.

געבורט, זי געבירט, זי קאן נישט געבעירען, אדער זי האט געבוירען.

געהן נישט גיין, ווי אויך נישט גען.

געוואלד, נישט גוואלד, אויך נישט געוואלט ווייל, "וואלטען" איז דאס ענגלישע מענעדזשען.

געוועהנטליך פון געוואוינהייט, נישט "געוויינטליך" וואס פערפיהרט דעם זינן צום "וויינען". אויך נישט געוויינטלאך, מען לאכט נישט ווען מען וויינט.

געוועהר פון וועהרען זיך געגען אן אטאק, שרייבט מען אבער "געווער" קאן מען שוין נישט שרייבען וועהרען, ווייל, ווערען מיינט שוין עפעס אנדערש.

געצעהלט פון צאהלען, דערפאר נישט "געצעלט" וואס מייענט א לייכט געבויטע וואוינונג אדער א כאטקע.

געפילט, טעכניש: עפעס לעדיגעס אנפילען, פיזיאלאגיש: פיעלען א גערוך, פסיכאל.: געפיהלען פון הערץ.

גערבער נישט גארבער, "גארב" איז א בינטעל תבואה, דער וואס בינד די גארבען קאן הייסען גארבער, די מאשין וואס טהוט דאס הייסט: גארב־מאשין; דערפאר זאגט מען אויך: גערבען לעדער.

ד

דוכט זיך נישט דוכטזאך.

דערמאָנען, עראינערן.

דערמאָהנען, א חוב מאָהנען.

דערפיהלען, א שמערץ א פרייד.

דערפילען, א קנאפע מאָס.

ה

הערץ, ווייל הארץ איז דער נאָמען פון א מינעראל.

העברעיש נישט העברעאיש, אשטייגער דאָרפיש, נאריש.

האנד נישט האנט.

וו

וואו, נישט ווו. מען שטעלט נישט 3 קאָנסאָנאנטען בייזאמען.

וואנד נישט וואנט.

ויסענדיג נישט וויסענדיק, דיק מיינט גראָב. די שרייבער וואָס ענדיקען ווערטער מיט "דיק שטאָט "דיג שרייבען פאר פאהיקעטע לעזער.

וויסענשאפטליך נישט וויסענשאפטלאך, מען לאכט נישט פון וויסענשאפט.

ז

זוהן און טאָכטער.

זון אין הימעל.

זיהן און טעכטער.

זין, א געדאנק, אשטייגער, האָב אין זין נישט צו פערגעסען.

זעהען נישט זען.

זיעג נישט זיג, ווייל זיג־זאג מיינט הין און צוריק.

ח

"ח" אין יודיש דארף געטוישט ווערען אויף "כ" און געברויכט

ווערען נאָר אין העברעישע ווערטער וואָס מוזען געברויכט
ווערען אין יודיש.

ט

טהאָטען נישט טאטען, העלף דיין טאטען מיט גוטע טהאטען.

טיער, א חיה.

טיהר און פענסטער.

י

יונגעל פון יונג, נישט אינגעל: אויך נישט יינגעל.

יוד נישט איד, אויך נישט ייד. יוד קומט פון יהודה, איד קומט פון
דער ליטע. דערפאר אויך יודען און נישט אידען.

יודיש נישט אידיש, אויך נישט יידיש, ווייל עס לעזט זיך ווי יאידיש
אָדער יעידיש, אשטייגער: איינס, צוויי, דריי.

ל

ליידיג פון ליידען נישט לעדיג.

מ

מאָהנען א חוב, נישט מאָנען וואָס מיינט: דערמאָנען זיך וואָס מען
האָט פערגעסען.

פ

פיינהייט נישט פיינקייט. א קייט איז נישט פיין. עבענזאָ שעהנ־
הייט נישט שעהנקייט.

צאָהל נישט צאָל, א טייל פון א מאָס.

צעהלען נישט צעלען פון דער באָטאניק.

קריעגען, צו בעקומען עפעס.

קריגען, א שטרייט, א געצאנק.

"ווען ניט די יודישע שפּראך, ווער וואָלט
פעראייניגט די רוסישע און פּוילישע יודען
צו דער אידעע פון א ציוניסטישע בעווע־
גונג? ווי גרויס וואָלט די ציוניסטישע
בעוועגונג געוועזען אָהנע די יודיש רידענ־
דע מאסען? וויפיעל שטיצע וואָלטען די
יודען אין פּאלעסטינע געקראָגען פון די
גענגער פון יודיש?

וואַרום מיין קאַמף פאר יודיש

מיט וועלכע שפּראַך האָט איהר אָרגאַניזירט די ציוניסטישע בעוועגונג — מיט יודיש אָדער העברעיש?

אין וועלכע שפּראַך האָט דאָס יודישע פאָלק געזונגען זיינע נאַציאָנאַל־ליעדער — אין יודיש אָדער העברעיש?

כמעט אלע יודען קענען די נעמען פון אליקום צונזער און אברהם גאָדלפאַדען. וויפיעל פון זיי וויסען פון יהודה הלוי אָבער אפילו פון יהודה ליב גאָרדאָן?

ווארום מיין קאמף פאר יודיש

(געדרוקט אין דער דזשואיש פארום 1924)

די יודישע שפראך איז צו מיר געקומען פיעל פריהער איידער איך האב נאך געהערט דעם קלאנג פון איין אנדער שפראך. אין איהר האב איך געהערט די אונשטערבליכע מעלאדיען פון די ליעדער וואס מיין מוטערס הערץ האט ארייגעזינגען אין מיין הערץ. דורך איהר האב איך געלערנט צו ליעבען מיין מוטער, צו רעספעקטירען מיין פאטער, און מיין חוב צו זיין פעראייניגט מיט מיין ליידענדען פאלק. יודיש איז שטענדיג געוועזען און איז נאך היינט, די טרייע בעגלייטערין פון מיין שכל, פון מיינע חלומות און מיין ווירקען! זי האט שטענדיג אויסגעדריקט, און דריקט אויס נאך היינט, אלע מיינע געפיהלען און פערלאנגען פון מיין הערץ. יודיש איז געוועזען די ערשטע וואס האט מיך געלערנט די פרינציפען פון גערעכטיגקייט און דאנקבארקייט פאר טובות וואס איך קריעג אין פערלויף פון מיין לעבען. די גרעסטע טובה וואס יודיש האט מיר געגעבען איז געוועזען דעם פונדאמענט פון מיין אינטעלעקט; שוין דערפאר אליין, אחוץ פאר אלע אנדערע טובות, געפין איך עס מיין חוב צו פערטיידיגען די יודישע שפראך געגען אלע איהרע שונאים, אינערליכע און אויסערליכע.

מעהר ווי דרייפירטעל פון מיין פאלק איז פעראייניגט אונטער איין שפראך, און דאס רעשטעל איז צעשפליטערט אויף

הונדערטע גרופּען, פון וועלכע יעדע איינע רעדט איין אַנדער שפּראַך און האָט קיין בעציהונג מיט דעם גאַנצען פאָלק. אַט דיעזע קליינינקע גרופּקעלעך זוכען דאָס צו בעקעמפען די יודישע שפּראַך מיט אַלערליי טייפלישע מיטעל; מיט בעליידיגונגען וואָס נאָר אַנטיסעמיטען קענען, מיט איינדרינגען אַ האָס אין יונגע קינדער פון יודיש־ריידענדע עלטערען צו זייער טאַטע מאַמע, און צום גאַנצען יודיש ריידענדען פאָלק דערפאַר וואָס עס רעדט יודיש; איעדעס גרופּקעלע פון דיעזע אויסוואורפען פּראָקלאַמירט אין דער פרעמדע פרעס פון יעדען לאַנד אַז יודיש איז קיין שפּראַך אַז עס איז אַ זשאַרגאָן, אַז עס מוז שטערבען און, ווען עס שטערבט נישט מוז מען עס הרג'נען מיט אַלע מיתות שלא בית־דין, ס'זיי אין ארץ ישראל אָדער אין חוץ לארץ; אויך דערפאַר אַליין, אַ חוץ אַלע אַנדערע פיינדליכע אורזאַכען, געפין איך עס מיין חוב צו פערטיידיגען די יודישע שפּראַך, די נשמה פון מיין פאָלק, דער קוואַל פון מיין אייגענע נשמה.

פאַר אַכט הונדערט יאָהר איז די יודישע שפּראַך געשטאַנען אַלס אַן אייזערנע פעסטונג צום שוץ פון אונזער פאָלק, אַלערליי פערפאָלגונגען און חניפות זיינען אַנגעווענדט געוואָרען דאָס פאָלק פון דער יודישע שפּראַך אַרויסצולאָקערען, אַלערליי שפּראַכען האָט מען דעם יודישען פאָלק אָנגעבאָטען, העברעיש איינגעשלאָסען, דאָס פאָלק וואָס האָט געלעגט די פרעמדע שפּראַכען אין פערגלייך צו זיין מוטער־שפּראַך, האָט עס געפונען, אַז אַלע אַנדערע שפּראַכען, העברעיש איינגעשלאָסען, פיהרען אַוועק פון יודענטום אריין אין דעם שמעלצטאָפּ. זיי האָבען געזעהן אַז אַזוי גיך ווי אַ יוד געהט אַריבער פון יודיש צו אַ פרעמדע שפּראַך נעהמט ער גלייך איבער די מנהגים און דעם גייסט פון דער אַנדער שפּראַך. אמת ער נעהמט נישט

אַן דאָס קריסטענטום, ער טהוט עפּעס ערגערעס ווי דאָס. ער נעהמט אַרונטער משה פון זיין הויכקייט און זעצט אַרויף דזשעק דעמפּסי אויף זיין אָרט, און אויף דעם אָרט פון יהושע זעצט ער אַרויף דעם נעגער דזשאָו לואיס, אָנשטאַט אין שוהל געהט ער צו אַ פּרייספּייט אָדער אַ פוט באָל גיים, א. ד. ג. איך האָב אַמאָל געזאָגט צו מיינעם אַ קריסטליכען פריינד אויב דו קאָנסט מאַכען אַ גוטען קריסט פון אַ שלעכטען יוד וועל איך דיר ווינ־שען גליק. אַ גוטער יוד וועט נישט פערלאָזען זיין פאָלק. די יודען וואָס פערלאָזען זייער פאָלק פאַר פערגעניגען וועגען זיינען די ערגסטע יודען.

אַז די יודישע שפּראַך איז די נשמה פון יודישען פאָלק איז שוין גענוגענטליך בעוויזען געוואָרען אין די פריהערדיגע אַרטיקלען. דאָ וויל איך בעווייזען אַז די יודישע שפּראַך איז אַ רעטונגס מיטעל פון טוידט. אָט איז דער בעווייז:

אין סויטה־אַפריקע זיינען דאָ זעקס קאָלירטע צו אַ יעדען ווייסען. די רעגירונג זוכט דערפאַר צו פערגרעסערען די צאָהל פון די ווייסע דורך אימיגראַציע און אויסצושליסען קאָלירטע אימיגראַנטען. פאַר דיעזען צוועק איז געמאַכט געוואָרען אַן אימיגריישאָן אַקט וואָס פאָדערט אַז יעדער אימיגראַנט מוז אויסשטעהן אַ שרייב־עקזאַמען אין אַ עראָפּעישע שפּראַך וואָס שרייבט זיך מיט „עוראָפּעישע בוכשטאַבען“. די לעצטע צוויי ווערטער וויזען אויסדריקלעך אַז העברעיש האָט דאָ נישט געקאָנט אנערקענט ווערען ווייל העברעיש איז נישט אַן עוראָ־פּעאישע שפּראַך, און דאָס יודיש, טראָצדעם וואָס זי איז אַן עוראָפּעישע שפּראַך מוז זי אויך אויסגעשלאָסען ווערען צוליב דעם וואָס זי שרייבט זיך מיט העברעישע בוכשטאַבען. בעת דיעזער אַקט איז פאָרגעקומען זיינען געזעסען אין פּאַרלאַמענט

עטליכע יודישע מיטגלידער פון דעם אנגלאזירטען סארט אין האבען נישט געמאכט אפילו א באמערקונג וועגען דעם דאזיגען געפעהרליכען פאל. אלס איך האב דאס דערזעהן בין איך אוועק צום יוסטיץ־מיניסטער און איהם געפרעגט אויב זיין רעגירונג האט אבזיכטליך דיזע צוויי ווערטער ארייננעפיהרט אין דעם אקט, און אויב יא, צו דער צוועק איז געוועזען די יודישע אימי־גראנטען אויסצושליסען. ער איז געווארען ערשטוינט צו הערען אז די צוויי ווערטער—עוראפעאישע בוכשטאבען—ציעלען זיך דירעקט געגען די יודישע אימיגראנטען. „זיי ציעלען זיך" זאגט ער געגען אזעלכע אזיאטען וואס ריידען אן עוראפעישע שפראך נאר קענען איהר נישט שרייבען. א שטייגער אינדיא־נער, כינעזער א. ד. ג." „אבער", פרעגט ער, „ווארום האבען זיך די יודישע מעמבערס און פארלאמענט נישט אוועקגעשטעלט, די רעגירונג אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם פאקט. עס איז דאך דעמאלט געוועזען א לייכטע זאך דאס צו קארעקטירען?" פרעגט ער. מיר איז באמת פינסטער געווארען פאר די אויגען אין דעם מאמענט. עס איז נישט געוועזען דיפלאמאטיש איהם צו דערצעהלען אונזער בראך, און איך האב זיך ארויסגעדרעהט מיט דעם ווארט: „א פערזעהן".

דארויף פרעגט ער מיך אויב איך וואלט צופרידען זיין ווען ער זאל בעאויפטראגען די אימיגראציאנס בעאמטע זיי זאלען אננעהמען יודיש ווי זי שרייבט זיך. איך האב דאצו איינגע־שטימט באופן אז ער וועט גאראנטירען דאס ער וועט אייביג בלייבען דער יוסטיץ־מיניסטער. ער האט גלייך פערשטאנען וואס איך מיין, און ער זאגט מיר, אויב איך קאן קריגען פון דעם לידער פון דער אפאזישען פארטיי א פערזיכערונג אז ער וועט נישט זיין דאגעגען נעהמט ער זיך אונטער ארייננצופיהרען אז

אמענדמענט צו דיעזען אקט דורך דעם פארלאמענט. איך האב די פערזיכערונג פון דעם אפאזישען ליעדער בעקומען און בין שוין געוועזען זיכער אז איך האב דעם געוואונשטען צוועק אויף דער האנד, אבער לא זאגט דער שטן.

אויף דעם דריטען טאג שיקט דער יוסטיץ-מיניסטער נאך מיר ,און פרעגט מיך, אויב איך וואלט איהם ערלויבען זיין פער־שפרעך צוריקצוציהען. דריי אנערקענטע יודישע פארשטעהער זיינען צו איהם געקומען און געזאגט, אז דאס יודישע פאלק אנערקאנט נישט יודיש אלס א שפראך, און דאס איך האב קיין מאנדאט צו רעפרעזענטירען דאס יודישע פאלק ביי דער רעגי־רונג. „אפילו ווען דאס זאל זיין אמת" זאגט דער יוסטיץ-מי־ניסטער צו מיר. „זעה איך נישט איין וואס פאר אן עולה אייער פערלאנג קאן טוען די יודען. איך פערשטעה די לייטע נישט אבער, זיי זיינען דאך אלגעמיין בעקאנט אלס די פארשטעהר פון די יודען אין דיעזען לאנד, און איך קאן זיי נישט לייכט ביי־זייטיגען. אויב איך וויל זיי נישט הערען, וועלען זיי אנרייצען אונאנגענעהמליכקייטען אין פארלאמענט דורך זייערע אנהענג־ליכע מעמבערס".

„גוט" זאג איך. „מיר בלייבט אלזא צו בעווייזען דער עפענטליכקייט 1) אז זיי רעפרעזענטירען נישט דאס פאלק נאר זיך, און 2) דאס אין דיעזען פאל רעפרעזענטיר איך דאס גאנצע יודישע פאלק אין זיד אפריקא. איך דארף פון דיר די געדולד פאר צוויי מאנאטען דאס צו בעווייזען". „דו קאנסט האבען דריי אדער פיער מאנאטען אויב דו ביזט זיכער עס עפענטליך דורכצופיהרען" זאגט ער, און איך בין אוועק אנצופיהרען א קאמף פאר יודיש.

ביי יענער צייט בין איך געוועזען דער טשערמאן פון דער

בריטישע פאליטישע פארטיי אין דיסטריקט 6, און האב ארויס־געגעבען א יודיש וואכענבלאט מיט דעם נאמען „דער יודישער אדוואקאט“. איך האב אבגעדרוקט אן אויפרוף צו אלע קאנגרע־גיישאנס, סאסייטיס און ארגאניזאציעס זיי מיטגעטיילט וואס דא געהט פאר, און פערלאנגט אז זיי זאלען אבהאלטען מיטינגס, און אבשטימען די אבגעדרוקטע רעזאלוציע, פאדערענדיג פון דער רעגירונג אנצונעמען מיין פארשלאג, צו אמענדירען דעם אימי־גראציאנס געזעץ, אז יודיש ווי עס שרייבט זיך זאל אנגענומען ווערען אלס די שפראך פון יודישען פאלק. אויך דאס א קאפיע פון דער רעזאלוציע זאל צוגעשיקט ווערען צו יעדען רעפרע־זענטאט אין פארלאמענט וואס רעפרעזענטירט זייער דיסטריקט, מיט א צושריפט, פערלאנגענדיג די אונטערשטיצונג פון מיין אמענדמענט; ווי אויך דאס יעדע ארגאניזאציע וואס וועט אלעס גוט דורכפיהרען, זאל זי ארונטערשיקען צוויי דעלעגאטען אין קייפטאון, מיט וועלכע איך זאל געהן צום יוסטיץ־מיניסטער איהם צו בעאויפטראגען ער זאל דעם פערלאנגטען אמענדמענט אריינטראגען אין פארלאמענט צו ווערען פערקערפערט אין דעם אימיגראציאנס געזעץ. דאס האט פאסירט. דא גיב איך דאס בילד פון דער דעלעגאציע אלס א היסטארישעס דאקומענט פאר קינפטיגע דורות, פיעלע פון זיי זיינען שוין ליידער נישט צווי־שען די לעבענדיגע, עהרע זייער אנדענקונג.

איך האב איינגעלאדען אדוואקאט מארים אלעקסאנדער, א יונגער נאר וואס ארויס פון לאו עקזאמען, ער זאל מיט אונז מיטגעהן אין דער דעפוטאציע צום מיניסטער. אויף דעם בילד זעהט איהר איהם זיצען נעבען מיר, אלס מיר זיינען אנגעקומען האבען מיר געטראפען רעפארטערס ארום א גרויסען טיש. איך און אלעקסאנדער האבען פארגעשטעלט די דעלעגאציע פאר דעם



THE DEPUTATION THAT DEMANDED

יוסטיצמיניסטער. באלד נאָך אונזער איינלייטונג זאָגט דער מיניסטער צו דער דעלעגאַציע:

„אַ שפּראַך וועלכע האָט איהר היימאַט אין עוראָפּא, וואָס ווערט געשפּראָכען פון מיליאָנען מענשען, פון מענשען וועלכע שפּיעלען מיט דער צייט אַזעלכע פּראָמינענטע ראָלען ווי זיי טוען אין סויט־אַפריקע, מוז רעספּעקטירט ווערען. וואָס אָנבע־לאַנגט צו דער איינוועדונג וואָס אונזער געזעץ האָט געגען דעם יודישען אלוף־בית, דערפאַר וואָס ער קומט פון אַזיען, און דאָס אימיגריישאָן געזעץ איז סטריקט געגען אַזיאַטען, שטים איך איין מיט דער אַלגעמיינע מיינונג פון די פילאָלאָגען, אַז אַלע עוראָפּעאישע בוכשטאַבען האָבען אַ סעמיטישע אָבשטאַ־מונג. און ווען עס איז ריכטיג ווי גאָלדבלאַט זאָגט, אַז ווען יודען זיינען אָנגעקומען אין די גערמאַנישע לענדער איז די דייטשע שרייב־שפּראַך נאָך נישט געוועזען בעקאַנט צווי־שען די מאַסען און די איינגעוואַנדערטע יודען האָבען דאַרום געקאָפּירט די פרעמדע שפּראַך מיט זייערע היימישע בוכשטאַבען קומט זיי דאַפיר קרעדיט, ווייל זיי האָבען געשרייבען דייטש נאָך איידער די דייטשען זעלבסט האָבען זייער אייגען לשון געקאָנט שרייבען. דער אַזיאַטישער בוכשטאַב וועט דאַ־רום קיין שטערונג זיין פאַר דער יודישער שפּראַך אָנערקאָנט צו ווערען אַלס אַן אינטעליגענטע שפּראַך ווי דאָס אימיגראַציאָנס געזעץ פאָדערט."

אַ טאָג פאַר דעם וואָס דער אַמענדמענט האָט געדאַרפט פאָרגעלעזען צו ווערען אין פּאַרלאַמענט שיקט דער מיניסטער נאָך מיר, איך מוז גלייך קומען צו איהם אין פּאַרלאַמענט, ער וואַרט אויף מיר. אַלס איך בין ערשיינען פאַר איהם זאָגט ער מיר מיינע יודישע שונאים אַרבייטען אויף אַלע כלים צווישען

די מעמבערס אין פּאַרלאַמענט זיי זאָלען דעם אַמענדמענט נישט דורך לאָזען. ער האָט מיר, אויב איך קאָן אָנשרייבען אַ בראָשור אין ענגליש, און אָבדרוקען ביז צוועלף אַזייגער מאָרגענס, וועט ער זאָרגען אַז אַ קאָפּיע זאָל זיך געפינען אויף יעדען זיץ אין פּאַרלאַמענט, די מעמבערס זאָלען קענען לייענען איידער דער אַמענדמענט וועט פאָרקומען צו דער אָבשטימונג. איך בין גלייך אַהיים צו דער הייליגע אַרבייט, די בראָשור איז געליפערט געוואָרען אין צייט, זי איז געלעזען געוואָרען אין צייט און דער אַמענדמענט איז אָנגענומען געוואָרען איינשטימיג.

ווי שווער אונזערע יודישע שונאים האָבען געאַרבייט געגען אונז, קאָן מען זעהן פון פאָלגענדען לעטער וואָס אַ פּראָמינענטער מעמבער אין פּאַרלאַמענט האָט געשריבען צו מיר דאַטירט יוני דעם 20טען פון 1905, צומאָרגענס נאָך דעם זיעג:

"I was very much impressed by your pamphlet on "Yiddish A European Language." It has opened my eyes to the fact that I was misinformed and misled by prejudiced people. Apart from its convincing character, it is a most interesting production, and you certainly deserve the thanks of the Jewish Community throughout for the great trouble and ability you have devoted to its benefit. If I can be at any time of service to you or to them, do not fail to let me know.

With kind regards, yours faithfully,

—L. Abrahams

„אייער בראָשור האָט אויף מיר געמאכט
א זעהר טיעפען איינדרוק. עס האָט געעפענט
מיינע אויגען צו זעהן אז איך בין פערפיהרט
געוועזען פון בייזע מענשען. אחוץ פון
דעם איבערציינענדען קאראקטער איז די
בראָשור א זעהר אינטערעסאנטעס ווערק.
איהר פערדיענט דעם דאנק פון אלע יודען
פאר דער גרויסע ארבייט און פעהיגקייט
וואָס איהר האָט מקריב געוועזען פאר זייער
בענעפיט. אויב איך קאָן אייך בייהילפיג
זיין אין אייער ארבייט בין איך בערייט
ווען איהר רופט מיך“.

מיט פריינדליכען גרוס,

אייער ערגעבענסטער,

ל. אייבערעהעמס

אין עהנליכען לעטער האָב איך בעקומען פון קאָלאָנעל הארריס, דער פרעזידענט פון דער דע׳בעערס דיימאָנד מיינס. זיין זעהר גלענצענדע ריידע אין פארלאַמענט צו גונסטען פון אונזער אַמענדמענט האָט אַרויסגערופען שטורמישע אַפּלאָדיסמענטען פון גאַנצען הויז. איבערהויפּט ווען ער האָט זיך גע־ווענדעט צו די בורענ־מעמבערס און זיי געבעטען זיך צו פערזעצען אין דער לאַגע פון די פערפאָלגטע יודען וואָס זוכען אַן עיר מקלט ווי איהר האָט אַליין אַמאָל געמוזט טוען. וואָס וואָלט איהר געזאָגט ווען מען וואָלט אייך דעמאָלט נישט אריינגעלאָזען אין אייער געלויף פון יאָגענדע שונאים?

בערך צוויי יאָהר שפּעטער איז אָנגעקומען א יודישער אימיגראַנט פון רוסלאַנד, נאָמענס יעקב ריוואָ. ווען דער אימי־גריישיאָן אָפיסער האָט איהם געפרעגט דורך אַן איבערזעצער אויב ער קאָן שרייבען יודיש ענטפערט ער ניין. ער קאָן העב־רעיש זאָגט ער. מען האָט איהם גלייך פערצייכענט אָבגעשיקט צו ווערען נאָך רוסלאַנד. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזען אז

ער קאָן יודיש נאָר, ער האָט פיינט דעם גלות־זשאַרגאָן. עס פערשטעהט זיך אַז ער האָט זיך נישט געוואָלט מקריב זיין פאַר זיין הויך נאַרישען אידעאַל און האָט זיך אונטערגעגעבען ווי אַ פייגלינג.

צעהנדליגע טויזענדע יודישע פאַמיליעס האָבען זייט דער־מאָלס איינגעוואַנדערט אין סויטה־אַפריקע אונטער דעם עקזאַ־מען אויף יודיש און זיי לעבען זיך דאָרט ברחבה. זיי זיינען היינט די גרעסטע פינאַנציעלע שטיצער פון פאַלעסטינע, שטיצער פון אַ לאַנד וואָס פערפאָלגט די יודישע שפּראַך, די שפּראַך וואָס האָט זיי געראַטעוועט פון טוידט. וואו געפינט זיך די פעדער וואָס קאָן בעשרייבען די איראָניע פון אַזאַ שפּיעל? דאָס יודישע פאָלק איז פול מיט אַזעלכע אונבעגרייפליכע סימפּטאָמען, וועלכע דער העכסטער שכל קאָן נישט דיאַגנאָזירען. אָפטמאָל רוף איך אויס: דאָס איז אַ פאָלק וואָס בייסט די האַנד וואָס שפּייזט און קוסט די רוט וואָס שמייסט!

אין לאָנדאָן האָב איך כמעט געשלאָסען אַ קאָנטראַקט מיט מר. סוואַן סאָנענשיין, דער מענעדזשינג־דירעקטאָר פון דער ראָוטלעדזש פּאָבלישינג קאָ., אַרויסצוגעבען מיין יודישע ענציק־לאָפּעדיע. ווען מר. אַרטור פראַנקלין, דער פּרעזידענט פון דער קאָמפּאַני האָט דערהערט אַז די ענציקלאָפּעדיע דאַרף געדרוקט ווערען אין יודיש האָט ער זיך שטאַרק געשטעלט דאַגעגען זאָ־גענדיג אַז ער האָט פיינד די יודישע שפּראַך און ער וויל איהר ניט העלפען צו עקזיסטירען. מר. סאָנענשיין, אַ קריסט, פרעגט פראַנקלין, דעם יוד: וואָס פאַר אַ שיכות האָט דיין פּריוואַט קאַפּריז צו אונזער ביזנעס? ענטפערט דער יוד פראַנקלין אין אַן אַנדער פאַל וואָלט איך אַזוי נישט געהאַנדעלט, נאָר אין דיעזען פאַל וויל איך נישט מאַכען קיין פּראָפיט פאַר די קאָמ־

פאַני געגען מיינע פּרינציפּען." נאָכדעם ווי דער קאָנטראַקט איז צוליעב איהם צו־נישט געוואָרען בין איך אַוועק אין דער רע־דאַקציע פון דער דזשואיש קראָניקל און דערצעהלט די געשיכטע. דערויף איז ערשינען דער פאָלגענדער רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ

"Yiddish has always been treated by Anglo-Jewry in a stepmotherly spirit, and anything which might seem to be giving it an official cachet has been studiously avoided. It must be thought that this attitude has escaped the notice of our Yiddish-speaking co-religionists, among whom it has indeed evoked a considerable amount of resentment. * * * It is surely wiser to deal with things as they are and to acknowledge the undoubtful claim of Yiddish to official recognition. One should not wholly discourage its use among the children. * * * If in any case it can aspire to nothing else, it justifies itself by emphasizing the note of domestic intimacy and sweet homeliness between them."

איבערזעצט:

יודיש איז שטענדיג בעהאנדעלט געוואָרען פון די ענגלישע יודען מיט א שטיעפ־מוטערליכען גייסט, און אלעם וואָס וואָלט וואָלט מיינען סימפאטיע ווערט אויסגעמיי־דעט. אויב זיי מיינען אז דאָס יודיש רייד־דענדע פאָלק מערקט דאָס נישט מאכען זיי א טעות. דאָס רופט ארויס א שינאה געגען אזא האנדלונג. עס וואָלט זיכער קלוגער זיין זיך צו רעכענען מיט דעם פאקט ווי ער איז, און אנערקענען די רעכטע פאָדערונג

פון יודיש אלס א שפראך פון יודישען פאָלק. מען דארף אפילו נישט ענטמוטיגען צו לערנען יודיש צו קינדער צוליב דעם שלום בית.

אויך דאָ אין ניויאָרק האָט דערזעלבער נאָטיץ געקאָנט איבערדרוקט ווערען בוכשטעבליך. די רייכע יודען האָבען מיר פערזיכערט אַז זיי וואָלטען געבען פיעל צו פערניכטען דעם „זשאַרגאָן“ אָבער קיין פּעני פאַר העלפען איהר. דערויף האָב איך געענטפערט אַז העגרי פאָרד וואָלט מיר געגעבען פיעל מעהר ווען איך זאָל קענען פערניכטען דאָס יודישע פאָלק. עס איז א פאַקט דאָס צוליעב דעם האַס געגען דער יודישע שפּראַך לויפען יודען אין קאָמוניסטישען לאַגער וואו יודיש ווערט נישט געהאַסט, וואו זיי האָבען נישט מורא צו עפנען א מויל און דאַרפען נישט בלייבען שטום ווערהענד זיי זיינען ריידעוודיג. די גרעסטע שונאים פון יודיש זיינען די רעפאָרם־ראַבים. זיי מיינען אַז מיט זייער האַס צו יודיש ווען זיי פילען זייערע לײדינגע גרויסע גאַנגעם. ווער געדענקט נישט דעם האַס און שפּאָט וואָס ראַבי יונה ווייז האָט געגאָסען אויף דעם „זשאַרגאָן“, ביי דער סילווער דזשובילײ פון דער רעפאָרם בעוועגונג, און קיינער האָט איהם דערפאַר קיין שלעכט וואָרט צוגעוואָרפען. אַזוי ערמונטערט איז ער געוואָרען פון זייער שטילשוויינען אַז ער האָט אויך פּאָרגעשלאָגען דאָס מען זאָל אָפיציעל אויפנעהמען א קאַמף געגען דער יודישע שפּראַך. יונה ווייז איז דער זוהן פון דעם גרינדער פון דעם רעפאָרם יודענטום אין דער יונייטעד סטייטס, און זיין איבערפאַל איבער דער יודישע שפּראַך איז איבערגעדרוקט געוואָרען אין פיעלע ענגלישע צייטונגען. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק צווישען די ענגלישע לעזער דאָס בלויז די רעפאָרמירטע יודען זיינען די עכטע אַמעריקאַנער, אָבער

די איבעריגע, זיינען דער נידעריגער קלאַס יודען. עס איז אַלזאָ קיין צווייפעל דאָס אונזערע יודישע שונאים זיינען אונז מעהר שעדליך ווייל זיי טראָגען אַריבער זייער שינאה אין דער ענגלישע פּרעס, וואו ניט־יודישע שונאים קענען שעפּען מאַטריאַל אויך פאַר זייער קאַמף געגען אונז.

מיין שטרייט מיט לואיס מאַרשאַל ע״ה

איך בין זיכער אז, אויב דאָס יודישע פאָלק וועט אמאָל שטערבען, אין גלות אָדער אין ארץ ישראל, וועט עס קריגען אן ענגלישע לויה.

אַ שווערע שפּראַך וואָס איז נישט לייכט צוגענגליך צו די מאַסען פון פאָלק שאַפט אַ פּריווילעגירטען קלאַס פון שרייבער וואָס בעהערשט דעם גייסט פון פאָלק און בערויבט איהם פון די רעכט צו זאָגען אַ דעה אין די אַדמיניסטראַטיווע פערהאַנדלונגען איבער זיינע אייגענע אינטערעסען (ז. 18).

מיין שטרייט מיט לואיס מארשאל ע"ה

אין דער ענגלישער „דזשואיש טריביון" פון נאוו. 2, יאהר 1923, געפינט זיך אן ארטיקעל פון מיר וועגען א יודישע עדיוקיישאן, און אן ענטפער פון לואיס מארשאל אויף מיינעם; אן ענטפער וועלכער קאראקטעריזירט די שטעלונג פון אונזערע ענגליש־ריידענדע ברידער געגענאיבער דעם יודיש ריידענדען פאלק. נאר לואיס מארשאל טהוט דאס מיט מעהר פארזיכט, און מעהר טאקט ווי עס פאסט זיך פאר א פיין געשליפענעם פארלאמענטאריער.

געקומען איז דער שטרייט אין א צייט ווען די ענגליש־ריידענדע סעקציע פון די היגע יודען האט ארויסגעלאזען אן אפיעל פאר $10,000 פאר א „דזשואיש" עדיוקיישאן. מר. מארשאל איז געוועזען דער טשערמאן פון דעם אפיעל. איך האב דעמאלט פארגעלייגט מיין פלאהן פאר א "יודישע" עדוקיישאן וועהרענד ער האט געשטרעבט פאר א "דזשואיש" עדוקיישאן. איבער דעם אונטערשיעד פון דידאזיגע צוויי ווערטער (יודיש און דזשואיש איז דער שטרייט ארויסגעקומען. צו ענדע פון בוך וועט דער לעזער געפינעןביידע ארטיקלען איבערגעדרוקט אין אריגינאל (ענגליש) ווייל עס געפינט זיך פון זיי בלויז איין איינציגע קאפיע אין דער פאבליק לייברערי, 42טע גאס, נויארק. מיין ארטיקעל איז איבערגעדרוקט געווארען אין איינציגע תלמוד

תורה זשורנאַלען, זיין ענטפער אבער האָבען זיי אויסגעלאָזען. א סימן אַז זיי האָבען מיין פּלאַהן גוט געהייסען, און געפינען זיין קריטיק נישט עפעקטיוו.

אין זיין ענטפער זאָגט לואיס מארשאַל אַז, ער סימפּאַטיזירט מיט די יודישע פּרעסע וואָס פערדיענט קרעדיט פאַר איהרע גרויסע לייסטונגען צו דעם איינגעוואַנדערטען יודיש־ריידענדען פאָלק. אָבער, ער איז געגען קולטואווירען די יודישע שפּראַך צווישען זייערע קינדער. דאָס הייסט: ער איז סימפּאַטיש צו (די יודישע פּרעסע) וואָס ער קאָן נישט שטערען, נאָר צו קולטוּווירען די יודישע שפּראַך צווישען די יודישע קינדער, וואָס ער קאָן יאָ שטערען (מיט די $10,000) איז ער שוין דער געגנער. עס איז איהם אפשר גאָרנישט איינגעפאַלען אַז, אַזאַ סאָרט געגנערשאַפט פיהרט די יודישע יוגענד צו דער אסימילאַציע דורך דעם וועג פון רעפאָרם־יודענטום וואָס ער און זיינע חברים שטיצען מיט אַלע זייערע כוחות. לואיס מארשאַל האָט דאָס געדאַרפט וויסן פון זיינע אייגענע ערפאַהרונגען. זיינער אַ נאָהענטער פריינד, דזשייקאָב שיף, אַ רעפאָרם־יוד און אַ העפטיגער געגנער פון יודיש, האָט מיט גלייכגילטיגקייט גוט־געהייסען אַז אַ בישאָף זאָל זיין דער מסדר קדושין פון זיין טאָכטער אַנשטאָט אַ רעפאָרם־ראַביי. אַזוי טוען אויך זיינע זעהר נאָהענטע פריינד די גוגענהיימערס, די זעליגמאַנס, די ראָזענוואַלדס, די אונטערמייערס, די אָקסעס, און כמעט אַלע וואָס געהערען צום זעלבען צירקעל וואָס ער, אַלע שטאַרקע געגנער פון יודיש.

וויטער זאָגט לואיס מארשאַל: „די יודישע קינדער האָבען פיינד יודיש און מען דאַרף זיי נישט לערנען וואָס זיי האָבען פיינד“. דער אמת איז דאָס קינדער האָבען פיינד צו לערנען

גאר אין גאנצען. זיי ווילען זיך בעסער שפיעלען, ווילד אויפ־וואקסען, ווערען „קאו־באיס"; און דאך צווינגט מען זיי צו לערנען וואס זיי האבען פיינד. דאס יודישע קינד האט פיינד יודיש ווייל מען הייסט עס געהן אין א תלמוד תורה, אין א צייט ווען די נישט־יודישע סקול־קינדער שפיעלען פוט־באל, באסקעט־באל, און אנדערע ערליי שפיעל וואס מאכען ווילד זייער קאראקטער. א יודיש קינד קאן נישט פיינד האבען יודיש אלס א לשון, ווייל אין זיין קינדהייט ווייסט ער נישט קיין מבינות אויף א לשון. פאקטיש האט ער אבער אורזאכען צו ליעבען יודיש ווייל ער ווערט אויפגעהאדעוועט אין א יודיש־ריידענדע פאמיליע איידער נאך ער הערט ריידען וועלכע אנדערע שפראך. ער הויבט נאר אן פיינד צו האבען יודיש ווען ער הערט זיך איין ווי מען רעדט מיט האס און שפאט וועגען יודיש. די וואס נעמען אוועק פון דעם יודישען קינד זיין ליעבע צו יודיש נעמען ביי איהם צו, די ליעבע צו זיינע עלטערען, ווי אויך די ליעבע צו זיין פאלק. יעדער פעדאגאג ווייסט אז א קאראקטער הויבט זיך אן צו בילדען אין דער היים. קאן דען א יודיש־ריידענדער פאטער לערנען זיין קינד א גוטען קאראקטער ווען דאס קינד הערט זיך איין אין גאס אדער אין סקול אז יודיש איז קיין לשון? ווען א קינד פערליערט זיין רעספעקט פאר זיינע עלטערן וועט עס דען רעספעקטירען וועמען אנדערש? איז עס דען א וואונדער אז מיר האבען היינט יודישע קינדער צווישען פערברעכערישע באנדעס? האבען מיר דאס געהאט אין דער אלטע היים, וואו יודיש איז געוועזען רעספעקטירט? איז דען נישט שלום בית דער גרעסטער חוב צו לערנען, און דער גרעסטער פערברעך צו שטערען?

לואים מארשאל אנערקענט אז א צוויי־שפראכען־קאמף אין א יודישע פאמיליע איז א שטערונג צו א שלום בית. די רפואה

צו אַזאַ קראַנקהייט, זאָגט ער איז, די עלטערען זאָלען זיך בע־סער לערנען ענגליש איידער לערנען די קינדער יודיש. בלויז אַ שלעכטער דאָקטאָר קאָן פערשרייבען אַזאַ רפואה. עס איז אַ פאַקט דאָס די עלטערען וועלען קיינמאָל קענען ענגליש אַזוי גוט ווי זייערע קינדער, אַפילו ווען זיי זאָלען שוין האָבען די נייטיגע צייט צו לערנען, און די געדולד נאָך אַ שווערען אַר־בייטס טאָג, אַן אַרבייטס טאָג וואָס איז פאַר דעם איינגעוואַנ־דערטען שווערער ווי פאַר דעם איינגעבוירענעם; אין אַזאַ פאַל וועלען די קינדער שטענדיג אַרונטערקוקען אויף זייערע עלטערן מיט פעראַכטונג און דער דיסרעספּעקט צו אַזעלכע עלטערען צוליעב זייער שלעכטען ענגליש. דעמאָלט איז מאַרשאַלס רפואה אויף ענגלישער זייט פיעל געפעהרליכער פאַר'ן שלום בית ווי אויף דער יודישער זייט, וואָס ער וויל קורירען. ווען אָבער מיר לערנען דאָס יודישע קינד די שפּראַך פון זיינע עלטערן וועט עס מעהר נישט האָבען אַן אורזאַך צו לאַכען פון די עלטערען און דער שלום בית בלייבט אויף זיין געזונדטען פונדאַמענט.

באַלד דערויף מאַכט מר. מאַרשאַל נאָך אַ בעהויבטונג וואָס ווידערשפּרעכט שוין די אויבּיגע. ער זאָגט אַז מען דאַרף נישט לערנען יודישע קינדער יודיש, ווייל, עס איז אונמעגליך פאַר איינעם צו קענען צוויי שפּראַכען גדינדליך. צום בעווייז זאָגט ער: ער הערט אָפט יודישע לאַיערס אין קאָורט ריידען אַ שלעכט ענגליש. אויב דיעזער בעווייזט עפּעס, בעווייזט ער נאָר אַז, ער ווידערשפּרעכט זיין אייגענע עצה דאָס עלטערען זאָלען לערנען ענגליש אַלס אַ רפואה פאַר שלום בית. אויב די צוויי שפּראַ־כיגע עלטערען וועלען נישט ריידען ענגליש אַזוי גוט ווי די קינדער, בלייבט דאָך דער חוזק אין דער פאַמיליע ווי געוועזען. אפשר איז טאָקי בעסער די קינדער זאָלען קענען אַ שלעכט יודיש איידער די עלטערן אַ שלעכט ענגליש?

אויך פאלש, זעהר פאלש איז זיין בעהויפּטונג אז קיינער קאן צוויי שפּראכען גרינדליך. איך קאן אייך פערזיכערען אז, מיין פריינד עדליין טראמער קאן בעסער יודיש ווי יהואש (ז. זייט 76) און ענגליש אזוי גוט ווי לואיס מארשאל. וואלט לואיס מארשאל אויפגעהאדעוועט געווארען אין דייטשלאנד וואלט ער געוואוסט פון הונדערטע וואס האבען געקאנט צו 50 און מעהר שפּראכען גרינדליך יעדער. ער וואלט אפשר אויך געהערט פון פראנץ באפּ, דעם פערפאסער פון דער „פערגלייכענדע גראמא־טיק דעם סאנסקריט, זענד, גריכישען, לאטייניש, ליטהאישען, אלטסלאווישען, ארמענישען, גאטהישען, און דייטשען שפּרא־כען"; פון שלעגעל דעם איבערזעצער פון ענגלישען שעקספּיער אין דייטש, פון געזעניוס, א גוי וואס האט געקאנט העברעאיש בעסער ווי אירגענד וועלכער יודישער למדן. אפשר אויך פון די אונפערגעסליכע שפּראכפארשער אבעל בונזען, ברוגש, די ברי־דער גרים, גייגער, ווידעמאן, בענפעי, שלייכער, פלוגעל, מיל־לער, פאט, בראקעלמאן, עוואלד, קאוטש, קעניג, ווינשע, און הונדערטע אנדערע. אפילו דא אין נויארק האט ער געקאנט גע־פינען פיעלע, און צווישען זיי אויך מיין יונגען פריינד דר. אהרן ראזמארין וועלכער בעזיצט רוסיש, ענגליש, פראנצויזיש, דייטש, העברעיש, כאלדעיש (לשון התלמוד), און זיין פרוי דר. טרודה וויז־ראזמארין וועלכע בעזיצט העברעיש, ענגליש, פראנצויזיש, דייטש, אסיריש און יודיש. אויב לואיס מארשאל האט די לעצ־טע נישט געקאנט האט ער זיי אלס יודישער ליעדער גענדארפט קענען. זיי וואלטען איהם זיכער בעשירמט פון אזא מכשול וואס פאסט זיך זעהר נישט פאר אזא גרויסען מאן ווי ער.

דער תירוץ איז: לואיס מארשאל האט געקאנט דאס יודישע פאלק בלויז אויבערפלעכליך ווי אלע דייטשע יודען פון זיין

קלאַס. ער האָט נישט פּרובירט זיך איינצולעבען אין דעם אינערליכען לעבען פון יודישען פאָלק, ווי עס האָט געטון די קריסטליכע העלענאַ פּראַנק, אַן אייניקעל פון גרענד־דיוק אָור־ווענסטמינסטער, ווען זי האָט געוואָלט שטודירען דאָס לעבען פון יודישען פאָלק. בעת איך בין געווען ביי איהר צו בעזוך, זאָגט זי צו מיר "איך האָב געפונען אַז די יודישע שפּראַך איז שטאַרק פערקערפּערט מיט דעם יודישען פאָלק. יודיש האָט פאַר מיר דעמזעלבען צויבער וואָס דאָס יודישע פאָלק. יודיש טראָגט דעם יודישען טיפּ ווייל עס איז אַ פּראָדוקט פון דעם יודישען גייסט. אין פאַקט, זאָגט זי, איך בין מיט דעם יודישען פאָלק בעקאַנט געוואָרען, נאָך מעהר, איך בין אין איהם פאַסט פערליעבט געוואָרען דורך דער יודישע שפּראַך, וועלכע איך האָב אָנגעהויבען צו לערנען צוערשט בלויז אויס נייגירדע". אזוי האָט לואיס מאַרשאַל נישט געטוען, און דערפאַר האָט ער אזוי נישט געזאָגט.

לואיס מאַרשאַל איז געוועזען אַ זעהר ניצליכער פאָרשטע־הער פון יודישען פאָלק אין נישט־יודישע אַנגעלעגענהייטען. אין יודישע אנגעלעגענהייטען איז ער, צוליעב זיין געגנערשאַפט געוועזען, צו אַ גרויסען גראַד, שעדליך. איך בין זיכער, אַז אויב דאָס יודישע פאָלק וועט אַמאָל אונטערגעהן, אין גלות אָדער אין ארץ־ישראל, וועט עס האָבען אַן ענגלישע לויה.

דיעזע בעהויפּטונג שטיצט זיך אויף פאָלגענדע פאַקטען: 1) אונזער ביבעל לאָזט זיך נישט איבערזעצען; 2) אַלע איבער־זעצונגען זיינען נישט דירעקט פון דעם אָריגינאַל נאָר פון דער סעפּטואַגינט אָדער פון דער וואולגאַטאַ, די ערשטע אַ גריכישע און די צווייטע אַ לאַטיינישע איבערזעצונג אויס דעם אָריגינאַל; 3) ווייל די ענגלישע איבערזעצונג איז די ערגסטע פון אַלע.

ביידע, די סעפטואגינט און די וואולגאטא, האבען נישט נאר נאטירליכע פעהלערען וואס קומען פאר אין אלע איבערזעצונגען נאר אויך אבזיכטליכע איינגעשמוגעלטע פעלשונגען פון קריסטליכע איבערשרייבער צו שאפען א באדען פאר'ן קריסטענטום. אלזא, אן איבערזעצונג פון אן איבערזעצונג, און נאך אין דער ערגסטע דאצו, פערגליכען מיט דעם פאקט דאס די ענגלישע שפראך איז די פערברייטעסטע אין דער וועלט, און וועט ענדליך ווערען די הערשענדע אין פאלעסטינע גופא, שטעלט אונזער בעהויבטונג פעסט.

פרעגט זיך: ווארום לאזט זיך אונזער ביבעל נישט איבערזעצען? איז דער ענטפער אזוי. די שפראך פון אונזער ביבעל איז א פעסט שטעהענדע, און אלע עוראפעישע שפראכען זיינען אימער פארווערטס געהענדע. אפילו די ענגלישע שפראך פון א הונדערט יאהר צוריק איז שוין כמעט ווי פרעמד פאר דעם היינטיגען ענגלענדער, מכל שכן נאך אן איבערזעצונג פון א געפעלשטע איבערזעצונג אויס דעם ארגינאל פון א פעסט שטעהענדע שפראך וואס איז בערך 3500 יאהר אלט. אחוץ דעם, מוז מען זיך אויך רעכנען מיט דעם פאקט דאס עס איז שטרענג פערבאטען צו ענדערן אונזער ביבעל אפילו אויף איין אות.

דער פועל יוצא דערפון איז: דאס קריסטענטום צערפאלט דאדורך אימער אויף נייע סעקטען וועהרענד דאס יודיש־ריידענדע יודענטום שטעהט פעראייניגט. מיר דארפען זיך נישט רעכנען מיט דעם רעפארם־יודענטום ווייל, ווען עס וואלטען נישט געוועזען רייכע דייטשע יודען וואלטען מיר אויך פריי געוועזען פון דיעזע מכה. איז דען נישט דאס רעפארם־יודענטום בעשאפען געווארען אין דייטשלאנד? האבען נישט די דייטשע

יודען רעפאָרמירט דאָס יודענטום אימער מעהר און מעהר ביז זיי האָבען געענדערט אפילו דעם נאָמען יוד צו דעם "דייטשען דעם מאָזאישען גלויבענס"? איז נישט די אסימילאַציע אין דייטשלאַנד געוועזען די שטאַרקסטע? פון 600,000 דייטשע יודען האָט היטלער אויסגעפינען 2 מיליאָן אסימילירטע יודען, און עס לאָזט זיך אויך גלויבען.

אַ יודישע ערציהונג דורך דער ענגלישער שפראַך דערוויי־טערט דאָס יודישע קינד פון זיין פאָלק, פערקיהלט די נשמה פון דער יודישע רעליגיאָן, פערמאַטריאַליזירט איהרע אידעאַלען פאַר אַ האַרמאָנישע צוקונפט צווישען דער גאַנצער מענשהייט; אידעאַלען וואָס זיינען צוערשט פּראָקלאַמירט געוואָרען ביי דער גרינדונג פון דער יודישע רעליגיאָן, און ווערען בעקעמפט פון די אַריער מיט זייער ברוטאַלען געשריי "מאַכט איז רעכט"! אַ יודישע ערציהונג לערנט: "דו זאָלסט נישט פערגיעסען בלוט" און ביי די אַריער לערנט דאָס יודישע קינד, אַז אַ העלד קאָן מען נישט ווערען אָהנע בלוט פערגיעסען, און דאָס, וואָס מעהר בלוט איינער פערגיעסט דאָס גרעסער איז זיין העלדענטהאַט.

די הערצליכע נגינה פון די יודישע תפלות, זייענדיג אין איינקלאַנג מיט דעם אָריענטאַלישען גייסט, פון וואַנען די רעלי־גיאָן שטאַמט לאָזט זיך ניט פערהאַרמאָנירען מיט דער אַרישע מאַשין־מוזיק. נעהמט צובייששפּיעל דעם ניגון פון "כל־נדרי" אָדער פון דער "עבודה" און טראָגט זיי אַריבער פון דעם העב־רעישען סדור אין דעם "דזשואיש פּרייער בוק" אריין, און זעהט וואָס פאַר אַ פּנים חלשות דאָס מאַכט. אין די הערצער פון די יודיש ערצויגענע קינדער וואַנדערען אַרום פאַר יאָהרען לאַנג די ענטציקענדע מעלאָדיען פון דער "עקדה", פון "איכה", פון "מגילת־אסתר", פון "ברכת כהנים"; מעלאָדיען וואָס בילדען

א גרויסען טייל פון דער יודישע רעליגיאָן זיינען פרעמד, אָדער פערבליאַקירט אין די ענגליש ריידענדע דזשואיש) סינאַגאָגס. עס איז א פאַקט: דאָס די ענגליש ריידענדע פעלקער זיינען כמעט אלע טויב צו נאַטירליכע אידילשע מוזיק. אונזערע אלטע חזנים האָבען געצויגען צום דאַוונען און די היינטיגע טרייבען אוועק מיט זייער פערענגלישטען ב־ל־ע־ק־ע־כ־ץ.

לואיס מארשאל איז געוועזען א קינד פון דייטשע יודען אין אמעריקע, דערפאַר איז ביי איהם רעכט געוועזען אז ענג־ליש ריידענדעס יודענטום, ווי אין דייטשלאַנד א „דייטשטום דעם מאָזאישען גלויבענס. די היסטאָריע פון די לעצטע אַכט הונדערט יאָהר בעווייזט אונז, אז די עקזיסטענץ פון דעם יודי־שען פאָלק אלס א פאָלק, איז אבסאָלוט אבהענגיג אויף "יודיש אין דער היים, צווישען היימישע, און די לאַנד־שפראַך אין לאַנד, צווישען די נישט יודישע".

דאָס איז דער אונטערשיעד צווישען א "יודיש" צו א "דזשואיש" עדוקיישאָן. אַן עדוקיישאָן וואָס שליעסט איין יודיש איז א געווינס פאַרן יודענטום, און אַן עדוקיישאָן וואָס שליעסט אויס יודיש איז נישט נייטיג. געהן אין שמעלצטאָפּ דאַרף מען קיין עדוקיישאָן. עס איז גענוג צו קענען בעיזבאָל, פוטבאָל, באַסקעטבאָל און זיצען מיט משוגענע קרעמפּ געשרייען אַרום א פרייז־פייטינג רינג, זיך אויסצומישען מיט דער מאַיאָ־ריטעט. אמת לואיס מארשאל איז געוועזען א יוד, אָבער דאָך נישט אַן איינגעוואָרצעלטער. מיט אונז איז ער געוועזען גרויס, אָבער אָהנע אונז, וואָלט ער פערגעסען געוואָרן א טאָג נאָך זיין טוידט. בלויז מיר דערמאָנען זיין נאָהמען מיט רעספּעקט און זאָגען: לואיס מארשאל, ע"ה.

עברית באנגלית

טיעטשער: "וישכב דוד עם אבותיו" ענד דייוויד סלעפּט וויט היז פּעירענטס

פּיופּעל 1: פּור קינג דייוויד דיד'נט העוו א בעד פאָר הימסעלוו ענד העד טאָ סליעפּ וויט היז פּעירענטס.

פּיופּעל 2: יעס, סאָ ווער אָל דזשואיש קינגס, דעי אָל סלעפּט וויט דעיר פּעירענטס.

לשון קודש די שענסטע, אָבער אַ קראַנקע שפּראַך

א גרויס ווערטערבוך פון אַן אָריענטאלישע שפּראך איז נישט אזויפיעל ווערטה ווי א ווערטערבוך פון דערזעלבע גרויס אין אַן עוראָפּעישע שפּראך וויל, די עוראָפּעישע איז פּרעציז און די אָריענטאלישע האָבען פיעלע נעמען פיר איינצעלנע זאכען.

לשון קודש די שעהנסטע, אָבער אַ קראַנקע שפּראַך

אין איהר יוגענד איז יעדע שפּראַך
פּאָעטיש — עמערסאָן

לשון קודש איז אָהנע צווייפעל די שעהנסטע שפּראַך פון אַלע שפּראַכען אין דער וועלט, אָבער, די שעהנסטע מיינט נאָכנישט די פּראַקטישסטע שפּראַך אין דער וועלט. שעהנהייט און פּראַקטישקייט טרעפען זיך זעהר זעלטען צוזאַמען, און זעהר אָפט זיינען זיי זיך דאָס געגענטייל איינס פון דאָס אַנדערע. דער פּלאַץ פאַר דער שעהנע שפּראַך איז אויף דעם פּאַרנאַס, און דער פּראַקטישע שפּראַך: איבעראַל. אָבער, אַזוי ווי קיינער קאָן זעטיגען זיין מאָגען מיט פּאָעזיע, מוז ער, נאַטירליכער ווייזע, אַרונטערגעהן פון פּאַרנאַס אַריין אין דער פאַבריק צו פּראָדוצירען אַלעס וואָס ער האָט נייטיג אויפצוהאַלטען זיין גוף מיט דער נשמה צוזאַמען. די ענגלישע שפּראַך פון שעקספּיערס צייט איז געוועזען מעהר פּאָעטיש ווי די היינטיגע, דאָך אָבער, האָט דאָס היינטיגע ענגליש אַרויסגעבראַכט אַ ניוטאָן, אַ הערשעל, אַ וואָטס, אַ סטיפענסאָן, אַ פולטאָן, אַן עדיסאָן, אַ דאַרווין, אַ ספּענסער ,און הונדערטע אַנדערע אויף דער פּראַקטישער זייט, וועלכע האָבען געבראַכט מעהר נוצען פאַר דער גאַנצער מענשהייט, ווי אַלע פּאָעטען פון דער גאַנצער וועלט און פון אַלע צייטען צוזאַמענגענומען.

דער פאַקט איז, דאָס די שעהנהייט איז פאָלשטענדיג אָבהענגיג אָן דער פּראַקטישקייט ווערענד די פּראַקטישקייט קען וואויל עקזיסטירען אָהנע די שעהנהייט.

וואָקאלען אָדער נקודות?

פון דעם טאָג וואָס די שרייב־שפּראַך האָט אריינגעשטעלט פינף וואָקאַלען אין דער צייליע און האָט זיך בעפרייט פון די נקודות, איז דאָס שרייבען געוואָרען שנעלער, קלאָהרער, בע־גרייפליכער און נאַטירליך פּראַקטישער. דער דאָזיגער קליינער רעפאָרם האָט געשפאָרט די צייט נאָכאַמאָל איבערצוגעהן די געשריבענע שורה צו שטעלען די נקודות, א פּראָצעס וואָס פערנעהמט פיעל קאָסטבארע צייט, ציערייסט אָפטמאָל דעם גע־דאַנק וואָס מען האַלט אין שרייבען, און צעמישט דעם קאָפּ מיט נייע געדאַנקען וואָס האָבען נישט קיין שייכות מיט דאָס וואָס מען האַלט אין שרייבען. דאָס האָט אויך בעפרייט דעם מח פון ספּעקולירען ווי אזוי א וואָרט אָהנע נקודות לעזט זיך. צוביישפּיעל: דאָס וואָרט "גדל" קאָן געלעזט ווערען: גאַדאַל, גידאַל, גידייל, גודאַל, גאָדייל, גוידעל אָדער גאָר גאָדיל. ווי ווייטער וועט געוויזען ווערען איז דאָס נישט דער איינציגער פאַל. אזוי זעהט עס אויס מיט מעהר ווי א העלפט פון דער גאַנצע העברעישע שפּראַך. נאַטירליך קאָן מען מיט אזא שפּראַך נישט טעלעגראַפירען (סיידען צווישען זיך,) ווי אויך נישט שרייבען אויף דער שרייב־מאַשין וויל, אזא שרייב־מאַשין וואָלט נייטיג האָבען 460 בוכשטאַבען און די מעהרסטע וואָס זי קאָן האָבען איז 84 בוכשטאַבען. עס איז אפילו דא א שרייב־מאַשין וואָס האָט נקודות, אָבער די נקודות געהן נישט צוזאַמען מיט די שריפט. מען מוז איבערגעהן די געשריבענע שורה צו

שטעלען די נקודות אויף זייער ריכטיגען פלאץ, אזוי ווי מען טהוט מיט דער האנד. דערמיט ווערט דער צוועק מיט דער שרייב־מאשין צו שרייבען שנעל צוגארנישט.

אין 1926 האט א יודישע דעלעגאציע אריינגעבראכט א קלאגע געגען ענגלאנד פאר דער מאנדאטען־ליעג, אז ענגלאנד בעהאנדעלט נישט די העברעישע שפראך לויט די גלייכע רעכט וואס קומט איהר מיט די איבריגע צוויי שפראכען. א קאמיסיע האט די קלאגע אונטערזוכט און געפונען, אז די העברעישע שריפט האט א זעהר בעגרענצטען ווערט טעלעגראפיש, און די איינריכטונג דאפיר איז זעהר צו קאסטבאר. מיט אראביש לאזט זיך דאס שוין מעגליכער מאכען ווייל, עס זיינען דא דריימאל אזויפיעל אראבער ווי יודען. העברעיש מיט דער אויסענוועלט (בחוץ לארץ) איז אויסגעשלאסען. פאר א האפנונג אויף שפעטער, ווען מעהר יודען אין חוץ לארץ וועלען קענען העברעיש איז נישט דא אפילו א צייכען, ווייל אין חוץ לארץ לערנט מען העברעיש צו פארגעסען נישט צו געברויכען:

נקודות א לאסט פאר דעם זכרון

אלע שפראכען וואס האבען נייטיג נקודות זיינען אין הינטערגרונד, זיי מאכען קיין פארטשריט און בלייבען פערשטאקט אין אזיען, וועהרענד אלע עוראפעישע שפראכען וואס האבען קיינע נקודות נייטיג בריימען זיך אוים איבער אלע גרעניצען און פערדרינגען יענע פון זייער אייגענעם באדען. א שפראך וואס האט נייטיג נקודות מוז אינגאנצען געהאלטען ווערען אין זכרון, און זי לאזט נישט איבער אפילו א שטיקעל פלאץ פאר דעם מלחמות החיים. ווען א יוד קען העברעיש אזויפיעל ווי א פאליסמאן קאן ענגליש איז ער שוין א גאון. "א שפראך וואס קאן נישט נאכשפאנען מיט דעם פארטשריט

פון דער ציוויליזאַציע מוז ענדליך דערטרינקען ווערען אין דעם רייסענדען שטראָם פון דער צייט" זאָגט מאַקס מיללער. דער פּראָגרעס פון דער ציוויליזאַציע איז אָבהענגיג אָן דער בייג־זאַמקייט, קלאָרהייט און קאָרעקטהייט פון דער שפּראַך. אויך איז זי אָבהענגיג אָן בילינע דרוקעריי פאַר מאַסען־פּראָדוקציע אין צייטונגען און ליטעראַטור. אַ מאַנוסקריפּט מיט נקודות קאָסט פיעל טייערער צו דרוקען ווי אַ יודיש מאַנוסקריפּט. דר. רופּין זאָגט אין 1931 אַז עס זיינען דאָ 500 צייטשריפטען פון אַ יודישען כאַראַקטער איבער דער וועלט. 300 פון זיי זיינען אין יודיש, 70 פון זיי אין העברעיש, און די רעשט אין אַלע שפּראַכען. פון די 70 אין פּאַלעסטינע זיינען אַ העלפט אין העברעיש און די אַנדערע העלפט צווישען די אַנדערע איינ־וואָנער. אַלזאָ 300 יודישע געגענאיבער 35 העברעישע. דאַצו דאַרף מען געדענקען אַז די יודישע געהן אויף אייגענע פיס, און די העברעישע, כמעט אַלע, אויף קיצבה. יודיש מאַכט פּראָג־רעס ווייל זי איז פריי פון נקודות, און בעלעסטעט נישט דעם זכרון פון איהרע ריידנער. די יודישע פּרעסע גיט פּרנסה און די העברעישע נעהמט קיצבה. עס איז נישטאָ דאָ איין העב־רעישע טעגליכע צייטונג צווישען 4 מיליאָנען יודען אין אַמעריקע און אין ניו יאָרק אַליין זיינען דאָ 4 טעגליכע צייטונ־גען וואו פיעלע העברעער שרייבען יודיש פאַר פּרנסה וועגען.

העברעיש אַ שטערונג אין שטודיום

אַלע מאָדערנע שפּראַכען שטרעבען צו זיין וואָס מעהר פּרעציז, די העברעישע וועט בלייבען שטענדיג אין איהר יעצ־טיגען שוואַנקענדען צושטאַנד. די צוויי פּרעציזע ווערטער "יאָ" און "ניין" זיינען נישט דאָ אין העברעישען. "לא" מיינט

"נישט" אָבער נישט "ניין". "כן" מיינט "רעכט" אָבער נישט "יאָ". איהר קענט נישט איבערזעצען "לא כן אדוני" מיט יאָ ניין מיין הער. אַ פּרעציזע איבערזעצונג וואָלט זיין "נישט רעכט מיין הער". תחתונים הייסען הויזען. וואָס טהוט מען מיט אונטער הויזען: תחתונים שבתחתונים? אפשר. אַ ליידי הייסט אויף העברעיש "אישה ממרום עם־הארץ". (קויפמאַן'ס ווערטערבוך) פּרובירט אָקאָרשט איבערזעצען אישה ממרום עם־הארץ צוריק אין ענגליש אריין און זעהט וואו איז די ליידי. אין שטודיום וואו מען לערנט וויסענשאַפט מוז אַלעס זיין פּרעציז און העברעיש איז דאָס נישט, און וועט דאָס קיינמאָל זיין וויל זי איז שעהן און נישט פּראַקטיש. זי קען מאַכען חן'דעלעך, זי קען בעצויבערען, אָבער זי קאָן נישט קערפּערליך שפּייזען. ווי אַ קאָקעטקע וואָס האַלט איהר פּערליעבטען אין איהרע אָרעמס פאַר גאַנצע 24 שטונדען יעדען טאָג און לאָזט איהם נישט אַרויס פּערדיענען אַ שטיקעל ברויט אַזוי איז העברעיש וואָס האַלט איהרע ליעבהאָבער איינגעצוימט אין אַ מיטעלאַלטערליכע וועלט ביז ער וועט אויסגעהן פון הונגער. וועלטשפּראַכען שפּייזען און מאַכען זעלבסטשטענדיג, און געצאַצקעטע שפּראַכען פיהרען צו בעטעלברויט. שוין אין זיין שטודירצייט זעהט דאָס קינד אין סקול אַז די ענגלישע שפּראַך לערנט זיך לייכטער, און עפענט אַ ברייטער פעלד צום לעבען ווי דאָס איינגעצוימטע העברעיש.

אַזוי האָט פּאַסירט מיט דעם יונגען יודישען דור אין בבל וואָס האָט זיך בעפרייט פון העברעיש און אָנגענומען די כאַלדעישע שפּראַך. אַזוי האָט פּאַסירט מיט דעם יודישען יונגען דור פון גריכענלאַנד. אַזוי האָט פּאַסירט אין שפּאַניען ווען עס האָט אָנגענומען די אַראַבישע שפּראַך, און אַזוי פּאַסירט עס

איבעראַל מיט דעם יודישען יונגען דור זאָפאָרט ווי עס קומט אין קאָנטאַקט מיט אַ פּראַקטישע שפּראַך.

ווי קאָן עס דען אַנדערש זיין ווען דער שטודענט זעהט אַז זיין העבּרעיש איז אָרים, און דאָס די אָרימקייט איז צוויי־פעלהאַפט אויף יעדען וואָרט, אויף יעדען פסוק, אויף יעדען אַרטיקעל; וואו דער גרעסטער טייל פון דער קליינער אָרימקייט קאָן נישט געלעזען ווערען אָהנע נקודות. און מיט נקודות קאָן מען נישט שאַפען נייעס און דערפאַר בלייבט מען הינטערשטע־ליג אין דעם פּראָגרעס פון דער וועלט; אַ פּראָגרעס וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ אויף אַ רגע פאַר קיין פּאַל. וואָס זאָל דער שטו־דענט זאָגען ווען ער זעהט פאַר זיך ווי איינצעלנע ווערטער אָהנע נקודות לעזען זיך, אַשטייגער ווי:

כלה פאר קאַלאַ, קאלאַ, קולי, קולאָה, קילאַ, קאליי.
אשר פאר אשער, אושייר, אַשייר, אוישער, עשער, אושאר.
אבד פאר אָבאד, אויבייד, איבאד, אבאד, אבייד.
אבל פאר אָבייל, אייוועל, אוואָל, אובאָל.
אדם פאר אָדאָם, אָדאם, אָדוים, עדוים, אוידעם.
אדר פאר אָדאר, אדאר, אדאָר, עדער, אידאר.
אכל פאר אָכאל, אכויל, אויכעל, אכאָל, אוכאָל, איכייל.
אלה פאר איילאַ, איילע, אָלאַ, עלאַ, עלויהא.
אמן פאר אָמאן, אָמאָן, אמאן, אוימען, אָמיין.
אמר פאר אָמאר, אמאר, איימער, אוימער, אימאר, אימייר.
בצר פאר באָצאר ,ב׳צאר, בעצער, ב׳צאָר, באָצייר.
בקר פאר באָקאר, באָקאָר, בויקער, ב׳קאר, ביקייר.
ברך פאר בערעך, ב׳ראך, באָראך, בויראך, באָרייך.
גבר פאר געבער, גאָבאר, גיבאָר, ג׳באר, גאָבייר.
גלה פאר גאָלאַ, גילאַ, גוילאַ, גילוי, גולאָה.

עס איז נישט כדאי אויפצופיהרען א קאמפלעטע ליסטע פון אזעלכע וואריאציעס וועלכע ליגען ווי שטיינער אויף דעם וועג פון פראגרעס, פאר דעם יונגען שטודענט זיך צו בעמעכטיגען מיט אזא שפראך וואס האט קיין געאגראפישען אדער קאמער־ציעלען ווערט פאר זיין צוקונפט. דער לעזער קאן זיך פער־גרעסערן די אויביגע ליסטע פון געזעניוס ווערטערבוך אדער פון דר. יאקאב לעווים נייהעברעיש אונד כאלדעיש ווערטערבוך אין 4 בענד. די אויביגע ליסטע דארף אבער גענוג זיין זיך צו שאפען א בעגריף איבער דער אונפראקטישקייט פון העברעיש אהנע נקודות, געגענאיבער די פראקטישקייט פון יודיש וואס האט קיינע נקודות נייטיג.

טאמער פרעגט איהר: אפשר וועט אמאל ערפינדען ווערען אזא מאשין וואס וועט זעצען העברעישע שריפט מיט נקודות צוזאמען? דער ענטפער אויף דיעזע פראגע איז: עס איז דא אזא מאשין, א לינאטיפ ערפינדען פון מיר אליין. די מאשין שטעהט פערטיג אוועקגעשטעלט אין דער מערגענטאלער סטאר, בעהאל־טען אלס א געלונגענע זאך אבער א קאמערציעלער פערלוסט. דאס מאדעל אליין האט געקאסט בערך $55,000, און פון דיזען מאדעל ארויסצוברענגען מאשינען אין מארק אריין דארף די קאמפאני ספענדען בערך א האלב מיליאן דאלארס מעהר. איך האב געהאט די מאשין אין מיין אפיס, צו פרובירען דעם מארק, איך האב געזעצט ליעדער פאר דעם "הדואר" פאר א צייט. האב געדרוקט א ביכעל ליעדער "לאור הנר" פון ברוך כצנלסון, א בוך ליעדער "קעמפ מדין", און א מאטעמאטישע אבהאנדלונג אין דער "סקריפטא מאטעמאטיקא" ארויסגעגעבען פון דער ישיבה קאלעדזש, אונטער דער רעדאקציע פון פראפ. יקותיאל גינסבורג, די שריפט איז פון מיר געצייכענט געווארען און איז

געריהמט געוואָרען פון פּראָפ. בענדער אין פּרינצטאָן יוניווער־זיטעט; אַלזאָ גוט וואויל אָבער, די פינאַנציעלע צוקונפט פאַר דער קאָמפּאַניע האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז, מעהר ווי 4 אָדער 5 מאַשינען וועט מען נישט קאָנען פערקויפען, און דערויף צו ספּענדען נייע $500,000 לוינט זיך נישט.

עס איז אויך פאַראַן אַ מאָנאָטייפּ מאַשין וואָס זעצט העב־רעיש מיט נקודות, בלויז צוויי אַזעלכע מאַשינען אין גאַנץ אַמעריקע. איינע אין נויאָרק און די צווייטע אין פילאַדעלפיע.ביידע מאַשינען האָבען נישט גענוג אַרבייט. די מאָנאָטייפּ מאַ־שין זעצט נישט ווי מיינע, קאָנסאָנאַנטען מיט נקודות אינאיינעם נאָר בעזונדער. ד. ה. צוויי ציילען צו איינע פון מיינע. ד. ה. אַ יעדע קאָרעקציע ביי דער מאָנאָטייפּ מיינט צוויי קאָרעקציעס. איינע אין טעקסט און די צווייטע אין די נקודות. עס טרעפט זיך אין אַזאַ פאַל דורך אַזאַ דאָבעלטע קאָרעקציע דאָס די נקודות ווערען אַרויסגעריקט פון זייער פּלאַץ. צום סוף פון בוך געפינט איהר אַ מוסטער פון מיין ערפינדונג.

אַלזאָ, ווען אפילו יודען אין ארץ ישראל זאָלען שוין ריידען בלויז העברעיש וועט זיך נישט לוינען צו פאַבריצירען אַ פּאָר מאַשינען צו ראַטעווען די העברעישע שפּראַך פון אונטערגאַנג.

קאָמבינאַציעס אין העברעיש זיינען בעגרענעצט

מאָדערנע שפּראַכען, יודיש איינגעשלאָסען האָבען קיין גרענעץ צו ווילאַנג אַ וואָרט זאָל זיין ווי עס איז אין העברעישען. די העברעישע שפּראַך איז בעגרענעצט מיט 3 אָדער 4 שרשים און קאָנען דערפאַר נישט נאָכשרייבען לאַנגע ווערטער ווי עס קאָנען די מאָדערנע שפּראַכען. אַזעלכע קאָמבינאַציעס זיינען ויסענשאַפטליך נייטיג און טאָרען נישט אָבגעבראָכען ווערען.

צובײשפּיעל: געשיכטספּראַגמאַטיזמוס, װאַרשײנליכקײטסבעשטימונגספּראָצעס, בעװאוסטזײנסאינדיװידואַלעט, פלאַכלאַנדסאױפנאַמע; אין ענגליש: אַנטראָמאָרפיקאַלי, אַקיומוליײטיװנעס, אַמבידעקסטראָוסנעס; אין העברעיש האָט איהר פאַר דעם װאָרט "עקסטשײנדזש" החליף מטבע במטבע. ריכטיג מײנט דאָס העברעישע "געטױשט א מטבע פאַר א מטבע. א מטבע איז א געלד־שטיק אָבער עקסטשײנדזש קאָן הײסען אַן אױסטױש פון גאָלד אױף זאַכען, פון זאַכען אױף זאַכען אָדער פון דאָקומענטען אױף זאַכען.

הײנט װאָס קאָן העברעיש טוען בײם איבערשרײבען א װיסענשאַפטליכע טערמינאָלאָגיע פון 10,000 װערטער, נעהמען פון 180,000 אינזעקטען, 70,000 פלאַנצען, 99,00 שטערנט, 10,000 זײדענװערם, 6,000 אַסטערױדען, 2,000 קאָלירען: אַלעס דאָס מיט א װאָקאַבולאַר פון 6,000 װערטער פון װעלכע קײן װאָרט שטעהט אױף א פעסטען באַזיס?

לאָמיר אָקאָרשט אונטערזוכען דעם באַזיס פון העברעיש צו בעשטעטיגען די אױבינע בעהױבטונג. "װיסענשאַפט" און "קונסט" זײנען צװײ זײלען אין דעם מענשליכען אינטעלעקט. זײ האָבען אין העברעישען קײן גלײכװערטען. זײ געבען אונז "חכמה" פאַר "װיסענשאַפט" װאָס איז אונריכטיג װײל, "חכמה" מײנט קלוג, מען קאָן זײן קלוג אױך אָהנע װיסענשאַפט. מאַנכע פאַרװעקסלען דאָס װאָרט "חכמה" מיט "מדע". "מדע" מײנט װיסען אָבער אױך געדאַנק. צובײשפּיעל: װיסענשאַפט איז געבױט אױף געדאַנקען. אײן װאָרט פאַר צװײ טערמינען איז נישט װיסענשאַפטליך. "מלאכה" װערט געברױכט פאַר קונסט, מלאכה מײנט אָבער אױך אַרבײט, האַנדעל, דיענסט, בעשעפטיגונג, אײגענטום.

מאַנכע געברויכען דאָס אַראַמישע "אומנות" פאַר קונסט אָבער אויך "אומנות" ווערט אין תלמוד געברויכט פאַר פּראָפעסיע, האַנדעל און ארבייט; אפילו פּראָסטע אַרבייט, נישט קינסטליכע. אַן ארטיסט הייסט חכם, חרש, אמן, יוצר־פסל, ציר אָבער קיינס פון די אַלע רעפּרעזענטירט דאָס וואָרט ארטיסט. צובייישפּיעל:

חכם הייסט: קלוגער, לערער, בעגייסטערער, ריכטער,
חרש הייסט: גראַווירער, קינסטלער, פאַכמאַן, מאַגיקער,
אמן הייסט: ארבייטער, ארטיסט, ארכיטעקט, קאָנפידענט.
ציר הייסט: שעפער, אינוועגטאַר, שליח, צייכנער.
יוצר־פסל: בילדער פון אָבגעטער, גראַווירער, שניצער, מאַלער.

אַלע דיעזע ווערטער צוזאַמען גיבען נישט דעם שטודענט די בעדייטונג פון דעם איינעם וואָרט "קינסטלער".

עס זיינען דאָ זעהר ווענינ העברעישע ווערטער וואָס האָבען בלויז איין בעדייטונג, און אויב מ'געפינט אין פרעמדע שפּראַכען ווערטער וואָס האָבען מעהר ווי איין בעדייטונג מוז מען פערגלייכען דאָס רייכטום פוןביידע שפּראַכען און רעכנען לויט פּראָצענט פון די וואַריאַציעס. אַ רייכע שפּראַך קאָן זיך ערלויבען וואָס אַן אָרימע קאָן נישט. ווי אָרים די העברעישע שפּראַך איז קאָן מען זעהן דייטליך פון דעם פאַקט דאָס איינצעלנע פּראַקטישע ווערטער האָבען אַ מענגע בעדייטונג שטאָט איינס. צובייישפּיעל:

צייט: זמן, פּרק, תקופה, עת, וסת
יונג: צעיר, רך, קטן, נער, ילד
קלאָגען: זעק, צעק, מספד, קונה, ספוד, הילול, התונן
הויך: גובה, רם, גדול, רב, נשגב, קומה

פערלאָזען: עזוב, חדול, פרוש, משך, נמבזה, הניא, מהה, מפל,
שטאַרק: אל, אמץ, גבורה, זרוע, חזק, חסן, כוח, נצבא, עוז,
ציטערן: פחד, בהל, זוע, חול, חרגא, חרד, רדה, נתר, ערץ, רגזה,
רייכטום: הון, און, טוב יגיע כפי, רכוש, מלא, מקנה
פערשליעסען: סגור, חתם, אָהן, אָטם, אָצר, סתם, קפץ
פרעסען: אָנס, גוד, זור, יגון, לחץ, מוץ, נגש, נחץ, צוקה, צר

דאָ האָבען מיר בלויז 10 יודישע ווערטער וואָס האָבען 81 העברעישע רעפּרעזענטאַנטען.

דרעהט מען איבער דאָס בלעטעל וועט מען זעהן אז איינ־ציגע העברעישע ווערטער האָבען אַ מענגע בעדייטונגען און פערטומלען דעם פערשטאַנד ביים גרעסטען העברעער. למשל:

כלי: געשיר, ווערקצייג, אינסטרומענט, וואפע, שמוק, אנצוג,
רוח: האָוך, אטעם, ווינד, לופט, עק־וועלט, גייסט, גערוך שטראָם, אינטעלעקט, פּראָפעצייהונג, אונגעדולד.
ראש: אָנהויב, קאָפּ, הויבטלינג, פיהרער, ערשטער, פּאָרזיצער, שפּיץ, א גיפט־פלאַנץ,
ענה: ענטפער, לייען, זינג, לויב, שריי, בעקאַנטמאַכען, בעשטעגיגען, רייד, ענטזאָג, ווידערשפרוך, געפּלאָגט, בעדריקט, נאָכגעבען.
אי: איינוואָהנער, בעוואוינט, בעוואוינער, אינזעל, ברעג פון געוואַלדעווען, שרייען.
אי (איי) ווער, וועלכער, וואָ, וואָס, פון וואנען, פארוואָס

און טאָמער איז דאָס אַלעס נאָכנישט גענוג קומט דער העב־רעישער אלף־בית און שרייט אז ער האָט קיין פּיס, ער הענגט אין דער לופט, יעדער בוכשטאַב וועקסעלט זיך מיט יעדען, אַ טהאטזאַך וואָס האָט קיין גלייכען צווישען אַלע ציוויליזירטע שפּראַכען. למשל:

א

ווערסעלט זיך מיט 6 בוכשטאַבען

ח, ה, ע, ט, מ, פּ.

"ח" אין אָבאַב, חבב	גליהען
"ה" אין אָגא, הגה	שפּרעכען
"ע" אין אָגם, עגם,	בּעטריעבט זיין
"ט" אין אָטם, טמם	פערשטאָפּען
"מ" אין אָמד, מדד	אָבשאַצען
"פּ" אין אָפּאַז, פּזז	היפּען

א.ז.וו.

זעה אויך ה, ח, י. נ, ע, צ. ש, ת.

ב

ווערסעלט זיך מיט 4 בוכשטאַבען

פ, מ, נ, ש.

"פ" אין פּקר, בקר	פריי זיין
"מ" אין מלטיתא, בלטיתא	פוילענדעס
"נ" אין נסס, בנס	אויפגערעגט
"ש" אין שסס, בשס	נידערטרעטען

זעה אויך ו, י, ל, מ, פּ.

ג

ווערסעלט זיך מיט 3 בוכשטאַבען

כ, ק, ד.

"כי" אין כשורא, גשורא	באַלקען
"ק" אין קולפּי, גולפּא	קאָלבען
"ד" אין דחך, גחך	לאַכען

זעה אויך י, כ, ז, ק, ש.

ד

ווערסעלט זיך מיט 5 בוכשטאבען

ש, צ, ט, ז, ת.

"ש" אין שד, דד	ברוסט
"צ" אין צהב, דהב	רויט זיין
"ט" אין טמע, דמע	פערמישען
"ז" אין זבח, דבח	שלאכטען
"ת" אין תד, דד	ברוסט

א.ז.וו.

זעה אויך ג, ז, ט, נ, ר.

ה

ווערסעלט זיך מיט 3 בוכשטאבען

א, כ, ח.

"א" אידין, הידין	ווער דען?
"כ" כן, הכן	אזוי
"ח" חלולים, הלולים	געשלאגענע

זעה אויך א, ח, ש.

ו

ווערסעלט זיך מיט 4 בוכשטאבען

פ, ב, וו, י.

"פ" אפשר, אוושר	מעגליך
"ב" אברוסי, אוורום	גלאנציג
"וו" וועד, ועד	פעסטזעצען
"י" ילד, וולד	קינד

זעה אויך י.

ז

וועקסעלט זיך מיט 3 בוכשטאַבען

ד, צ, ס.

„ד“ דבורה, זבורא — ביענע

„צ“ צהר זהר — גלענצען

„ס“ סאָסאָ, זאזא — רייז

זעה אויך ד, ס, צ, ר, ש.

ח

וועקסעלט זיך מיט 3 בוכשטאַבען

א, ה, ע.

„א“ אין אהב, חבב — ליעבען

„ה“ אין הלמון, חלמון — געלכל פון אַן איי

„ע“ אין עגל, חגל — רונד זיין

זעה אויך א, ה, ר, ק.

ט

וועקסעלט זיך מיט 3 בוכשטאַבען

ד, צ, ת.

„ד“ אין דמע, טמע — פערמישען

„צ“ אין צלל, טללא — שאַטען

„ת“ אין תפל, טפל — אָנהעפטען

א.ז.וו.

זעה אויך א, ד, צ, ת.

י

וועקסעלט זיך מיט 5 בוכשטאַבען

ו, כ, ג, ק, א.

"ו" אין ודע, ידע	וויסען
"כ" אין כשר, ישר	גערָאד
"ג" אין גאָה, יאָה	שעהן
"ק" אין קשיש, ישיש	אלט
"א" אין אכל, יכל	עסען געבען

א.ז.וו

זעה אויך ו, כ, ל, נ.

כ

ווערסעלט זיך מיט 3 בוכשטאבען

ק, ג, י.

"ק" אין קלמתא, כלמתא	אַ מיק
"ג" אין גבור, כביר	שטאַרקער
"י" אין ישר, כשר	גראדע

א.ז.וו.

זעה אויך מ. ר.

ל

ווערסעלט זיך מיט 5 בוכשטאבען

ב, נ, ר, ע, י.

"ב" אין גבשושית, גלשושית	א הויפען שטיינער
"נ" אין נדנא, לדנא	שיידען
"ר" אין שרשרת, שלשלת	אַ קייט
"ע" אין עלג, לעג	אָבוואַרפען
"י" אין יוסטוס, לוסטוס	אַ גריכישער נאָמען

א.ז.וו.

זעה אויך מ, ר.

מ

וועקסעלט זיך מיט 4 בוכשטאבען

ב, נ, ל, פ.

"ב" אין טבע, טמע	פערזינקען
"נ" אין אומרין, אומרים	זאָגען
"ל" אין גלל, גלם	צוזאַמענראָלען
"פ" אין לפיד, למפיד	פייערפאַקעל

א.ז.וו.

זעה אויך א, ב, פ.

נ

וועקסעלט זיך מיט 4 בוכשטאבען

ר, י, ד, א.

"ר" אין זרח, דנח	אויפשיינען
"י" אין יאָה, נאָה	שעהן זיין
"ד" אין דוח, נדח	אָנשלאָגען אָן עפּיס
"א" אין אָרר, נאר	אָבשטויסענד

א.ז.וו.

זעה אויך ב, ל, מ, פ, ר.

ס

וועקסעלט זיך מיט 5 בוכשטאבען

ש, ש, ז, צ, ע.

"ש" אין שב, סב	גרייז
"ש" אין שמר, סמר	היטען
"ז" אין זהרא, סיהרא	לבנה
"ע" אין עגל, סגל	רונד
"ס" אין סאָסאָ, זאזא	רייז

א.ז.וו.

זעה אויך ז, צ, ש.

ע

וועקסעלט זיך מיט 4 בוכשטאבען

ג, צ, ק, א.

"ג" אין גרד, ערד	נאָמען פון א שטאָדט
"צ" אין צאן, עאן	שאָף
"ק" אין ארקאָ, ערעאָ	ערד
"א" אין אָע, עץ	האָלץ

א.ז.וו.

זעה אויך א, ה, ל, ס, ק.

פ

וועקסעלט זיך מיט 3 בוכשטאבען

מ, ב, נ.

"מ" אין מלט, פלט	גלאטיג
"ב" אין בגן, פגו	שרייבען
"נ" אין נפח, פוח	אטהמען

זעה אויך א, ב, ו.

צ

וועקסעלט זיך מיט 7 בוכשטאבען

ש, ש, א, ת, ז, ק, ט.

"ש" אין שרף, צרב	ברענען
"ש" אין שלהב, צלהב	פלאם
"א" אין אָבאָ, צבה	וועלן
"ת" אין תלה, צלב	הענגען
"ז" אין זעק, צעק	שרייען
"ק" אין קבר, צבר	הויפען
"ט" אין טור, צור	פעלזען

זעה אויך ד, ז, ט, ס, ע, ק, ש.

ק

וועקסעלט זיך מיט 6 בוכשטאַבען

ע, ת, ג, כ, ח, צ.

"ע" אין עטר, קטר	ברענען ווייַרויך
"ת" אין פּתח, פּקח	עפענען
"ג" אין גבב, קבב	הוילמאַכען
"כ" אין כובע, קובע	אַ העלמעט
"ח" אין חצב, קצב	שניידען
"צ" אין צמח, קמח	פערפלאַנצען

זעה אויך ג, י, כ, ע, צ, ת.

ר

וועקסעלט זיך מיט 4 בוכשטאַבען

ז, ד, ל, נ.

"ז" אין בזק, ברק	אויסשליעסען
"ד" אין גדם, גרדם	צעברעקלען
"ל" אין אלמנה, ארמלתא	
"נ" אין כנע, כרע	קניען

זעה אויך ל, נ.

ש

וועקסעלט זיך מיט 6 בוכשטאַבען

ס, צ, ז, ה, א, ג.

"ס" אין ספן, שפן	פערדעקען
"צ" אין צפן, שפן	
"ז" אין זקק, שקק	אַ דורשטיגער
"ה" אין הדה, שדה	אָבגראָדען
"א" אין ארג, שרג	אונטערוועבען
"ג" אין גבב, שגב	שטאָלץ

זעה אויך ב, ד, ס, צ, ת.

ת

וועקסעלט זיך מיט 4 בוכשטאבען

א, ש, ק, ט.

"א" אין אוה, תוה	בעגעהרען
"ש" אין שוב, תוב	אומקעהרען
"ק" אין שקה, שתה	שרינקען
"ט" אין טעה, תעה	בלאנזען

א.ז.וו.

זעה אויך ד, ז, ט, צ.

דא האט איהר 22 בוכשטאבען, דער גאנצער העברעישער אלף־בית, וועקסעלט זיך אונטעראנאנדער 98 מאל, און האט נישט איין בוכשטאב, וואס איז ווי מען רופט איהם ביי זיין נאמען.

נאכאלעם דעם קאנען די העברעער נישט בעווייזען אז העברעיש איז א ריינע שפראך, אז זי איז נישט פערמישט מיט עגיפטיש, אינדיש, אסיריש, פערזיש, גריכיש, קאפטיש, און זאגאר לאטיין. ווי קאנען זיי דען רופען אונזער יודיש: א שזארגאן וועהרענד העברעיש זעלבסט איז א מיש־מאש? די פרעמדווערטער אין העברעיש קומען פון טוידטע שפראכען, וועלכע זיינען געשטארבען אויס נויט פאר פראקטישקייט. אפילו דאס היינטיגע נאך לעבענדע אראביש איז טוידט פאר דער פראגרעסיווע וועלט און קען נאר לעבען אין אן אונציוויליזירטע סביבה. די פערגלייכענדע ליסטע פון יודיש צו דייטש, האלענדיש, ענגליש, פראנצויזיש און רוסיש אויף זייטע 104 און 105 ווייזט ווי געזונדט יודיש איז. פרובירט אבער אוועקצושטעלען א העברעישע ליסטע נעבען זיי וועט איהר גלייך זעהן ווי קראנק העברעיש איז.

קראַנק איז העברעיש אָבער וואונדער שעהן. וואונדערבאַר ווייל אַלע איהרע חסרונות אויף דער פּראַקטישער זייט זיינען מעלות פאַר איהר שעהנהייט. צוליעב איהר שעהנהייט בלייבט זי שטענדיג אויף דעם פאַרנאַס און לאָזט זיך קיינמאָל אַרונטער צווישען די איינגעריעסטע פּנים'ער. זי חבר'ט זיך נאָר מיט פּאָעטען ווייל זי אַליין איז די קוואַל פון פּאָעזיע. זי איז שעהן ווי די יוגענד, זי רעדט ווי דאָס קינד אונקלאָהרע ווערטער ווי די פּאָעטען ריידען און אַלע האָבען אַ הנאה איהר צו הערען. די אויפגאַבע פון דער פּראַקטישע שפּראַך איז צו ענטדעקען געהיימניסע און די אויפגאַבע פון דער פּאָעזיע איז זיך צו בעוועגען צווישען געהיימניסע. וואָס מעהר געהיימניסע דאָס שעהנער איז די פּאָעזיע און העברעיש איז די שעהנסטע פאַר אַזוילאַנג ווי זי איז נישט פּראַקטיש. די פּאָעטישע פאַנטאַזיע שוועבט אַרום צווישען אונקלאָהרע ווערטער, צווישען איינצעלנע ווערטער וואָס זיינען אַרומגערינגעלט מיט אַ סך בעדייטונגען און ברענגט אַרוים פון זיי אַ דופּט וואָס בעצויבערט די פּראַקטישע דענקער. פער'שיכור'ט פון דעמדאָזיגען צויבער זעהט נישט דער העברעער די ווייטקייט פון דעם פאַרנאַס צו דער פאַבריק, נישט פריהער ביז דער פייפעל פון דער פאַבריק רופט צו דער אַרבייט זעהן זיי ווי ווייט די שעהנהייט איז פון דער פּראַקטישקייט.

מאָדערניזירען איהר הייסט איהר צו בערויבען פון איהר שעהנהייט, אַרונטערשלעפּען איהר אין די קוילענמינען. אָבער וועלכען נוצען קאָן די שעהנהייט ברענגען אין קוילענמינע וואו עס איז נישט דאָ קיין קוילען נאָר בלאָטע. זייער מאָדערניזירטעם העברעיש איז דאָך בלויז אַ קוואַטש. מאָדערניזירען מיינט דאָך פּערבעסערען, ווער פון זיי קען דאָס פּרעבעסערען די

שפּראַך פון אונזער ביבעל וועלכע איז רעספּעקטירט פון דער קריסטליכע און מאַכאָמעדאַנער וועלט אַחוץ אונזערע אייגענע מאַרטירער וואָס האָבען איהר דורכגעטראָגען דורך פייער און וואַסער. האָט עס אונז געלוינט צו ליידען פאַר הונדערטע יאָהרען פאַר העברעישע חזיר־פרעסער איהר צו פעראונרייניגען אין דעם הייליגען לאַנד, אונז צו פערביעטען צו ריידען דעם לשון פון אונזערע טאַטע מאַמעס און האַלטען דעם שעהנעם לשון פאַר דעם היכל ה"? זאָגט מיין זעליגער פריינד ג. זעליקאָ־וויץ אין די "אידישע גאַזעטען" פון יוני 23 יאָהר 1920:

ווען איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף די שטיקלעך פון די צעפאַלענע גריכישע טעמפּעל מיט די צעבראָכענע געטער האָב איך אַפילו נישט געקאָנט חלום'ן פון די מאָדערנע העב־רעישע פּאָעטען וואָס בעזינגען און בעלויבען די נארישע אָב־געטער אין אַ שפּראַך אין וועלכער עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרען די העכסטע אידעאַלען פון אַן איינציגען גאָט אַ גאָט וואָס האָט ערקלעהרט קריעג געגען אַלע אָבגעטער און געצענדיענסט איך דענק זעהר שלעכט פון אַזעלכע טאַלאַנטפאָלע פּאָעטען ווי טשערניכאָווסקי און שניאור פאַר זייער סאַלוט צום אָלימפּוס אין אַ שעהנעם העברעיש און איגנאָרירען דעם הר סיני.

אין קאמף מיט אירגענד וועלכע יוראפעישע שפראך ענט־
לויפט די העברעישע מיט דעם ערשטען קלאפ, די יודישע טרעט
נישט אפ פון קאמפפלאץ שוין פאר אכט־הונדערט יאהר.

אן די שונאים פון יודיש

די שווערינקייט צו ערקלערען אין העברעאיש די
איינפאכע פילאָזאָפיע פון איוב און פון קהלת איז
ערשטוינט צו ווערען — ערנסט רענאן

די העברעאישע שרייבער האָבען פון זיך פערטריבען די יודישע לעזער מיט דעם וואָס זיי האָבען איינגעפיהרט עבודה זרה אין דער העברעאישער שפּראַך. זיי האָבען נאָכגעמאכט די ליטעראַרישע פּראָדוקטען פון גייסטיג קראַנקע גוי׳שע פּערפאַסער. זיי האָבען געשריבען דעקאַ־דענץ אין ישעיה הנביא׳ס שפּראַך און פערטומעלט די יודישע מוחות מיט "שטימונג". די שפּראַך זעלבסט האָבען זיי צוקאַליעטשעט און איהר געמאכט א פּנים פון א דייטשען יונקער אין א טלית קטן. זייער העברעאיש איז אלעס אין דער וועלט אָבער נישט העברעאיש.

ג. זעליקאָוויץ

אן די שונאים פון יודיש

איהר האָט ערקלעהרט קריעג געגען דער יודישע שפּראַך, קיין צניעות האָט איהר דאָבײ נישט געהאַט, ווייל איהר זיינט אַלע געגען אַלעס וואָס איז הייליג אין לשון קודש, דער לשון קודש וואָס איז הייליג ביי דעם יודיש רײדענדען פאָלק. איהר געהט שוין אָן מיט דעם קאַמף געגען אונזער לשון פאַר יאָהרען לאַנג מיט די אכזריות וואָס איהר האָט געלערנט ביי די רוסישע פּאָגראָמשטשיקעס. מיר האָבען זיך נישט פערטהיידיגט געגען אייך, ווייל מיר האָבען אייך געוואָלט איגנאָרירען ווי מען איגנאָרירט אַ חברה לאָבוסעס, איהר האָט זיך איינגערעדט אַז מיר שווייגען ווייל מיר פיהלען זיך צו־שוואַך זיך אַוועקצו־שטעלען געגען אייך, היינט זאָל אייער טעות אייך קלאָר ווערען, אונזער געדולד האָט געפּלאַצט און אַן ארסענאַל מיט וואפען פאַר דער פערטיידיגונג פון דער יודישע שפּראַך ווערט דאָ אויפ־געעפענט פאַר אַלע וואָס פיהלען געגען אייך ווי איך.

„יודיש איז אַ גלות שפּראַך" זאָגט איהר? מיינט איהר צו זאָגען אַז יודיש איז שולדיג וואָס מיר זיינען אין גלות? אָדער אַז ווען מיר זאָלען נאָר אָננעמען אייער העברעיש וועט דאָס אונז בעפרייען פון גלות? איז דען נישט דער לשון פון דער גמרא אַ גלות שפּראַך? האסט איהר די גמרא אזוי ווי איהר האסט יודיש?

אין די מהומה־צייטען ווען יודען האָבען שטארק געליטען האָט זיך געהערט אַ געשריי איבער דער וועלט „געוואַלד יודען ראַטעוועט!" (אין יודיש) און הילף איז געקומען פון איבעראַל, דער געשריי האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע יודישע פאָלק, ער האָט עס געמאַכט פיהלען אַ טייל פון די יסורים וואָס יענע ליידענדע האָבען געליטען, דער דאָזיגער געשריי האָט אימער פעראייניגט דאָס גאַנצע יודיש ריידענדע פאָלק, מוזט איהר דערפאַר האַסען די יודישע שפּראַך?

"יודיש איז קיין שפּראַך" זאָגט איהר? ווייסט איהר וואָס איז, און וואָס איז נישט אַ שפּראַך? ווייסט איהר מיט וואָס צו אורטיילען דעם דיפערענץ צווישען איין שפּראַך צו דער אַנדערע? קאָנט איהר זאָגען ווארום די בורען־שפּראַך וואָס ווערט גערעדט פון 3 מיליאָן איז אַ שפּראַך, אָדער פּאָרטוגעזיש וואָס ווערט גערעדט פון 6 מיליאָן, אָדער די אַרמענישע פון קנאַפּע 2 מיליאָן, און די יודישע וואָס ווערט גערעדט פון איבער 10 מיליאָן איז נישט אַ שפּראַך? האָט אירגענד וועלכע פון די געגאַנטע שפּראַכען אַרויסגעבראַכט העכערע אינטעליגענטען אַלס די יודישע? ווען יודיש וואָלט קיין שפּראַך געוועזען וואָלטען די יודישע פייהיגקייטען זיך געהאַט פון וואָס צו ענט־וויקלען? קאָן אַ קינד זיך פּסיכאָלאָגיש ענטוויקלען פון אַ שטומפּיגע שפּראַך? ווי קומט עס דאָס הויך געבילדעטע קריסטען ווי קלעמענס יונאָשאַ, העלענא פראַנק, פּראָפּ. הערמאַן סטראַק זאָלען געפינען יודיש אַלס אַ בעגייסטערטע שפּראַך נאָר איהר נישט? צייגט דאָס נישט אויף קלאָהר אַז אייער שנאה האָט אייך בלינד געמאַכט?

"יודיש האָט קיין גראַמאַטיק" זאָגט איהר? פּרובירט אָקאָרשט שרייבען אין אַ יודישען בריעף "דער קוה, די אָקס,

האָט מאָרגען געזאָגט, וועט נעכטען זאָגען, א.ד.ג.״ וועט איהר גלייך הערען ווי מען רופט אייך איגנאָראַמוס פון יעדען וואָס וועט אייער בריעף לעזען. קאָן מען שרייבען קאָרעקט און ענגאל ווי איהר זעהט אין די יודישע פּרעס אָהנע א גראַמאַטיק? מיינט איהר צו זאָגען אז דערפאַר ווייל איהר ווייסט נישט פון א יודישע גראַמאַטיק דאָס יודיש האָט קיין גראַמאַטיק? למשל ווען מען זאָל אייך אָנווייזען אז יודיש האָט א גראַמאַטיק וועט איהר שוין דעמאָלט צוגעבען אז יודיש איז א שפּראַך? איז דאָס מעגליך פאַר א בלינדען שונא

ווען איהר זאָגט דער וועלט אז העברעיש מאַכט פּראָגרעס אין פּאַלעסטינע נאָרט איהר נאָר די ענגליש ריידענדע יודישע עם־הארצים. די פאַקטען שרייען אז איהר זאָגט ליגען. אָט האָט איהר זיי:

ווי שוין אויבען געזאָגט רעדט מען אין פּאַלעסטינע נאָך 39 שפּראַכען אחוץ העברעיש. אַלע דיעזע זיינען ערלויבט נאָר נישט יודיש. צו שטאַרקען דיעזען פאַקט געגען אייך, ציטירען מיר דר. רופּין, אַן אייפעריגען, וועלכער זאָגט אז פון די 70 צייטשריפטען (פון א יודישען קאַראַקטער) אין פּאַלעסטינע, זיינען א העלפט אין העברעיש און די אַנדערע העלפט אין אַנ־דערע שפּראַכען. דאָס הייסט אז בלויז א העלפט פון די יודען אין פּאַלעסטינע לעזען העברעיש. דערצו דאַרף מען געדענקען דעם פאַקט דאָס ווייל עס איז דאָרט נישט פאַראַן קיין יודישע צייטונג מוזען אויך די יודיש ריידענדע יודען לעזען העברעיש, טראָצדעם, וואָס זיי ריידען יודיש אין זייערע היימען בעהאַל־טענערהייט, ווי אמאָל די אנוסים פלעגען ריידען העברעיש אין די צייטען פון דער אינקוויזיציע.

די ״הצפירה״ אליין האָט אמאָל געהאַט צעהן טויזענד

אבאָנענטען אין גלות. עס איז א גרויסער ספק אויב איהר האָט אזא צאָהל אבאָנענטען אויף אלע אייערע צייטונגען אין גאנץ פאַלעסטינע, צוזאמען מיט די אנוסים איינגעשלאָסען. רופט איהר דאָס פראַגרעס?

איהר הערט די קינדער ריידען העברעיש און איהר קלייבט נחת דערפון ווארט נאָר ביז זיי וועלען אונטערוואקסען, און ווען זיי וועלען אָנהויבען פיהלען די ענגשאפט פון העברעיש, אין געגענזאץ צו דער פרייהייט פון ענגליש, אייער נחת וועט דעמאָלט פערפרוירען ווערען אז איהר וועט זיך ה׳יינמאָל דער־ווארמען מעהר.

ווען נאָך אין גלות האָט איהר ארויסגעגעבען מעהר העברעישע צייטשריפטען ווי היינט אין פאַלעסטינע. איהר האָט דעמאָלט געמאַכט דעם איינדרוק פון א ריזיג וואקסענדע מחנה; היינט, זינט איהר האָט זיך אָבגעטיילט פון אונז, האָבען מיר מיטאמאָל דערזעהן ווי קליין אייער גרויסקייט איז. איהר האָט אונז דעמאָלט שיער אָבגעטועמ אז אקט פון גדעון מיט זיינע לפידים, און מיר אָרימע מדינים זיינען שיעור אריינגעפאלען אין אייערע הענד. ווי זאָגט מען עפּעס: הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל.

א הייפעלע נאַרישע היצקעפּלעך זיינט איהר, ווען איהר מיינט נאָך היינט צו שפּיעלען פאר דער וועלט דעם אקט פון גדעון, מיט זיינע לפידים. אין יענע צייטען זיינען מיר נאָך געוועזען איגנאָראנט ווי אמאָל די מדינים; היינט איז אן אנדערע צייט. ווי איהר זעהט שוין פון דיעזען בוך, זעהן מיר אייך דורך־און־דורך. מיר זעהן אייער העברעיש אין פּאַלעס־טינע איז אין א קלענליכע לאגע וואָס פערערגערט זיך פון טאָג צו טאָג.

מיר זעהן ווי די ענגלישע טאָלקים שלאָגען אייך איבער די קעפּ. מיר זעהן אז אייער בעציהונג מיט די בעאַמטע פון דער רעגיערונג צווינגט אייך (טראָץ די אָפיציעלע אנערקענונג פון העברעיש) צו זיי צו קומען מיט א געשליפענעם ענגליש אויב איהר ווילט דערגרייכען אייער צוועק. מיר זעהן אז איהר גיבט ארויס צייטונגען אין צוויי שפּראַכען, דאָס ווייזט שוין אז העברעיש טרייסעלט זיך אין אייער פעסטונג. מיר זעהן ווי מען זוכט אייער העברעיש צו ראַטעווען פון חלשות דורך טוישען דעם אלף־בית פון תנ"ך אויף דעם לאַטייניִשען, א טהאַט־זאַך וואָס וואָלט פּערניכטען די גאַנצע לעבענס פּראַצע פון אליעזר בן יהודה, און מערקווירדיג איז עס, דאָס דער דאָקטאָר פון דיעזע חלשות טראַפּען איז דער ז'הן פון טאַטען אליין, איתמר איז זיין נאָמען. מיר זעהן אז צוליעב קאָמערציעלע אורזאַכען לייגט מען העברעיש אויף דער פּאָליצע און מען בעדיענט זיך מיט איינע פון די כשר'ע 39 שפּראַכען און, צוליעב נדבות פון יודישען פאָלק מוז מען זיך בעדיענען מיט דעם טריפה'נעם יודיש. — דאָס רופט איהר פּראָגרעס?

ווי אזוי קענט איהר זאָגען אז העברעיש האָט אויפגע־האַלטען דאָס יודישע פאָלק אין גלות פון אונטערגאַנג ווערהרענד איהר ווייסט דאָך אז עס פערשטעהט אפילו נישט דעם סידור פון וועלכען עס דאַווענט? הערט איהר נישט ווי דער בעל־תפילה צעהרגעט די עברי ביים עמוד און אלע זאָגען איהם נאָך? ווילט איהר זאָגען אז ווען אן "אחד מין העיר" האָט געקאָנט אביסעל העברעיש האָט ער געראַטעוועט די גאַנצע שטאָדט פון אונטערגאַנג? איז עס נישט א פאַקט אז אזא "אחד מן העיר" האָט זיך געלערנט דאָס ביסעל העברעיש בעהאַלטענערהייט אויפ'ן בוידעם? איז עס נישט א פאַקט אז מען האָט נאָר

געקאָנט לערנען העברעיש בעהאַלטענעהייט ווייל דאָס פאָלק האָט געזעהן אז די וואָס קענען העברעיש דאַוונען נישט מעהר?

איז עס נישט אַ פאַקט אז יעדער מגיד, יעדער דרשן וואָס פלעגט קומען אין אַ שטאָדט עפּעס זאָגען האָט ער עס געזאָגט אויף יודיש? וויפיעל מאָל האָט זיך געהערט אויף די ציוניס־טישע קאָנגרעסען אַ געשריי "רעד יודיש!" נאָכדעם ווי די געדולד האָט געפּלאַצט אינמיטען אַ העברעישע ריידע? קענט איהר אויפצעהלען וויפיעל מאָל סאָקאָלאָוו האָט געמוזט אינ־מיטען אופהערען ריידען העברעיש און ענדיגען אין יודיש? אָדער וויפיעל מאָל מען האָט איהם צעשטערט מיטינגס אין רוסלאַנד ווייל ער האָט זיך איינגעשפּארט און נישט געוואָלט נאָכגעבען?

"יודיש האָט נישט קיין איינענע פּסיכאָלאָגיע" זאָגט איהר? פון וואַנען לערנט איהר אַז אַ יעדע שפּראַך מוז האָבען אַ איינענע פּסיכאָלאָגיע? איז פּסיכאָלאָגיע דאָס פּריוואַט איי־גענטום פון אירגענד וועלכע שפּראַך? אויב יעדע שפּראַך מוז האָבען אַ טייל פון דער וועלט־פּסיכאָלאָגיע מיינט איהר צו זאָגען אַז יודיש האָט נישט איהר טייל איפּצואווייזען? ווען אַ פערליעבטע מאַמאַ שרייט אויס: "אוי זינענו"! גיעסט זיך נישט ארויס אַ שטראָם פון פּסיכאָלאָגיע אויס דיעזע צוויי ווערטער אַליין? ווען איין פערליעבטע יודישע נשמה רופט די אַנדערע "מיין קעצעלע" און די אַנדערע רופט צוריק "מיין טייבעלע" איז דאָס נישט פּסיכאָלאָגיש? האָט איהר געלייענט "מאָניש" פון פּרץ, "אַ טרייסט־געזאַנג" פון ווינטשעווסקי, די ווערק פון ראָ־זענפעלד, שלום עליכם, די יודישע ליעדער פון ביאַליק, זעליקאָ־וויטש, גאָרדין און פּיעלע אַנדערע, און נישט געפינען אין זיי קיין פּסיכאָלאָגיע. איז דען פאַראַן אַ מעהר הערצגרייפענדע

פסיכאָלאָגיע ווי די פון א פאָלק ועמענס גאַנצע געשיכטע איז געשריבען אויף זיין הויט מיט דעם בלוט פון זיין אייגענעם קערפּער? און איהר, שונאים פון יודיש ווייסט נישט דערפון? אויב יאָ, זיינט איהר נישט היפּאָקריטען דאָס צו פערלייקענען?

"יודיש ענטהאַלט נישט די אוצרות פון דער יודישע טראַדיציאָנעלע קולטור" זאָגט איהר? אונזערע מאַמעס האָבען אונז שוין דאָס איבערגעגעבען פון דער צאנה וראנה און פון דעם מנורת המאור. אין חדר האָבען מיר שוין מעהר דערפון גע־לערנט דורך דער יודישע שפּראַך. מיר האָבען דאָס געלערנט מיט כונה, מיט דרך ארץ. מיר האָבען געלערנט לשון קודש נישט אייער פאַבריצירטען העברעיש. מיר האָבען געלערנט אַז לשון קודש איז קודש ווייל זי ענטהאַלט נישט קיינע דברים בטלים. אָבער, וואָס טהוט איהר מיט די אוצרות פון יודישע קולטור? וואַרפט איהר זיי דען נישט אַרויס דורך די פענסטער אויף דעם הויפען מיסט אין גאַס? די גמרא האָט איהר אַרויס־געוואָרפען פון אייער סקול סיסטעם, די ביבעל לערנט איהר נישט מיט אייערע קינדער, די וועלט גרויהמטע מאַזאַישע שפּיי־זען געזעצע האָט איהר פערוואָרפען און שלום געשלאָסען מיט׳ן חזיר אַנשטאָט. און איהר זוכט דאָס ביי אונז די אוצרות וואָס איהר פערלאַכט און פערשפּאָטעט? פינסטערלינגע וואָס איהר זיינט!

איהר זיינט פערלאָפען אונזער וועג און איהר האָט אויסגע־נאַרט אונזער בכורה ביי די ענגלישע גאָווערנמענט מען זאָל אַנערקאָנען העברעיש אַלס די שפּראַך פון יודישען פאָלק -- איז העברעיש די שפּראַך פון יודישען פאָלק? ווי פערגלייכט זיך די צאָהל פון די העברעיש ריידענדע יודען צו די יודיש ריידענדע יודען? איהר האָט דעם שווינדעל פאָלבראַכט אויף דעם סמך

פון לשון קודש, און באלד דערנאך זיך גענומען מחלל זיין די קדושה פון דעם לעגאלען לשון.

איהר בעדיענט זיך געגען יודיש מיט דער ברוטאלע פויסט ווייל איהר קענט איהר נישט בעזיעגען מיט אייער אינטעלעקט, פונקט ווי היטלער טהוט מיט אלעם וואס שטעהט העכער פון איהם. מיר האבען אייך דא בעוויזען ווי קראנק אייער העברעיש איז, און ווי געזונדט יודיש איז; יעצט בלייבט אונז נאך אויפ־צורופען נאך איין עדות וועלכען איהר קאנט נישט מבטל זיין. זיין נאמען איז: בן יהודה, דער כהן גדול פון אלע קוואטש־מייסטער אין דעם פעראונרייניגטען הייליגען לאנד. אין זיין געשפרעך מיט דר. קאטצענעלסאן זאגט ער:

"די טערקישע (היינט די ענגלישע) שפראך וועט זיכער זיין די ריידענדע שפראך פון דער יודישע אינטעליגענץ אין פאלעס־טינע. מיט דער צייט וועט צוקומען א גרויסע יודישע איינ־וואנדערונג און דיזע וועלען זיכער בילדען א יודישן צענטער ווי זיי טוען אין אמעריקע און אין אנדערע לענדער. די העברעישע שפראך וועט זיך דעמאלט געפינען צווישען צוויי פייערען. זי וועט נישט קענען בעשטעהן דעם כח פון דעם זשארגאן. מען פיהלט שוין זאגאר יעצט ווי די העברעישע שפראך טרייסעלט זיך. דער שטוינענדער כח החיים וואס דער שזארגאן האט וואלט אויפגעטועז וואונדער. ער וואלט אין גיכען בעצווינגען די שטאלצע ספרדים, די מערבים, די גרוזנער, די תמנים און די בוכארער צו ריידען יודיש".

אט צו פערהיטען די שטאלצע ספרדים, די מערבים, די גרוזנער, די תמנים און די בוכארער פון אזא אונגליק האט איהר זיך אוועקגעשטעלט מיט דער פויסט געגען דעם "שטוי־נענדען כח החיים פון יודיש" ווי היטלער געגען דעם יודישען

פאָלק? ווער זיינען דאָס די דאָ אויסגערעכענטע שוצלינגע אייערע וואָס איהר ווילט ראַטעווען פון אַזאַ אונגליק? ווי גרויס זיינען זיי אין צאָהל? ווי שטאַרק זיינען זיי בכח צו אויפבויען ארץ ישראל אָהנע די הילף פון דעם יודיש רײדענדען פאָלק? אויב יאָ, פאַרוואָס קומט איהר צו אונז שנאָרען אויף יודיש? אפשר וואָלט דער אונגליק פון וועלכען איהר ווילט זיי ראַטעווען געוועזען זייער גליק? זעהט איהר נישט ווי מיר שלאָגען אייך צוריק מיט אונזער גאַנצען "שטוינענדען כח החיים"? איהר האָט אָבגעשניטען אונזער בעציהונג מיט אייך און אויס זעלבסט רעספּעקט קערען מיר אונזער פּנים אַוועק פון אייך.

מיר קויפען נישט אייערע פּראָדוקטען, מיר קומען נישט צו אייך צוגאַסט, און מיר ספּענדען אונזער געלד דאָרט וואו מיר זיינען פריי, און פיהלען נישט אייער פּרעכהייט. עס זיינען דאָ אין דער יונייטעד סטייטס 4 מיליאָנען יודען, ווען יעדער פון זיי וואָלט געבען בלויז איין דאָלאַר אַ יאָהר, ווען אַ העלפט פון זיי וואָלט פּאַטראָניזירען אייערע פּראָדוקטען, ווען מיר וואָלטען קומען אַלע יאָהר צוגאַסט צו אייך און געספּענד ביי אייך די געלד וואָס מיר ספּענדען אַנדערשוואו, שטעלט אייך פאָהר וואָס איהר פערלירט. איז דאָס נישט אַ געזונדטער שטויס צוריק געגען אייער אונפערשעהמטע חוצפּה?

אמת, אַז נישט אַלע 4 מיליאָנען יודען אין דער יונייטעד סטייטס רײדען יודיש. אַ העלפט פון זיי געוויס יאָ. וואָלט דען נישט דער איינפלוס פון איין העלפט געווירקט אויך אויף אַנדערע העלפט? איהר האָט אונזער אינטערעסע צו אייך נייטראַליזירט, די הילף וואָס איהר האָט נייטיג פון אַמעריקע ווערט קלענער מיט דעמזעלבען גראַד ווי עס שטערבען אויס דער עלטערער דור און זייערע קינדער געהן אריין אין שמעלצ-

טאָפּ. אייער איינציגע האָפנונג איז די יודיש ריידענדע יודען, און פון דיעזע האָט איהר אייך אָבגעשניטען. זאַנגוויל האָט געזאָגט צו לושיאַן וואולף: "דאָס יודיש ריידענדע פאָלק איז דעמאָקראַטיזירט געוואָרען, עס וויל מען זאָל צו איהם ריידען אין זיין לשון וואָס ער פערשטעהט, און וויל זאָגען א דעה איבער זיינע אינטערעסען" און ער האָט ריכטיג געזאָגט. פיעלע פון די יודיש ריידענדע יודען לויפען דערפאַר אין קאָמוניסטישען לאַגער, וואו זיי קענען ריידען אונגעצוימט, איידער אין די ציוניסטען פעראיינע, וואו זיי מוזען שווייגען. צווישען אונז גערעדט — איז דען פאַלעסטינע א לעזונג צו דער יודענפראַגע? איהר קענט דערצעהלען דעם ווינד אַז דאָרט איז דאָ פּלאַץ פאַר מיליאָנען, א בעל־שכל ווייסט בעסער, טאָ וואָס איז דער יחוס מיט אייך?

פאַלעסטינע, אַזוי ווייט ווי זי שטעהט אונטער די ענגלישע מאַכט, איז קוים 9000 קוואַדראַט מיילען גרויס, אָדער מיט 341 קוואַדראַט מיילען קליינער אַלס ניו־העמפּשייער, איז בעפעלקערט מיט א פּאָליגאַמישע בעפעלקערונג וואָס איז בשעלאָסען קיינמאָל צו צולאָזען א יודישע מאַיאָריטעט, אפילו מיט געוואַלד, ווי מיר האָבען שוין געזעהן. ווען זאָגאַר דאָרט וואָלט נישט געווען קיין אַראַבער, איז דאָרט נישט דאָ קיין פּלאַץ פאַר א פירטעל פון יודישען פאָלק, בפרט נאָך, אַז די קריסטליכע און מאַהאָמעדאַנער וועלט האָט דאָרט גרויס אינטערעס פאַלעסטינע נישט גאַנץ איבערצולאָזען צו די יודען. אימער וועט פאַלעסטינע דאַרפען עקזיסטירען אויף דעם חסד פון א וועלט־מאַכט, אָדער גאָר וועלט־מעכטע. דאָס פערקירצט שוין דאָס צו־קליינע לאַנד בעדייטענד נאָך קליינער.

ווען פאַלעסטינע זאָל זיך דערוויייזען א לאַנד פון פּראָספּע־

ריטי (?) וועלען אוודאי איינוואנדערען פיעלע פרעמדע וועלכע איהר וועט נישט זיין בכח צוריקצוהאלטען, ערשטענס ווייל איהר וועט דארט קיינמאל זיין א זעלבסשטענדיגעס פאלק, און וועט שטענדיג מוזען האבען די צושטימונג פון דער נישט יודישע אויבערמאכט וואס שוצט אייך. דאס מאכט שוין ווידער דאס צו־קורצע לאנד נאך קירצער.

אלזא, פאלעסטינע איז נישט א לעזונג פון דער יודענפראגע, נישט אפילו פאר די יודען אין פאלעסטינע גופא, ווייל דריי רעליגיאנען פון הונדערטע מיליאנען האבען דארט א חלק, טא פון וואנען נעהמט זיך צו אייך אזויפיעל חוצפה?

חוצפה אהנע שכל האט איהר. איהר האט איבערגענומען א ממשלה אהנע פיס און זיך אנגעטוען הערנער צו שפיעלען די ראלע פון ווילדע אקסען. געארמט מיט מיידלעך זינגענדיג שפאצירט איהר תשעה באב צום כותל מערבי צו שטערען די פרומע זיך אויסצוואויינען זייערע הערצער — רופט איהר דאס רעליגיאנס פרייהייט? אפילו אין פינסטערן רוסלאנד, אונטער די צארען, האבען די פרומע געהאט מעהר פרייהייט.

די אנטיסעמיטישע וועלט האלט אפען איהרע אויגען אויף אייערע מעשים, און זיי שעפען פון אייך מאטריאל פאר זייער אייגענעם קאמף געגען אונז. איהר זיינט אלזא נותנים יד לפושעים. זיינט איהר נישט חסר דעה ווען איהר זעהט דאס נישט?

מיר האבען פרייהייט צו ריידען יודיש אין דער גאנצער וועלט גארנישט אין אונזער (?) אייגען לאנד. עס איז נישט אונזער פאר אזוילאנג ווי איהר זיינט דארט. ארץ ישראל איז פיר ישראל, נישט פאר פושעי ישראל. די רעליגיעזע וועלט האט עס אונז געגעבען אויף דעם שטר פון דער ביבעל וועלכע

איהר האָט פערוואָרפען, ווי קומט איהר דאָרט אהין, און נאָך מיט אַזויפיעל חוצפה? מיט רעכט רופט דער פרומער יוד צווי־שען אייך "אלהים באו גוים בנחלתך!"

מיר האָבען דאָ בעוויזען אַז אינצווישען דעם קאַמף פון די וועלט־שפראַכען מוזען אַלע שוואַכע שפּראַכען בעזיעגט ווע־רען, מכל שכן נאָך אַזאַ נייער קוואַטש ווי אייערער. מיר האָבען דאָ ציטירט בן יהודה אַז ער איז מודה דאָס די יודישע שפּראַך האָט אַ שטאַרקען כח החיים וואָס קען אויפטוען וואונדער, דער פאַקט דאָס זיין זוהן (איתמר בן אבי) זוכט אריינצופיהרען די העברעישע שפּראַך אין דעם לאַטייניישען אַלפאַבעט אריין צייגט אַז ער זעהט די אונפּראַקטישקייט פון זיין טאַטענס מלאכה און אייער קוואַטשעריי. דאָס שטימט מיט אונזער בעהויבטונג אַז אייער העברעיש בלייבט אין תפיסה און קען נישט אַרוס אויף דער פרייע וועלט.

מיר האָבען דאָ אַנאַליזירט די העברעישע שפּראַך צו פּרו־בירען איהרע כחות נאָך צו שפּאַנען דעם פּראָגרעס פון דער וויסענשאַפט און ציוויליזאַציע, ווי איהר אַליין קענט זעהן, איז זי שעהן ווי די שעהנהייט אַליין אָבער זי קען זיך נישט ריהרען פון אָרט.

אַלזאָ, וואָס בלייבט פאַר אייך צו טוען? אויב איהר האָט דאָ געלערנט וואָס דער שכל פאָדערט פון אייך, און פון אַלע פערנונפט זוכענדע מענשען איז, איהר זאָלט העלפען די יודישע שפּראַך אין איהר קאַמף געגען איהרע שונאים וויל, ווי איהר האָט שוין דאָ געזעהן, קען דאָס יודישע פאָלק נישט איבערלעבען דעם טוידט פון דער יודישע שפּראַך. ווען איך האָב דאָ געזאָגט אַז "אויב דאָס יודישע פאָלק וועט אַמאָל אונטערגעהן, וועט עס קריעגען אַן ענגליש ריידענדע לויה" האָב איך עס געמיינט אַלס אַ טרויעריגען אמת. נישט אַלס אַ וויץ.

אַ וויכטיגע פערנאַכלעסיגטע פראַגע

מיר האָבען פילאָלאָגען אָבער קיין פילאַלאַג מיט א געפיהל פיר דאָס זאנפטע, צארטע, ווייכע, און געמיהטליכע. אנשטאט דאָס, האָבען זיי די יודישע שפראך פערהארטעט און פערהיקעט.

די פאָלגענדע אָבהאנדלונג איז געדרוקט געוואָרען אלס פאָררעדע צום צווייטען באנד פון מיין ענציקלאָפעדיע. מיין זעליגער פריינד פרץ וויערניק וועלכער האָט אין "מאָרגען זשורנאל" דיזע אָבהאנדלונג געגעבען זיין פאָל־שטענדיגע צושטימונג, האָט זיך צו מיר געאייסערט אז ער האָפט איהר צו זעהן אָבגעדרוקט פאר א ווייטערען קרייז לעזער. אזוי איז אויך געוועזען דער וואונש פון מיין זעהר אינטימען פריינד פראָפ. זעליקאָוויץ ע"ה און איך בעדויער זעהר וואָס זיי האָבען דאָס נישט דערלעבט. זאָל היער זייערע נעהמען דערמאָנט ווערען מיט תנצב"ה.

א וויכטיגע פערנאכלעסיגטע פראגע

די יודישע שפראך האט שוין ב"ה א בעדייטענדע מאדערנע ליטעראטור פון פיעלע טעגליכע, וועכענטליכע, מאנאטליכע, און צופעליגע צייטשריפטען אין כמעט אלע וועלט־טיילען; א צאהל פון ווערק איבער פיעלע צווייגען פון וועלטליכע און יודישע ליטעראטור; נאר איין פראגע, די וויכטיגסטע פון אלע—די שפראכ־פראגע—וועלכע פערדיענט דעם ערשטען פלאץ אין יעדע ליטעראטור, איז נאך ביז דעם היינטיגען טאג, כמעט ווי גארנישט פאר דעם יודישען לעזער בעהאנדעלט געווארען. דער פועל יוצא דערפון איז: דאס פאלק האט אורזאך צו ריירען אזוי שלעכט ווי עס רעדט, און ווען יודישע שרייבער שרייבען ווי דאס פאלק רעדט, מוז, נאטירליך דער פארטשרייטענדער גייסט פון דער יודישע ליטעראטור, בלייבען איינגעהאלטען אינצווישען די גרענצען פון א קליינעם רונדען קרייזעל.

די פאאר פראבען וואס זיינען געמאכט געווארען א' אין "פנקס", ארויסגעגעבען פון שמואל ניגער, זעהען אוים אין די אויגען פון א פאכמאן ווי א בית־עלמין פון טוידט־געבוירענע קינדער. אויך פון די איניגע פראבען וואס זיינען געמאכט געווארען ארויסצוגעבען א יודישע ענציקלאפעדיע, איז נישט צו זעהען אפילו איין פאכמאנישע האנד ביי דער ארבייט. אלס מוסטער ווערט דא איבערגעדרוקט איין ארטיקעל פון דער

פראַבע וואָס געמאַכט געוואָרען אין וואַרשא, אין 1917, און ארויסגעגעבען פון "מאָמענט". דער ערשטער איז זייערער, און דער צווייטער איז ווי ער האָט געדאַרפט זיין.:

אַלטערטום:

ז' אַלטע צייט וו', תקופה פון נאָך דער פאַרהיסטאָרישער צייט ביז'ן צופאַלען פון דער מערב־רוימישער מלוכה 476; פון דעם יאָהר הייבט זיך אָן דאָס מיטעלאַלטער. קלאַסיש א., די צייט פון די אַלטע גרעקען און רוימער. א.־וויסענשאַפט רופט מען די פאָרשונג און שילדערונג פון דער געשיכטע, שפּראַך און ליטעראַטור, קונסט און וויסענשאַפט, רעליגיע, מלוכה־רעכט, געזעצען און מנהגים פון א., בעזונדער פון קלאַסישען א. אַלטערטימער אָדער אַנטיקוויטעטען הייסען די איבערגעבליבענע חפצים פון קונסט און אינדוסטריע, אויך די איינריכטונגען אין עפענטליכען און הויזליכען לעבען פון די פעלקער פון אַלטערטום.

דערזעלבער אַרטיקעל לויט אונזער אומשרייבונג וועט זיך לעזען אזוי:

די פאַהר־היסטאָרישע צייט, ביז דעם אונטערגאַנג פון דער וועסט־רוימישע מלוכה (476). מיט דעם סוף פון אַלטער־טום הויבט זיך אָן דאָס מיטעל־אַלטער. "קלאַסישעס אַל־טערטום": די צייט אין וועלכער עס האָט געבליהט די קולטור פון די אַלטע גריכען און רוימער. "אַלטערטומס־וויסענשאַפט": שילדערונגען פון דעם קולטורעלען לעבען אוים יענער צייט. "אַלטערטימער": די איבערגעבליבענע קונסט־זאַכען פון די פעלקער אוים יענער צייט, פון וועלכע עס געפינען זיך יעצט פילע אין פערשיעדענע מוזעאומס (ז. "געשיכטע").

אין דיזער אומשרייבונג האָבען מיר ארויסגעלאָזען די צייכענס וועלכע געהערען אין א ווערטער־בוך, און אַזעלכע ווערטער וואָס קומען צום בעסערען נוצען אונטער דעם שטיכ־

ווארט "היסטאריע". וואו זיי שטעהן זיינען זיי בלויז א שטערונג צו דעם בעגריף וואס דער ארטיקעל זוכט צו שאפען. מיט אונזער אומשרייבונג האבען מיר זיך געהאלטען ביים שלעכטען אריגינאל ווייל, דא איז נישט דאס ארט צו קריטיקירען דעם אינהאלט נאר דעם סטיל. מיר האנדלען דא ארום די שפראכ־וויסענשאפט, און די שפראכ־וויסענשאפט האנדעלט וועגען דעם סטיל.

פערגלייכט מען די אויבינע צוויי ארטיקעל מיטאנאנדער, בעמערקט מען גלייך אז, טראצדעם וואס דער אינהאלט איז ביי ביידען עגאל, האט אונזער סטיל דערוויזען צו פארנעמען וויינ־ער פלאץ און צו געבען מעהר קלארהייט. קלארהייט איז די הויפטזאך פון סטיל אויב די שרייבער ווילען מען זאל זיי פער־שטעהן.

נאך א ביישפיעל:

אין 1932 האט זיך א קאליעגיום פון איבער א הונדערט אידישע פראפעסארען, דאקטוירים, היסטאריקער, און די גרעסטע אידישע שרייבער פון עוראפע און אמעריקע פערנומען צו ארויסגעבען א בעסערע יודישע ענציקלאפעדיע ווי די אונזערינע, וואס איז ארויס מיט צעהן יאהר פריהער. זייער טיטעל איז דערזעלביגער פון דעם אונזעריגען נאר מיט א צונאב אז זי איז די "איינציגע". דאס הייסט אן אמת אויף זייער שטיינער.

לאמיר אקארשט פרובירען צו פערגלייכען איין ארטיקעל אין ביידע ענציקלאפעדיעס: למשל, דעם ארטיקעל "אבעליסס", וואס לייענט זיך אין דער זייעריגער אזוי:



אָבעליסק – פיר־קאַנטיקער שמאָלער און לאַנגער שטיינערנער זייַל, וואָס האָט אַ פאָרם פון אַ פיראַמידע מיט אויסגעקריצטע פיגורן און שריפטן; געווען אויפגעשטעלט אין די טעמפּלען פון אַלטן מצרים. דער גרעסטער אָ׳, וואָס מען האָט ביז איצט געפונען, איז אויפגעשטעלט אויף דעם לאַטעראַן־פּלאַץ אין רוים. ער שטאַמט פון 15־טן יאָרהונדערט פ׳ קר׳ און האַלט 32 מעטער די הייך.

און דער אונזעריגער לייענט זיך אזוי:

אָבעליסק, (עגיפּ. "טכן") איין עגיפּטישע פיער־עקיגע זייל וועלכע פערמינדערט זיך אין דער בּרייט ארויף, און ענדיגט זיך אויבען מיט א פיער-קאַנטיגען קליינעם שפּיץ. דער נאָמען קומט פון גריכישען און בעדייטעט: "קליינער-שפּיץ". די עגיפּטער פלעגען דיעזע אויפשטעלען, פּאָאַר־ווייזע, ביים איינגאַנג פון זייערע טעמפּלען אלס מאָנומענטען פאַר זייערע קעניגע און קעניגינען. פלעגען דיעזע בעדעקען מיט היראָ־גליפישע שריפטצייטען וועלכע דערצעהלען, אָן ווען זיי עראינערן און וואָס זיי בעדייטען. דער עלטעסטער אָבעליסק וועלכער איז אונז בעקאַנט, געפינט זיך אין מאַטאַרריה. ער האַלט איבער 20 מעטער הויך, און

דער העכסטער האלט 28 מעטער הויך, ער שטעהט אין קארנאק. דער איז צום אנדענקען פון דער קעניגין "חענעמעט־אמון" אדער "חנמת-אמון". די מעהרסטע פון זיי זיינען געשטעלט געווארען אין דער 18טער און 19טער דינאסטיע. די רוימישע קייזער פלעגען דיעזע שלעפען נאך רוים. אוגוסטוס האט נאך זיין זיעג איבער עגיפטען, אריבערגעפיהרט צוויי פון העליפא־ליס. איינעם האט ער אוועקגעשטעלט אין צירקוס און דעם צווייטען אין זיין פאלאסט. רוים האט



יעצט 12 אבעליסקען פון וועלכע 9 זיינען בע־דעקט מיט היגראליפישע שריפט, 4 פון זיי זיינען צו שאנדע געמאכט דערמיט וואס מען האט אויף זיי דעם קרייץ ארויפגעזעצט. צווישען זיי איז פאראן איינער וואס האלט 47 מעטער הויך און רעדט וועגען קעניג "טהוטמאסעש" דעם דריטען, וועלכער איז געשטאנעןביים איינגאנג פון זונענטעמפעל אין טהעבען. איינער פון די 23 מעטער הויך, געהע־רענדיג צו רמסס דעם צווייטען. דיעזער איז פון מעהעמער אלי געשענקט געווארען צו די פראנ־

צוויזען. איינער פון "נמרוד" געפינט זיך אין ברי־טישען מוזעום. איינער, בעקאַנט אונטער דעם נאָמען "קלעאָפּאַטראַ'ס נאָדעל" שטעהט אויף דעם וויקטאָריאַ עמבענקמענט אין לאָנדאָן. אַ צווייטער, אַ חבר פון דיעזען געפינט זיך אין נויאָרקער צענטראַל־פּאַרק. — די געשיכטע פון די אָבעליסקען איז זעהר אינטערעסאַנט. די שטאָדט העליאָפּאָליס — דאָס ביבלישע "און" — איז אַמאָל פון די עגיפּטער גערופען געוואָרען האַ־רע — בית השמש, אָדער "עיר ההרס" אין העברעאיש. שפּעטער: "בען־בען־האַ" — דאָס הויז פון אָבעליסקען. ארום דעם טעמפּעל פון דעם זונען־גאָט זיינען גע־שטאַנען 6 אָבעליסקען. פון די אַלע איז בלויז איינער געבליבען שטעהן. די וועלכע הייסען "קלעאָפּאַטראַ'ס נאָדעל" האָבען נאָר קלעאָפּאַטראַ'ס נאָמען דערפאַר וואָס זי האָט זיי געהייסען אַראָב־רוימען פון זייער אָרט. די ענגלישע נאָדעל פון קלעאָפּאַטראַ איז אָנפאַנגס פון די ענגלענדער אונטער־שעצט געוואָרען. אַלס דער קהעדיוו האָט זי צו ענגלאַנד אָוועקגעשאָנקען האָט זיך ענגלאַנד מיט דיזער מתנה אַזוי ווייניג געפרעהט דאָס זי האָט איהר גע־לאָזען ליגען אין אַלעקסאַנדריאַ פאַר 10 יאָהר בלויז דערפאַר ווייל דער אַריבערפיהרען דערפון האָט גע־דאַרפט קאָסטען בערך 30,000 פונט. ערשט אין 1877 האָט איין ענגלענדער סער עראַזמוס ווילסאָן געשאַפט די געלד, איינגעפּאַקט און אַריבערגעבראַכט נאָך לאָנדאָן. אויף דעם וועג האָבען 6 פּערזאָנען זייער לעבען בעענדיגט אין דער ביי־אָוו־ביסקיי.

די ערשטע אילוסטראַציע גיט דאָס אויסזעהן פון אַ פּאָאַר אָבעליסקען אין פראָנט פון אַ זונען־טעמפּעל. די צווייטע, דאָס אויסזעהן פון דער שריפט מיט אַן איבער־זעצונג פון איין זייט צו געבען דעם סטיל פון דער

שריפט. ווי עס איז צו מערקען: געפינט זיך די שריפט געטיילט אין דריי שורות אויף יעדע זייט. יעדע לעזט זיך פון אויבען ארונטער. דיעזער אָבעליסק איז צו געפינען אין לאָנדאָן אויף דעם עמבענקמענט, ער ווערט גערופען "קלעאָפּאטרא'ס נאדעל", ער איז בע־שריעבען אין היראָגליפען־שריפט אויף דריי און א האלב זייטען, די איבערזעצונג איז פון דער ערשטע זייט אויף רעכטס.



ערשטע ציילע רעכטס: —

האָרוס (זונן) גאָט איבער דעם אָבערן און אונטערן (טייל פון) לאַנד, מעכטיגער (אַביר) אָקס; געקרוינטער אין טהעבע, מלך פון צפון דרום, רכן חפר, האָט גע־מאַכט זיין מצבה פאר זיין פאָטער הרימכו, האָט איהם געמאַכט צוויי גרויסע אָבעליסקען, די שפּיצען בע־דעקט מיט גאָלד, צום ערשטען מאָל ביים דרייסיג יעהריגען יאָהרצייט אזוי ווי עס האָט געבאָטען דער זוהן פון די זונן, טהאָטמעס דער 3טער, דער צור כל היצורים האָט דאָס געמאַכט אוים ליעבע צו הרימכו דעם אייביג לעבענדיגען.

צווייטע ציילע: —

דער האָרוס, פון אָבערן און אונטערן לאַנד, מעכטיגער אָקס, פון דער זונן בעליעבטער מלך פון אָבערן און אונטערן מצרים, רע־אשר־מה מיט דער צושטימונג פון דער זונן, גאָט פון יום־טוב, ווי פטע־תנן, זוהן פון דער זונן, רעמסס, בעליבט פון אמן, א שטאַרקער אָקס, ווי דער זוהן פון נו (אָזירים) וועמען קיינער קען ביישטעהן. דער גאָט פון צוויי לענדער. רע־אשר־מה, צוגע־שטימט פון דער זונן, רעמסס דער 2טער בעליעבטער פון אמן, געבער פון לעבען ווי די זונן.

דריטע ציילע: —

האָרוס פון אָבערן און אונטערן לאַנד, שטאַרקער אָקס, זוהן פון תם, מלך פון צפון און דרום, מלך פון דעם דיאַדעם (נזר) שוצער פון מצרים, שטראָפער פון פרעמדע פעלקער, זוהן פון דער זונן, רעמסס דער 2טער, בעליעבטער פון אמן, וועלכער שלעפּט דעם ים פון דרום צו דעם מעדיטעראַנעאַן ים, די צפון זייט צום הימעל, גאָט פון די צוויי לענדער רע־אשר־מה בעשטעטיגט פון דער זונן, רעמסס דער 2טער, געבער פון לעבען ווי די זונן.

אזוי ווי זייערע איז ארויסגעגעבען פון איבער הונדערט פראפעסארען דאקטוירים היסטאריקער א. ד. ג. און ווערט געלויבט אין "טאג" איבער גאנצע זייטען אלס א וואונדער גוטע ענציקלאפעדיע, איז כדי אבצושאצען דעם ווערט פון זייער ארטיקעל געגענאיבער דעם ווערט פון אונזער ארטיקעל.

די ערשטע פראגע איז: וואס איז אן ענציקלאפעדיע? אן ענציקלאפעדיע איז א קוואל פון וויסענשאפט. וויפיעל וויסענשאפט קענט איהר ארויסקריגען פון זייער ארטיקעל? באזיי הייסט עס: א "פיר קאנטיגער זייל, הויך און שמאל, געמאכט פון איין שטיין מיט א שפיץ אין דער פארם פון א פיראמידע"; ביי אונז הייסט עס: "איין עגיפטישער פיער עקיגער זייל וועלכער פערמינדערט זיך אין דער ברייט ארויף, און ענדיגט זיך אויבען מיט א פיער קאנטיגען קליינעם שפיץ. דער נאמען קומט פון גריכישען און בעדייטעט: "קליינער שפיץ". קוקט זיך איין אין דער אילוסטראציע און זעהט דעם אונטערשיד צווישעןביידע בעשרייבונגען צו זעהן ביי וועלכען איז די שפראך קלארער.

די צווייטע פראגע איז: וואס הייסט אן אלגעמיינע ענציקלאפעדיע? — אן ענציקלאפעדיע וואס גיט אויספיהרליכע אינפארמאציע. ווי פערגלייכט זיך די אויספיהרליכקייט פון ביידע ארטיקלען אונטער דעמזעלבען קעפעל?

די דריטע פראגע איז: ווי קומט עס, אז, אזא גרויסע רעדאקציע זאל נישט וויסען אז אבעליסקען זיינען געשטעלט פארווייז און נישט איינצעל?

די פירטע פראגע איז: אויב דער ארטיקעל פערדיענט נישט מעהר פלאץ, פארוואס איהם נישט אין גאנצען אויסלאזן? ער זאגט דאך סיי־ווי־סיי גאר נישט. איז דען נישט בעסער גוט שווייגען אלס שלעכט ריידען?

ווי קומט עס אז זיי ווייסען נישט די וויכטיגקייט פון די אבעליסקען, 1) פאר דער אידישער געשיכטע וואס איז ענג פערבונדען מיט מצרים, 2) פאר דער וועלטגעשיכטע, און 3) פאר דער קולטורגעשיכטע? וואלטען ענגלאנד, אמעריקא און איטאליען געספענט אזויפיעל געלד און מענשען-לעבענס זיי אריבער צו ברענגען פון מצרים ווען זיי וואלטען זיין אהנע ווערט? אונזער ארטיקעל איז דאך שוין געווען געדרוקט מיט 10 יאהר פריהער, ווי קומט עס אז זיי האבען נישט געמאכט א בעסערן פון דעם אונזעריגען?

פון דעם דאזיגען ביישפיעל אליין קענט איהר אייך שוין פארשטעלען ווי זייער גאנצע ענציקלאפעדיע זעהט אויס.

צוליעב דער אונבעקאנטשאפט מיט דער שפראכוויסענשאפט זיינען די איבריגע ארטיקלען אין זייער ענציקלאפעדיע אזוי אויבערפלעכליך און אונאינטערעסאנט ווי דער אויבעריגער. נעמט, צובייששפיעל, דעם ארטיקעל "כאזארען" פון דר. ברוצקוס. ער לייענט זיך אזוי אויבערפלעכליך ווי א צייטונגס ארטיקעל און צייגט קיין סימן פון דער אונגעהייער גרויסע וויכטיגקייט וואס די כאזארן-פראגע שפיעלט, זייט הוסטאן טשיימבערליין, ביי די היינטיגע זאגענאנטע "וויסענשאפטליכע אנטיסעמיטען" געגען אונזער פאלק. זיי בעהויבטען אז מיר, די יודען פון היינטיגען דור, זיינען די קינדער פון די כאזארען און דאס מיר האבען דערפאר קיין שיכות מיט די יודען פון משה און די נביאים'ס צייטען. דאס מיר זיינען פון די זרע ישמעאל. אלזא קיינע יחסנים, גלאט ציגיינער. דא, אין ברוצקוס ארטיקעל, האט זיך געפאדערט די דאזיגע בעהויבטונג גרינדליך אבצולייגנען און ארויסברענגען דעם אמת געאגראפיש, פילאלאגיש און היסטאריש ווי עס איז

געטהאָן געוואָרען אין מיין ענגלישען בוך : „איז דהי דזשואיש רייס פיור“. ברוצקוס אַרטיקעל איז פלאַך ווי אַלע אַנדערע וואָס האָבען קיין גרינדליכע קענטנים אין דעם כאַראַקטער פון ענציקלאָפּעדיסטישע וויסענשאַפט, וואָס איז אַ צווייג פון דער שפּראַכוויסענשאַפט.

דער סטיל זייערער איז ווי אַ שטעהענדער טייך פון שטאַרק מוטנע וואַסער, אָנגעבראָקט מיט העברעישע קלאָניצעס און פערקרימטע דייטשע שפּלינטער, פון וועלכע קיין לעזער קען ארויס אָהנע אַ צעדולטען קאָפּ. שטיכווערטער זיינען דאָרט פאַראַן וואָס האָבען קיין נוצען פאַר קיינעם, אַ חוץ אויסצופילען ליידיגען פּלאַץ. די פּראָפּאָרציע פון בילדער און טעקסט האָבען דעמזעלבען צוועק. צום בעווייז געבען מיר בלויז 5 שטיכווער־טער ארויסגענומען פון אַ פּאָאַר שפּאַלטען אין ערשטען באַנד, למשל :

„אטאמאראָ“ 10 ציילען זאַץ און בילד 33 ציילען
„אוטריליאָ“ 7 ציילען זאַץ און בילד 64 ציילען
„אויטאַקלאוו“ 6 ציילען זאַץ און בילד 28 ציילען
„אורי לעסער“ 18 ציילען זאַץ און בילד 120 ציילען
„אויערהאָן“ 7 ציילען זאַץ און בילד 13 ציילען

און זאָ ווייטער, און זאָ ווייטער און ווייטער עד לחורבן.

אילוסטראַציעס אין אַן ענציקלאָפּעדיע ווערען געגעבען בלויז צו העלפען ערקלעהרען דעם טעקסט. דאָס מיינט אַז דער טעקסט איז דער עיקר און די אילוסטראַציע האָט נישט קיין „מוז“. ביי אונז האָט אורי לעססער 86 ציילען מיט זיין פּאָרט־רעט וואָס פאַרנעמט פּלאַץ פון 14 ציילען. דאָס קאָמישע דאַביי איז וואָס זייער „אויערהאָן“ האָט קיין אויערען. דאָס זעהט זיך אויס זייער אייגען בילד. ביי אונז הייסט ער „אורהאָן“ ווי דאָרט איז ערקלעהרט.

אבער ווער פערלאנגט דען שכל פון קליינע קינדער וואס שפיעלען זיך אין "טאטע־מאמע" און באקען ברויטעלעך פון זאמד און וואסער ?

די לאנגוויילינע ליטעראטור און איהרע פאלגען

און דערפאר ווייל עס איז אזוי ווענינ געשאפען געווארען אויף דיעזען געביעט, אין דער יודישע שפראך, איז די יודישע ליטעראטור אזוי מאט און לאנגוויילינ. בעת לעזער פון פרעמדע שפראכען לעזען זייערע קלאסיקער פיעלע מאל און פיהלען קיינמאל געננוג, געפינען מיר זעלטען א יודישען לעזער וועלכער זאל אדורכלעזען אלע ווערק פון איין יודישען קלאסיקער, חאטש איינמאל. יענער ווערט, לעזענדינ איין ווערק, אויפ־גע'חשקט צו לעזען נאך א ווערק און, א אונזריגער ווערט איינגעשלאפען לעזענדינ דאם איינע. אפילע די יודישע שרייבער זעלבסט לעזען נישט איינער דעם אנדערענס שריפטען, אפטמאל אויך נישט זייערע אייגענע, אויב זיי ווילען נישט איינשלאפען.

אין א צייט ווען אלעס לויפט און יאגט איבעראנאנדער, ווען די געלאסענהייט און די געמיהטליכקייט ווערען געשמיסען פון די ראשענדע כוואלעס פון הינטען, און די טויבענדע ליארמענדע קולות פון מאשינען אויף ביידע זייטען אוירען, מיט די פליהענדע אייזערנע אשמדי'ס איבער'ן קאפ; אין אזא צייט לאזט די גערולד נישט מעהר לעזען, די לאנג אויסגעצויגענע ליטעראטור וואס האט קיין לעהרע און קיין נוצען. לעהרע און נוצען קאן מען נאר האבען פון ארטיקעל וואס זיינען געשריבען אין א פליעסינגען און פלייסיגען סטיל. די געשיכטע פון דער יעצטיגער יודישע ליטעראטור צייגט אז זי געהט לעצטענס ארונטער און נישט ארויף. עס ערשיינען אין דיעזע צייטען אימער

נייע זשורנאלען און זיי געהען אונטער ווייל דער סטיל איז דער אלטער. דער פאקט וואס יעדער נייער נומער פערקויפט זיך בעסער אלס דער לעצטער בעווייזט, אז דאס פאלק זוכט עפּעס אינטעלעגענטערעס, נאר עס קריעגט נישט.

דער בוכהאנדעל איז היינט טוידט, אבער די לעזער פילען די טעאטערע און אנדערע פערגעניגענס-פּלעצער. די צייטונגס-לעזער לעזען נישט מעהר ווי די קעפּלעך נייעס, ווייל דער אינ-האלט פון די לאנגע ארטיקעל איז זיי שוין לאנג בעקאנט. לויט דעם לעצטען צענזוס זיינען דא אין דער יונייטעד־סטייטס איבער צוויי מיליאן יודען וואס ריידען יודיש, דער בוכהאנדעל איז טוידט ווייל ער האט נישט קיין לעבעדיגע סחורה פאר'ן מארק. "זאלען נאר זיין לעזער, קיין שרייבער פעהלען ניט" זאגט ניגער אין טאג. דאס הייסט אז מיר האבען שוין מעהר שרייבער ווי לעזער. וואו ליגט די שולד? ווארום מאכט מען נישט נייע לעזער? ווארום ענטלויפען אידען פון דער אידישע ליטעראטור איידער זיי פערשטעהען נאך צו לעזען רעכט ענגליש? ווארום ענטלויפען נישט די אמעריקאניזירטע איטאליענער, דייטשען, פראנצויזען פון זייער ליטעראטור אפילו ווען זיי אדאפּטירען די ענגלישע ליטעראטור אויך? ווארפט מען ארויף די שולד אויף די רעסטריקטיווע אימיגראציע, איז דאס בלויז א פוילער תירוץ. עס קומען נאך היינט צעהנדליגע טויזענדע אימיגראנטען יעהרליך אין די יונייטעד סטייטס. קיינמאל, און אין קיין לאנד האבען זיך געפונען אזוי פיעל אידען קאנצענטרירט ווי אין דער יונייטעד סטייטס, קיין געלד האט קיינמאל נישט דא געפעהלט; אלזא א גוט פעלד פאר גוטע שרייבער; אלזא, פארוואס מאכען זיי נישט נייע לעזער? פארוואס ווערט דער יודישער לעזער־קרייז טאג־טעגליך קלענער? פארוואס שעהמט זיך א געלעהרטער איד

צו נעמען אַ אידיש בוך אין האנד? מען האָט שוין פּראָבירט פּאַרנאָגראַפּיע אָבער עס ריהרט זיך נישט פון אָרט. דער יודישער לעזער האָט איבערגעוואַקסען, די אינטעליגענץ פון זיינע שרייבער, זיין געשמאַק האָט זיך געהויבען און זיינע לעהרער זיינען גע־פאַלען, זיי האָבען לעצטענס גענומען שרייבען תחינה-לשון, דערפאַר מוזען זיי יעצט זאָגען "מעבור יבוס".

אומפּאָטענץ און אימפּודענץ

און אזוי לאַנג ווי דיעזע פּראַגע— די שפּראַכ־וויסענשאַפט —וועט בלייבען פערנאַכלעסיגט מוז אויך די יודישע שפּראַד, און די יודישע ליטעראַטור, בלייבען הפקר. ווער עס האָט קיין קענטניס, אויב ער האָט נאָר חוצפּה, קאָן ער לייכט פערנעהמען אַן אויבען־אַן אין אַזאַ הפקר־וועלט. אזוי איז טאַקי דער פאַל מיט דער יודישע ליטעראַטור ביי דער היינטיגע צייט. לייטע וועלכע האָבען קיין אַנדערע שפּראַך אַ צוטריט פערנעהמען דאָ די גאַנצע דעה, ווי זיי וואָלטען זיין די בעלי־בתים פון דער יודישע ליטעראַטור. זיי קריטיקירען מיט אַ פערניכטענדע חוצפּע, ווערקע וועלכע זיינען אַנערקאַנט פון פאַכמענער אלס לויבענס־ווערט. ווערקע וועלכע זיי פערשטעהען נישט, טויגען נישט. אויב אַ ווערק וויל זיין גוט, און קאָן דערפאַר זייער מיטאַרבייטער־שאַפט נישט געברויכען, מוז עס פערדאַמט ווערען. קומט אמאָל אריין אין דער יודישע ליטעראַטור אַ מאַן מיט קענטניס, בעפאַלט מען איהם מיט שטעקענעס, שטאָט מיט אַ שלום־עליכם. זיי זעהען אין יעדען ניי צוגעקומענעם, אַ קאָנקורענט, אבער נישט אַ העלפער. זיי ציטערען פאַר זייער אונפערדיענטע גדולה, און איבערהויבט פאַר דאָס וואָס אַזאַ גדולה טראָגט זיי אריין. די שפּראַכ־וויסענשאַפט איז פאַר אַזעלכע נישט ווילקאָמען, אויך

דערפאר, ווייל מען קאן אהן איהר, שרייבען לאנגע ארטיקעל מיט קליינעם אינהאלט. דאס איז לייכטער ווי געהען אויף דער עלטער לערנען סטיל, מיט א קרוינדעל אויפ'ן קאפ.

דער פרינציפ: "שרייב ווי דאס פאלק רעדט", גילט נאר פאר אזעלכע וואס פערשטעהען נישט בעסער צו שרייבען. דער וואס קאן בעסער שרייבען שרייבט אויך נישט ווי דאס פאלק רעדט. דאס פאלק אליין וויל אויך רײדען בעסער ווי עס רעדט. ווען עס הערט איינעם רײדען בעסער, ווייסט עס, אז דיעזער האט וואס געלערנט. דערפאר האט עס קיין רעספעקט פאר א שרייבער וואס שרייבט ווי דאס פאלק רעדט. א פאלק קאן נישט לערנען ביי איינעם וואס לערנט ביים פאלק. עס איז נישט דא איין פאלק וואס צאהלט אזוי ווענינ רעספעקט צו זיין פרעסע, ווי דאס יודישע פאלק. יעדער זעהט עס און יעדער בעטראכט דאס אלס א רעטעניש. "שרייב ווי דאס פאלק רעדט" איז דער פיתרון צו דיעזען רעטעניש.

קיין שפראך שרייבט זיך ווי דאס פאלק רעדט, יודיש אויך נישט. דאס איז איינפאך אונלאגיש ווייל, קיין פאלק האט אן איינהייט אין זיין ריידע. די פערשיעדענהייטען קומען נישט נאר פון די פראווינצען אליין, זיי קומען אויך פון די פערשיעדענע קלאסען אין יעדער שטאדט, אדער פראווינץ. פון דעם אונ־געבילדעטען ביז דעם העכסט געבילדעטען, זיינען דא פיעלע שטופען. לויט דעם סטיל פון זיינע רייד, מעסט מען דעם שטאנד פון זיין בילדונג. ווען איינער זאגט "בוריעד" און דער אנדערער זאגט "בארוד" וועט דער העברעער דערפאר נישט שרייבען אנדערש ווי "ברוד". ווען דער נויארקער זאגט "גוירל" און דער באסטאנער "גערל", וועלען זיי ביידע שרייבען Girl דערזעלבער דייטש וואס זאגט: "א יוטע יעבראטענע יאנץ" וועט שרייבען:

"איינע גוטע געבראַטענע גאַנז". אפילו דער האַלב־געבילדעטער יוד שרייבט אויך נישט "עד", אָדער "יאָד", אָדער "איש", נאָר "איד". דאָס ווייזט קלאָר אַז, וויפיעל אָדער ווענינ אַ יוד קאָן, שרייבט ער נישט מעהר ווי דאָס פאָלק רעדט. ער שרייבט נאָר ווי דאָס פאָלק רעדט, דאָרט וואו ער קאָן נישט שרייבען בעסער.

עס אמת אַז דער גאַסען־אַרטיגער סטיל, ווי דאָס פאָלק רעדט, האָט אויך זיין פּלאַץ אין דער ליטעראַטור; אָבער זיין רשות איז בלויז אַ לאָקאַלער, און זיין צייט האָט אַן ענגע גרענעץ. איהם געברויכען איבער דיעזע גרענצען איז מעשה־עם־הארץ. מענדעלע'ס סטיל געברויכען פאַר וויסענשאַפט איז אַ ביישפּיעל פון עם־הארצות וואָס ווערט געטריבען פון די היינטיגע שרייבער אין דער יודישע ליטעראַטור. זיי בעגרייפען נישט דעם אונטער־שיעד צווישען דער אַטמאָספערע פון אַ קלויז אין איישעשאָק צו דער פון אַן אַקאַדעמיע אין בערלין.

בטלנות'שע פילאָלאָגיע

און ווייל זיי פערשטעהען נישט ווי אַזוי צו פערבעסערען זייער סטיל, פעפערען זיי זייער שרייבעכץ מיט אַזעלכע הויכע העברעישע ווערטער אַז אַפילו אַ למדן מוז זיי זוכען אין אַ העברעישען ווערטער־בוך. דאָס קאָמישע דערביי איז, אַז ווען דער לעזער געפינט שוין אין ווערטער־בוך וואָס ער האָט געזוכט, זעהט ער דעמאָלט, אַז דאָס יודישע וואָרט וואָס ער געפינט אונטער דעם העברעישען איז איהם מעהר בעקאַנט אַלס דאָס העברעישע. טאָמער איז נאָך דערזעלבער לעזער אַ יודע־ספר, זעהט ער צוגלייך, אַז דער יודישער שרייבער האָט געברויכט דאָס העברעישע וואָרט אין דער יודישע שפּראַך, ווי אַן עם־הארץ. אַט למשל:—

"מלוכה־מאן": די אויבענדערמאנטע ענציקלאפעדיע (פון 90 זייטען) געברויכט דיזעם נייע בעשעפניש, פאר דעם ווארט "שטאאטס־מאן". יעדער יוד וואס וויסט נישט וואס שטאאטס־מאן מיינט, דער וועט דאס ווארט מלוכה־מאן נאך ווייניגער פערשטעהן. דאן איז דער אויסדרוק א זעהר שלעכטער אויסטויש פאר דעם ווארט "שטאאטס־מאן". ווייל, שטאאטס־מאן מיינט א פאליטיקער אדער א דיפלאמאט, וועהרענד א מלוכה־מאן מיינט: א יעדער בעאמטער פון דער מלוכה, פון א פאליציי־מאן ביז דעם קעניג אדער פרעזידענט. נאכמעהר, א שטאאטס־מאן קאן אויך זיין איינער וואס האט קיין אמט., איינער וואס גיט זיך אב מיט דעם שטודיום פון פראגען וואס האבען צו טוהן מיט דעם שטאאט, וועהרענד א "מלוכה־מאן" קאן מיינען בלויז: איינער וואס האט אן אמט אין שטאאט. דאן איז דער אויסדרוק אליין, אן־און־פארזיך, אונעסטעטיש און אויך בטלניש. עהנליך איז אויך דער אויסדרוק "סאציאליסטישע־תקופה". "תקופה" מיינט: צייט־ווענדונג אדער איבערגאנגס־צייט. איינער וואס וויסט וואס תקופה מיינט וויסט אויך וואס איבערגאנגס־צייט מיינט, אבער, נישט אלע וואס וויסען וואס איבערגאנגס־צייט מיינט, וויסען די מיינונג פון דעם ווארט תקופה. אונעסטעטיש איז אויך דיזער אויסדרוק דערפאר; ווייל, דער סאציאליזמוס וואס אונטערגראבט יעדע הייליגקייט פון דער רעליגיאן האט קיין רעכט זיך צו ציערען מיט די פעדערען פון א שפראך וועלכערס הייליגקייט איז דורכ־אוים רעליגיעז. "חלטות" איז נאך אזא אונגעלונגענער אויסדרוק ווי דער אויביגער. דיזער האט דריי בעדייטונגען און דער יודישער לעזער קאן זיי אלע דריי. דער ערשטער איז: "בעשטימ־ונג"; דער צווייטער: "ענטשלוס"; דער דריטער: "ענטשיידונג". אויף ווי וויט דיזע דריי אונטערשיידען זיך, קאן מען זעהען

פון דעם זאַץ:— אַן ענטשלוס צו בעשטימען אַן ענטשיידונג.

אַזעלכע, און הונדערטע עהנליכע נאַרישע שווערינקייטען ווערען דעם שוויינענדען יודישען לעזער אַריינגעשטאָפּט צווישען די צייל׳ען און בלעטער וואו מען הייסט איהם זוכען וויסענשאַפט. אויף דעם פאָדער־בלאַט זעהט דער עלענדער דאָס וואָרט וויסענ־שאַפט, און ווען ער קוקט אַריין אינווענדיג, געפינט ער: חלטות, תקופות, מלוכה־מאַן, בקיאות, פּלאַנעטיזעמאַלע השערות, יבשה־קול, סדר׳דיקע־האָמאָלאָגיע, בראשית׳דיקע אָפּקילונג פון דעם ערד־קוגעל, א.ז.וו., א.ז.וו. טאָמער איז נאָך דער אָרימער לעזער נישט אײַנגעשלאָפען, הייסט מען איהם נאָך כופל׳ן לאַרד קעל־ווינס ציפערן; און אַז ער קומט צו ענדע פון בוך, אָדער צו ענדע פון זיין געדולד, בלייבט ער ביי אַ צעדולטען קאָפּ און אַן אייז־קאַלטע מיסאַכטונג צו דער וויסענשאַפט. דאָס ערגסטע דערפון איז וואָס ער שעהמט זיך דעמאָלט אויסצוזאָגען אַז ער פער־שטעהט נישט, ווייל ער מיינט, אַז וויסענשאַפט מוז אַזוי געשריבען ווערען, און נישט אַנדערש.

צו אַלע אַזעלכע צרות האַלטען זיך דיעזע סאָרט שרייבער אויך פאַר פילאָלאָגען און זיי מאַכען נייע ווערטער. זיי ווילען נישט צוגעבען אַז די יודישע שפּראַך איז אַ דייטשער דיאַלעקט, און בכדי דאָס צו בעווייזען, צודרעהען זיי די דייטשע ווערטער וואָס דאָס פאָלק פערשטעהט, און רופען זיי צודרעהטערהייט, יודיש. אַט למשל: אומאָפּהענגיגקייט, באַארבייט, באַפּרוכפּערן, נעפּעל, נעבעלקייטען, פּלאַנעטעם, טאַנקעם, אָדער נעבולעם. טאָמער וואָלטען זיי שרייבען (ווי מען האָט געשריבען ביז יעצט): אונאָבהענגיגקייט, בעאַרבייטעט, בעפרוכטעט, נעבעל־פלעקען, פּלאַנעטען, אָדער נעבעל, וואָלט דאָך דאָס—גאָט זאָל שומר

ומציל זיין — הייסען דייטש; (אָדער ווי זיי רופען עס: "דייטש־מעריש"), און דער יודישער לעזער וואָלט נאָך חלילה פערשטאַנען וואָס ער לעזט. האָט מען פאַר איהם אויסגעשפּריצט "נעבולעס", און זיך בעהאַלטען אין "טאַנקעס", בכדי דער לעזער זאָל נישט זעהען, אז מען ווייסט נישט וואָס מען שרייבט.

וויוויט עס פיהלט זיך נויט פאַר דער שפּראַכ-וויסענשאַפט, קאָן מען זעהן פון דעם פאַקט: אז ווי נאָר זיי דערזעהען אז די וויסענשאַפט פאָדערט מעהר ווערטער ווי זיי קענען צודרעהען, לענען זיי שוין אוועק אַלע זייערע איינוועגדונגען געגען דייטש, און זיי נעהמען שרייבען עכט־דייטש צווישען די הויכע העברע־אישע, און דייטש פעריודישטע ווערטער. מען בעגעגענט צווישען די אויבען-דערמאַנטע שברי־כלים אויך אַזעלכע ווי: קאָלעקטיוועפאָרמען, ערקענטניס־טעאָריען, אָביעקטיוויטעט, עמפּירישער שטאַנד-פּונקט, סינטעטישער מאַניזמוס, קאָלעקטיוויסטישער פּראָדוקציאָנס־פאָרם א.ז.וו. וועלכע זיינען אַן־ און פאַרזיך נישט אויסער דעם וועג, נאָר, אין דער קאָמבינאַציע מיט יענע שברי־כלים, זיינען זיי אַ דעמאָנסטראַציע פון אונוויסען אין דער שפּראַכ־וויסענשאַפט. מיט אַזא אונוויסען קאָן מען נישט שאַפען אַ לעבענדיגע ליטעראַטור.

אַ פּאָאַר ווערטער וועגען סטיל

דער לעזער וואָס עפענט אוף אַ ווערק, זוכט ער דאַרין, ענטוועדער זיך צו אַמוזירען, אָדער דערפון עפּעס צו לערנען. פאַר דיעזען צוועק, מוז דער סטיל פון דער שפּראַך זיין, אונטערהאַלטענד און בעלעהרענד. סטיל מיינט: קלאָהרהייט אין דעם אויסדרוק פון אַקטיווען שכל. דאָס לאָזט זיך נאָר שאַפען דורך פּאַסענדע ווערטער לויט דעם געדאַנקענגאַנג פון שכל. אַ יעדעס

וואָרט מוז אויסדריקען דעם בעגריף פאַר וועלכען עס איז אדאַפּ־טירט. דער זאַץ מוז, דורך די צאָהל פון זיינע ווערטער טריי רעפּרעזענטירען די צאָהל פון בעגריפען וואָס שטעלען צוזאַמען די אידעע, אָדער דעם טייל פון דער אידעע. פון איין זייט צווינגט דער סטיל דעם לעזער צו פערשטעהן וואָס דער שרייבער וויל, און אויף דער אַנדערע זייט ווייזט ער דעם שרייבער זעלבסט אויב ער ווייסט וואָס ער וויל. דער סטיליסט געדענקט אימער אַז עס איז איהם גרינגער צו לעזען זיין שריפט אַלס די פון אַ פרעמדען. דערפאַר, אויב זיין בעוואוסטזיין איז קלאָהר (ד.ה. אויב ער ווייסט וואָס ער וויל), וועט ער אַכטונג געבען, אַז זיין סטיל זאָל זיין קלאָהר אויך פאַר זיינע לעזער. מיט אַזאַ סטיל ציהט מען די סימפּאַטיע פון דעם לעזער צום ווערק. מיט איהם וואַקסט דער חשק ביי יעדע צייל̇ע צום לעזען די פאָלגענדע צייל̇ען. מיעד ווערען קאָן מען נאָר ביי אַ סטיל וואָס האָט נישט דיזאַזיגע מעלות.

פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיש ווערט נאָכגעוויזען, אַז גראַד ווי ביים שטאַמלער עס איז פאַראַן אַ פיזיאָלאָגישער פעהלער, וואָס שטערט די געלויפיגקייט פון זיין ריידען, אַזוי איז אויך ביים אונקלאָהרען שרייבער פאַראַן אַ פעהלער אין זיין אינטעלעקט וואָס שטערט איהם אין דער קלאָהרהייט פון זיין שרייבען. מעג דיזער פעהלער קומען פון אונגעניעגענדע קענטניס איבער דאָס טהעמאַ וואָס ער שרייבט, אָדער דורך אַ שוואַכען זכרון, דער פאַקט בלייבט, אַז די אונקלאָהרהייט פון זיין סטיל צייגט אַ פעהלער אין זיין אינטעליגענץ. דער פעהלער איז: די אונקלאָהרהייט פון זיין בעוואוסטזיין. זיין ענערגיע איז צו שוואַך צו קענען צאַהלען די נייטיגע אויפמערקזאַמקייט וואָס זיין סטיל פאָדערט פון זיהם ביים שרייבען. דערפאַר מאַכט עס איהם נישט אויס אויב זיין

שרייבען איז פערשטענדליך אדער נישט. ביים שפראך־וויסענשאפטליכען איז דער געדאנקען־גאנג שוין מעטאדיש אויסגעארבייט, און זיין סטיל, מוז שוין נאטירליכער ווייזע, ביי אזא איינעם זיין, א פערשטענדליכער.

די שפראך־וויסענשאפט בעטראכט די שפראך אלס א קונסט־ווערק. דערפאר פאדערט עס זיך אז דער סטיל זאל זיין קינסטליך געפארמירט. די שפראך וואס דאס פאלק רעדט אהנע חכמות מוז פון דעם סטיליסט געריינינגט און פאלירט ווערען. געוועהנטליך רעדט דאס פאלק מעהר ווי עס דענקט. ד. ה. אז א גרויסער טייל פון זיינע רייד זיינען געדאנקענלאז אדער אונזיניג. די קונסט פון דעם סטיליסט איז, אויסצומיידען דאס געדאנקענלאזע, אדער דאס אונזיניגע ביי זיין אבהאנדלונג. דער סטיליסט וועט אויך קלאסיפיצירען די אויסדריקע, און זארגען זיי זאלען זיך פאסען אין זייער ארט און צייט. דערפאר וועט ער נישט ריידען וועגען א בטלן מיט א אינטעליגענטען טאן, און וועגען אן אינטעליגענט מיט א בטלנישען טאן. ווען ער וועט ריידען וועגען א דיספוט אין פארלאמענט וועט ער געברויכען דאסווארט "אפאנענט", און ווען וועגען א וכוח אין בית־המדרש וועט ער רופען דעם אפאנענט "מתנגד". אויב ער וועט האנדלען וועגען ששת־ימי־בראשית וועט ער זאגען "בראשית", און וועגען עוואלוציע וועט ער זאגען "אורשפרונג". בלויז אן עם־הארץ וועט געברויכען די ווערטער "בראשית'דיג" אדער "כסדר'דיג" אין א דארוויניסטישען ווערק אין יודיש.

א סטיליסט וואס האט געלערנט שפראך־וויסענשאפט וויסט אז, דער קלאס לעזער וואס נעהמט שוין א וויסענשאפטליך ווערק אין האנד איז שוין קיין בטלן נישט. אזא לעזער איז שוין בעקאנט מיט אזעלכע ווערטער ווי "אורשפרונג" אדער "ענט-

וויקלונג". ריידען מיט אזעלכען ווערטער ווי "בראשית'דיג" אדער "כסדר'דיג" הייסט ווי האלטען אן אינטעליגענטען לעזער פאר א בטלן. שאפּענהויער זאגט: "די קוואליטעט פון געדאנקען מוז זיך אויסדריקען אין דער קוואליטעט פון דער שפּראך". עס איז דארום לאגיש, ביי א וויסענשאפטליכע פראגע, דעם לעזער בעקאנט צו מאכען מיט דער בעדייטונג פון אזעלכע ווערטער ווי "ענטוויקלונג" אדער "אורשפּרונג" אויב ער ווייסט זיי נאך נישט. איבערהויבט ווייל, אין דער וויסענשאפט קומט אויך פאהר צו געברויכען די דאזיגע ווערטער אין פערשיעדענע פארמען ווי: ענטוויקלען, ענטוויקלונג, ענטוויקעלטע, ענטוויקעלבארע, א.ז.וו. ווי מען קאן זיך נישט מעהר אויסדריקען מיט פערדרעהטע העברעישע ווערטער לויט דעם אויבּיגען נוסח.

מעלאָדיע אין דער שפּראך

די רייכע פאנטאזיע האט נייטיג פאר איהר אויסדרוק, נישט נאר די שפּראך אליין, זי האט נייטיג אויך די מעלאָדיע אין בעגלייט מיט דער ריידע. די וועקסלענדע טענער וואס ווערען געברויכט ביים טעגליכען ריידען בילדען א מעלאָדיע פאר זיך. נאר, אין בעגלייט פון דער ריידע ווערען זיי א טייל פון דער שפּראך גופא. דאס ריידען אין בלויז איין טאן מאכט מיעד דעם ריידנער און דעם הערער ווייל, די שפּראך אליין איז א מעכאניש ווערק. עס איז די מעלאָדיע וואס גיט דער שפּראך די פיזישע עפעקטען וואס מאכען דאס ריידען און דאס הערען אנגענעהם. א שעהנע ריידע רופט מען: "א רעסיטאציע"— שפּראך־געזאנג.

ביים שרייבען זוכט מען אויך די מעלאָדיע מיט דער שפּראך צו קאָפּירען. דערפאר האבען מיר די פערשיעדענע פונקטואציעס.

דאָס (,) איז די קליינסטע פויזע, דאָס (;) איז אַ גרעסערע. דער (.) איז אַ קאָמפּלעטער אָפּשטעל. אַ פערשטומטער קלאַנג ווערט בעצייכענט מיט דעם ('). אַן אָנהאַלטענדער קלאַנג מיט דעם (־). דאַן קומען דער אויסגעשריי (!) מיט דעם פראַגע־טאָן (?). אַלע דיעזע טאָג־אַרטען זיינען אָבער נאָר מעגליך צו ענדע פון וואָרט אָדער פון זאַץ, מען מוז אויך האָבען טאָג־צייכען אינמיטען די ווערטער, צווישען די בוכשטאַבען ווייל, ביים ריידען זינגט מען זיך אונטער אויף יעדען בוכשטאַב, און די שפּראַכ־וויסענשאַפט האָט געפונען אויך דערצו אַ מיטעל.

די גראַמאַטיק לערנט אונז אויסצוקלינגען די וואָקאַלען: אַ, אָ, י, ע, קורץ; און צו פערלענערן דידאָזיגע וואָקאַלען דורך דאָס פערדאָפּלען פון דעם וואָקאַל. אַשטייגער: זעל־ זעעל, מער־ מעער, אַל־ אאַל, מאָס־ מאָאָס. ווייל אין אונזער יודיש איז (פעהלערהאַפט) אָנגענומען געוואָרען אַ דאָפּעל יי פאַר דעם קלאַנג "אַי" אָדער "עי" (אַשטייגער ווי איינס, צוויי, דריי,) קאָנען מיר שוין נישט מעהר פערדאָפּלען דעם "י" צו פער־לענגערן דעם קלאַנג פון "י" (ווי זיי שרייבען "יידיש" וועלכעס לעזט זיך דערפאַר ווי "יאַידיש" אָדער "יעידיש") זאָ בלייבט דער איינציגער וועג דיעזען פעהלער צו ערזעצען דורך די צו־פיעגונג פון דעם "ע" צו דעם "י", ווי די דייטשען און די ענגלענדער טהון, און מיר שרייבען דארום "דיען" ווען דאָס וואָרט "דין" מיינט עפּעס אַנדערש, "שפּיעלען" ווען מען מיינט נישט "שפּילן", "ציעל" ווען מען מיינט נישט "ציל". דאָס "ה", זייענדיג דער שוואַכסטער וואָקאַל, ווערט געברויכט דאָרט וואו מען וויל דער קלאַנג זאָל זיין ווענינער ווי דאָפּעלט (אַנדערהאַל־בען), אַשטייגער ווי "מעהר" צו אונטערשיידען פון "מעער", "פיהלען צו אונטערשיידען פון "פילען", "אַהמען" פון "אַמען",

א.ז.וו. פאַר עמאַציאַנאַלע און פּאַטהעטישע אויסדריקע דיענען די דאָפּעל־קאָנסאָנאַנטען, אַשטייגער ווי ביי גאָטט, אַללעס, שרעקק, קוסס.

דער אינטעליגענטער רײדנער וועט אין זיין רײדע בעטאָנען דעם דאָפּעל־בוכשטאַב, דעם סעמי־דאָפּעל, ווי אויך דעם אַנדער־האַלביגען וואָקאַל בכדי זיינע הערער זאָלען איהם בעסער פאַר־שטעהן; און דער אינטעליגענטער שרייבער וועט שרייבען לויט דיעזע אָרטאָגראַפיע אויב ער וויל אויסמיידען פיעלע מיספאַר־שטענדניסע.

די אונגליקליכע קאָמיסיעס

די פערשיעדענע קאָמיסיעס וועלכע זיינען געזעצט געוואָרען אין עוראָפּע און אַמעריקע, אויסצואַרבייטען כללים פאַר אַן איינהייט אין דער יודישע אָרטאָגראַפיע האָבען בעוויזען, דורך דאָס רעזולטהאַט פון זייער אַרבייט, אַז זיי האָבען נישט געהאַט דעם מינדעסטען רעספּעקט פאַר דער שפּראַכ־וויסענשאַפט. זיי האָבען נישט געטראַכט וועגען דעם אַז אַ שפּראַך דאַרף רעפאָר־מירט ווערען אויף אַ פּסיכאָלאָגישען באַזיס. זיי האָבען נישט פערשטאַנען, אָדער זיי האָבען איגנאָרירט דעם ווערט פון דעם ״ה״ אין דער אָרטאָגראַפיע און האָבען איהר אַרויסגעשמיסען. לויט דיעזען כלל דאַרף דאָס הערץ אויפהערען ״פיהלען״ צאַרט־ליך נאָר ״פילן״ מיט צרות. קעמפען מיט טהאַטען? — ניין, נאָר מיט׳ן טאַטן. מען טאָר נישט זאָגען צאַהל מיר פאַר אַ צאַל סחורה נאָר ״צאַל״ מיר פאַר אַ ״צאַל; נישט צעהלען די צעלען נאָר ״צעלען״ די ״צעלען״; נישט מיין זוהן האָט געקוקט אויף די זון, נאָר מיין ״זון״ האָט געקוקט אויף די ״זון״; וכדומה... זיי האָבען אויך אַרויסגעוואָרפען דאָס ״ע״ נאָך אַ ״י״ און פאַר אַ

"ן"; דערפאַר מוּזען מיר ניט "שפּיעלען" די פיעדעל נאָר "שפּילן" (די הויזען במחילה?). בעשיעסען אַ פעסטוּנג? נייִן, בעשיסן. לויט דיעזען נוּסח טאָרט איהר נישט שרייבען "אַ בליהענדע, יוגענד" נאָר אַ "בלינדע יוגנד". שרייבען זיי ביי אַזאַ פאַל אַנדערש, דאַן ברעכען זיי שוין זייערע אייגענע כללים. דער פּועל יוצא פוּן אַזאַ איגנאָראַץ איז, אַז נאָך איידער אַ יוד האָט זיך אויסגעלערנט ענגליש ענטלויפט ער פוּן יודיש מיט פעראַכטוּנג צוּ די כאַמעוואַטע אָרטאָגראַפיע. אַ דייטש, אַ איטאַליענער אָדער אַ פראַנצויז אין אַמעריקאַ וועט לעזען די ענגלישע צייטוּנגע און אויך די פוּן זיין מוּטער־שפּראַך. דער יוּד אַבער, וועט שוין לעזען בלויז די ענגלישע און אַ שפּיי טהון אויף די יודישע. ער פיהלט אינסטינקטיוו אַז פוּן אַ כאַמעוואַטע אָרטאָגראַפיע קען ער שוין נישט ערוואַרטען עפּעס אינטעליגענטעס.

IS YIDDISH A LANGUAGE? ווען איך האָב אין מיין ענגלישע אָבהאַנדלוּנג אַוועקגעשטעלט די יוּדישע שפּראַך אַן דער שפּיצע פוּן אַלע עוּראָפּעישע שפּראַכען האָב איך אָנגעגעבען אַלס איינעם פוּן מיינע שטאַרקסטע פאַקטען, אַז יוּדיש איז די איינ־ציגסטע פאָנעטישע שפּראַד וועלכע רעדט אַרויס יעדען בוּכשטאַב פוּן וואָרט, אוּן דאָס אַלע איהרע קאָנסאָנאַנטען ענדערען זיך נישט פאַר קיין פאַל. אָט די מעלה האָט קיינע פוּן אַלע אַנדערע שפּראַכען. בלויז דער "א" איז פוּן אַ הייפעל ליטוואַקלעך פעראוּנגליקט געוואָרען. צוּליעב דעם איינ־איינציגען אוּנגליק איז כמעט אַכט־צעהנטעל פוּן דער גאַנצער יוּדישע שפּראַך ארוּנטערגעפאַלען אוּנטער דעם "א". צוּביישפּיעל: אַ, אָ, אי, איי, אוי, אוּ, וואָלטען פערנוּמען אין אַן אַנדער שפּראַך זעקס פער־שיעדענע בענד פוּן אַן ענציקלאָפּעדיע, וועהרענד אין מיין ענציקלאָפּעדיע האָב איך שוין אַרויסגעגעבען צוויי בענד, צוּ 500

זייטען, אָדער צוזאַמען 2000 קאָלומנען און איך בין נאָך ווייט פון ארויסצוקומען פון "א"..

עס איז נאָך א נס מן השמים, וואָס די יודישע צייטונגען האַלטען זיך נאָך מיט אייזערנע כחות ביי זייער פערשטענדליכען יודיש, און לאָזען נישט צו זייערע מיטארבייטער ארייצוקריכען מיט זייערע גראָבלעכע צווישען די קלאָרע צייל‍ען און מאַכען א יאַידיש וויסענשאַפטלאַכען חורבן פאַר די צייטונגס לעזער ווי זיי האָבען אָנגעמאַכט פאַר די ביכער לעזער.

די יודישע ליטעראַטור אין זיד-אַפריקע

די יודישע ליטעראַטור אין זיד־אַפריקע

(א בייטראג צו דער געשיכטע פון דער יודישע ליטעראטור)

די גרויסע וויכטיגקייט פון דיעזען בייטראג ליגט דארין וואָס אין זיד־אַפריקע איז די יודישע שפּראַך, פון דאָרטיגען פּאַרלאַמענט, אָפיציעל אנערקאַנט געוואָרען אַלס די שפּראַך פון יודישען פאָלק, צום ערשטען מאָל אין דער גאַנצע געשיכטע פון דער יודישע ליטעראַטור. מעהר וועגען דיעזען מערקוויר־דיגען פאַקט געפינט זיך אין דער אָבהאַנדלונג "ווארום מיין קאַמף פאַר יודיש" אויף זייט 113 פון דיעזען בוך.

יודיש צווישען די איבריגע שפּראַכען

די בעפעלקערונג פון זיד־אַפריקע טיילט זיך אין צוויי קלאַסען: די ווייסע און די קאָלירטע. דאָס לעצטע וואָרט שליעסט איין אַלע קאָלירען און די ווייסע ווערען אָפיציעל בע־צייכענט אַלס "עוראָפּעער", אונגעאַכטעט דערויף אויב געבוירען אין אַפריקע אָדער אין עוראָפּע. די פּראָפּאָרציע פון דער בע־פעלקערונג איז 6 קאָלירטע צו 1 ווייסען. די קאָלירטע ריידען צווישען זיך א מענגע שפּראַכען, די בורען ריידען א געמיש פון האָלענדיש־ענגליש און פון איינגעבוירענע וואָס זיי רופען:

טאאָל, און די איינגעוואַנדערטע מיט זייערע קינדער ריידען ענגליש. די יודישע אימיגראַנטען ריידען יודיש און זייערע קינדער ריידען יודיש און ענגליש, און צו טייל אויך טאאָל.

די יודישע ליטעראַטור

די צאָהל פון די יודישע צייטשריפטען אין אַפריקע איז זעהר גרויס, און אין פערגלייך צו דער יודישע בעפעלקערונג מאַכען זיי דעם איינדרוק פון מעהר חזנים אלס מנינים. זיי ענטשטעהען און פערגעהן ווי דער קקיון של יונה. איבערהויבט ווען עס ריקט זיך אָן א נייע עלעקשאָן. פון א ליטעראַרישען אינהאַלט דאַרף מען זוכען מיט א מיקראָסקאָפּ. היר איז א ביישפיעל פון צוויי דרוקער ביי א גלאָז ביער. איינער ש. וועט זיך מיט דעם צווייטען אין 10 פונט אז ער קאָן ארויסגעבען א צייטונג אין 3 טעג און האָט געווינען די 10 פונט. א צווייטער נומער איז מעהר נישט געוועזען.

אָנגעקומען בין איך אין זיד־אַפריקע גלייך נאָכ'ן דזשיימיסאָן איבערפאַל אויף יאָהאַנעסבורג, אין 1898. אין קייפטאָון, די מוטער פון וויס־אַפריקע, האָב איך געטראָפען נחמיה דוב האָפמאַן, איינער פון די אַמאָליגע משכילים און מחבר פון איינינגע העברעישע ספרים וועגען ידעות העולם והטבע, זיך מאַטערענדיג אלס זעצער, דרוקער, רעדאַקטאָר, און מיטאַרבעטער ביי א וואָכענבלאַט "האור" וואָס איז ערשינען אונרעגולער צוליעב פיעלע אורזאַכען, פון וועלכע איינינע געהערען צו אונזער געשיכטע.

האָפמאַן פערדיענט דעם קרעדיט פאַר האָבען אריבערגעבראַכט דעם ערשטען יודישען אלף־בית אין אַפריקע, פאַר האָבען ארויסגעגעבען די ערשטע יודישע צייטונג, און פאַר זיין

געוועזען דער ערשטער יודישער דרוקער אין יענעם טייל וועלט. נישט האבענדיג געניג שריפט פלעגט ער זעצען זיין בלאט פון 8 זייטען, מאנכעמאל 6 זייטען, איינצעלווייז, און דרוקען אויף א דזשאבער 12 ביי 18. אויפזעצען און אבווערפען א זייטעל זאץ פלעגט איהם אפטמאל נעהמען צוויי טעג אדער מעהר. האט זיך דער שטן אמאל אריינגעמישט און צעשאטען א זייטעל זאץ טראגענדיג פון טיש צום מאשין האט ער זיך נעבעך אליין אוועקגעלייגט אויף דער ערד קלייבען בוכשטאבען, און גוט־מוטהיג געלאכט מיט אן איינעריסטען פנים איבער זיין שלים מזל. "אלעם טרעפט זיך דעם חזן ביים עמוד", פלעגט ער זאגען. אמאל האט זיך זיין האמער פארפאהרען אויף א זייטעל זאץ, שטענדיג אויף א אונגעדרוקטען, ווי אויף להכעיס, און צעקאליעטשעט א צאהל פון די וועניגע בוכשטאבען, פלעגט ער זיי ערזעצען מיט גרעסערע אדער קליינערע בוכשטאבען. האט עס זיך גענומען שאקלען, האט ער אנגעפיקעוועט וואטע מיט זאפאלקעס ביז עס האט זיך געהאלטען אדער נישט.

קיין יודישע זעצער, אדער ליטעראַרישע מיטארבייטער איז דעמאלט אין אפריקע נישט געוועזען פאר קיין געלד; בפרט נאך, אז געלד איז אויך נישט געוועזען. נאטירליך האט זיך דאס וואכענבלאט שטענדיג פערצויגען פון וואך אויף חודש אדער חדשים. די אויפלאגע איז געוועזען אמאל 100 קאפיעס, און אז עס האט אויסגעפעהלט פאפיער, אדער געלד אויף פאפיער האט נישט אויסגעמאכט אביסעל וועניגער.

נישט ווייט פון איהם האב איך געהאט אן ענגליש־דייטשען בוכהאנדעל. האפמאן פלעגט ביי מיר שטענדיג אריינקומען מיט פערשיעדענע שותפות פראיעקטען ביז ענדליך ער האט מיך גובר געוועזען. זיין נצחון איז בעשטאנען אינדעם וואס

ער האָט מיר אַזאָג געטוען: "אויב נישט קיין פּראָפיט איז איינפלאַנצען יודישע קולטור אין דער נייע יודישע היים גאָר־נישט ווערטה?". עס איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען אַז דער נאָמען "האור" זאָל געטוישט ווערען אויף "טעלעגראַף" און אַז זיין נאָמען אַלס רעדאַקטאָר זאָל אַרויס. מיר זיינען אָנגעגאַנגען פאַר אַ פּאָאָר וואָכען פּראָגרעסיוו בעסער און בעסער, אָבער נישט אויף לאַנג. עס האָבען אָנגעהויבען קומען צוריק פון פּאָסט קאָפּיעס נישט געעפנטע. אויף יעדען אומשלאַג האָט זיך געפינען אויפגעדרוקט מיט אַ קאַוטשוק סטעמפּעל "האָפּמאַן עדיטער". איך האָב איהם גלייך איבערגעלאָזען ביים "טעלעגראַף" און גענומען לייגען אַ פּלאַהן פאַר מיין אייגענע ליטעראַרישע טהעטיגקייטען.

ביז מיין נייע שריפט איז אָנגעקומען פון עוראָפּע האָט אויסגעבראָכען דער ענגליש־בורען קריעג. איך האָב, ווי די אומשטענדען האָבען דעמאָלט געפאָדערט, אַרויסגעגעבען אַ טעגליכען "קריעגס שטאַפּעט" פון בלויז איין בעדרוקטע זייט, מיט פּשוט'ע מלחמה נייעס, אָהנע ליטעראַרישע בייטראַגען. אויסצופילען ליידיגען פּלאַץ, ביי קנאַפּע קריעגס נייעס, פלעג איך געבען קאָמענטאַרען איבער די פּאַסירונג פון טאָג. דער קריעגס שטאַפּעט איז אָנגעגאַנגען ביז 40 נומערן. איך האָב נישט קיין קאָפּיע פון איהם.

צו ענדע פון דער מלחמה, ווען דזשאָזעף טשיימבערליין, דער קאָלאָניאַל סעקרעטאַרי, האָט געלאָזט וויסען אַז ענגלאַנד בעאַבזיכטיגט צו פערוואַנדלען אַלע אויטאָנאָמישע און בעזיעגטע קאָלאָניעס צו איין קרוין קאָלאָניע, האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסע בעוועגונג צו בעקעמפען דעם דאָזיגען פּלאַן. בייוואוי־נענדיג אַזאַ מיטינג האָב איך געמאַכט אַ שטאַרקען פּראָטעסט

געגען אן אנטי־סעמיטישען אויסדרוק פון דעם מיניסטער אָוו פּאָבליק וואָרקס. דער בייפאל וואָס מיין פּראָטעסט האָט ארויס־גערופען פון צווישען די אנוועזענדע האָט דעם מיניסטער געצווינגען זיך צו ענטשולדיגען פאר זיין "אונבעדאכטען אויסדרוק", און צו פערפאָלשטענדיגען זיין חרטה, האָט ער אליין מיך פאָרגעשלאָגען אלס מיטגליעד אין דער עקזעקוטיווע פון דער דעפענס קאָמיטע. מיט טשיערס בין איך איינשטימיג אקצעפּטירט געוואָרען און דערמיט האָט זיך אָנגעהויבען מיין פּאָליטישע טהעטיגקייט אין זיד־אפריקע.

אויף יענעם מיטינג איז נעבען מיר געזעסען מר. עדמונד פּאָול, דער רעדאקטאָר פון דער "קייפּ ארגוס" און אפריקאנער רעדאקטאָר פון דער "לאָנדאָן טיימס". ער א קריסט, דריקט מיין האנד און זאָגט: "עס פרעהט מיך צו זעהן דעם ערשטען יוד אין אפריקע וואָס האָט געהאט דעם מוטה אויפצושטעהן געגען א מיניסטער אין דער פערטהיידיגונג פון זיין ראסע. דיין זיעג מאכט מיך פאר דיין פריינד, און מיין צייטונג שטעהט אָפען פאר דיר צו יעדע צייט. איך האָב די פריינדשאפט אָנגענומען און אָנגעהאלטען פאר גאנצע 16 יאָהר. אויף זיין ראטה האָב איך געגרינדעט מיין "יודישען אדוואָקאט" און מיט זיין הילף בין איך מיט מיין צייטונג אָנגעגאנגען גאנצע 10 יאָהר. דא־געגען האָב איך איהם פיעל געהאָלפען אין זיין עלעקשיאָן אלס סענאטאָר, און ער, אלס סענאטאָר פלעגט אין סענאט אימער אויפשטעהן אין די אינטערעסען פון יודישען פאָלק. ווען איך בין אוועק פון אפריקע, איז ער געקומען זיך געזעגענען מיט מיר.

דער איינפלוס פון מיין "אידישער אדוואָקאט" האָט זיך שטארק געפיהלט איבער דעם גאנצען יודענטהום פון זיד־

אפריקע. אויף דעם סמך האָבען אָנגעהויבען ערשיינען צייטונגען ווי שוועמעלעך, אָהנע פרינציפּען און אָהנע טאַלאַנטען. א פערצייכנים פון זיי גיב איך דאָ אונטען, נאָכדעם ווי איך נעם מיר קרעדיט פאַר זיין:

1) דער ערשטער אַרויסגעבער אין יודיש זיד־אפריקע, פון א טעגליכען "קריעגס שטאַפעט".

2) דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעבראַכט א יודישען לינאָ־טייפּ אין אפריקע.

3) דער ערשטער אַרויסגעבער פון אַן אויסגעהאַלטענעם וואָכענבלאַט "דער אידישער אדוואָקאַט" וואָס איז אָנגעגאַנגען רעגולאַר פאַר 10 יאָהר.

4) פאַר האָבען א זיץ אין דער פּרעס־גאַלערי פון פּאַרלאַמענט, א זכיה וואָס קיין יודישע צייטונג אין דער גאַנצער וועלט קאָן אויפווייזען.

דאַבּיי איז אויך אינטערעסאַנט צו וויסען אַז, נישט קריגענדיג א יודישען זעצער, האָב איך אויסגעלערנט א גוי זעצען יודיש אויף'ן לינאָטייפּ, און אַז דער דאָזיגער גוי איז געוועזען דער ערשטער יודישער פאַכ־זעצער אין אפריקע.

א ליסטע פון יודישע צייטונגען אין זיד־אפריקע

נאָך מיין שיידען זיך פון מר. האָפמאַן האָט דערזעלבער גענומען אַרויסגעבען א ריהע פון צייטונגען, איינע נאָך דער אַנדערע, פון וועלכע קיינע האָט איבערגעלעבט 6 חדשים צייט: "דער אַפריקאַנער", "דער איזראַעליט", "האוהב", "דער פאָנאָגראַף", "דער יודישער העראַלד". ביי יעדע פון דיעזע צייטונגען האָט ער געהאַט נייע שותפים צווישען זיי: אַלעקסאַנדער גראַף, אייזאַק סטאָון, יהודה ליב שרירה, מאַטיאַס מאַטיסאָן, און קאָפּעלאַנסקי.

"דער עקספרעס" ארויסגעגעבען פון מר. פאָגעלזאָן, עקזיסטירט 10 חדשים, אין יאָהאַנעסבורג זינט 1897, פרייז 3 פענים.

"אידישע גאַזעטען", ארויסגעגעבען פון בערמאַן און פאָגעלזאָן, עקזיסטירט 2 יאָהר, זינט 1898, אין יאָהאַנעסבורג, פרייז 3 פענים.

"אידישע פרייע פרעסע", ארויסגעגעבען פון ברוך לעוויצקי, רעדאַקטאָר, און בנציון הירש סוב־רעדאַקטאָר, אין יאָהאַנעסבורג, עקזיסטירט 8 חדשים, זינט 1908, פרייז 3 פענים.

"אידישער פאָהן", ארויסגעגעבען פון בנציון הירש, אין יאָהאַנעסבורג, צייט אונבעקאַנט.

"חכוכב", ארויסגעגעבען פון מר. טרויב, זינט 1900, אין יאָהאַנעסבורג, עקזיסטירט 2 יאָהר מיט 9 חדשים, פרייז 3 פענים.

"אידישע שטימע", רעדאַקטאָר און ארויסגעבער נישט אָנגעגעבען, בלויז פאָסט באָקס 3469, יאָהאַנעסבורג, ערשיינט זינט 1910, פאַר 8 חדשים.

"דער אַפריקאַנער", ארויסגעגעבען פון אַ גרופּע שרייבער, 1911, אין יאָהאַנעסבורג, פרייז 3 פענים.

"די נייע צייט", ארויסגעגעבען פון אַ גרופּע שרייבער, זינט 1912, אין יאָהאַנעסבורג, עקזיסטירט בלויז אַ פּאָאָר וואָכען, פרייז 3 פענים.

"יאָהאַנעסבורגער טאַגעבלאַט", ארויסגעגעבען פון ע. בענדעלל, זינט 1912, אַ זעהר קליינע פאָרמאַט און עקזיסטירט בלויז אַ פּאָאָר וואָכען.

"די היים", רעדאַקטאָר י. ס. יודעלעוויטש, סוב־רעד. פערסי קאָהען, זינט 1913 טעגליך ערשיינען, בלויז 92 נומערן, פרייז 1 פעני.

"דער ציוניסט", רעדאַקטירט פון י. ס. יודעלעוויטש, אַרויסגעגעבען אַלס אַ מאָנאַטליכע ביילאַגע צום אָפיציעלען ענגלישען ציוניסטישען אָרגאַן פון יאָהאַנעסבורג.

איך האָב פערלאָזען אַפריקע אין 1914, דערפאַר ענדיגט זיך די ליסטע ביז דעמאָלט. וואָס שפּעטער איז ערשינען איז מיר אונבעקאַנט. פון ביכער אויסגאַבען, אחוץ די 12 פּראָבע העפטען פון מיין "אַלגעמיינע אילוסטרירטע יודישע ענציקלאָ-פּעדיע", איז קיין ריידע פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין וואוינ־שאַפט אין אַפריקע.

אַן איבערבליק איבער אַלע דיעזע אויסגאַבען וועט פיהרען צום חשד, אַז די גרעסטע צאָהל פון זיי האָבען עקזיסטירט בלויז איבער דער צייט פון עלעקשיאָנס און זיינען פערשוואונדען באַלד נאָכדעם. בלויז צוויי פון זיי, די "פרייע פּרעססע" פון לעוויצקי און די "היים" פון יודעלעוויטש פערדיענען בעטראַכט צו ווערען אַלס ליטעראַטור. איבערהויפּט יודעלעוויטש איז אַ זעהר פעהיגער און פליסיגער שרייבער.

קומענדיג צוריק צו מיין צייטונג האָב איך אויפצואווייזען אַן אייגענע געביידע פון דריי שטאָק הויך. אונטען די רעדאַקציע, אויפ'ן צווייטען פלאָר די דרוקעריי, און אויף דעם דריטען די עקספּעדיציע. קיינע פון אַלע אין אַפריקע קאָן דאָס אויפווייזען ביז דעם היינטיגען טאָג. דער גאָווערנאָר דזשענעראַל, דער אַדמיניסטראַטאָר, דער טשיעף דזשאָסטיס און דער מעיאָר פלעגען בעגריסען דאָס יודישע פאָלק צו יעדען ראש השנה דורך דעם יודישען אַדוואָקאַט. מיניסטאָרען פלעגען קומען אין מיין רעדאַקציע און צווישען זיי אויך דער אַמעריקאַנער קאָנזול מר. פאָסטער, פאַר ליטעראַרישע און פּאָליטישע געשפּרעכען. אַלע פּראָקלאַמאַציעס וואָס די רעגירונג האָט געשיקט צו די ענגלישע


"JEWISH ADVOCATE"
רעדאקציא "אידישער אדוואקאט"
JEWISH ADVOCATE
PUBLISHERS, PRINTERS,
BOOKSELLERS & STATIONERS.

צייטונגען האָט זי אויך געשיקט צו מיין צייטונג. פיעלע לייט אַרטיקעלען פון מיין צייטונג זיינען איבערגעזעצט אין די ענגלישע צייטונגען, און האָבען אָפטמאָל פעראורזאַכט אַ קאַמף צווישען די פאַרטיי צייטונגען. איבערהויפט צווישען דער "קייפ אַרגוס", די יודענפריינדליכע און די "סויטה אַפריקאַן ניוס" די אַנטי־סעמיטישע.

עס איז אויך כדי דאָ צו דערמאָנען דעם פאַקט דאָס מיין בלאַט איז געשטאַנען צו פערפיגונג פון דעם „בונד" אין זשענעווא פאַר פראָפּאַגאַנדע און געלד זאַמלונגען פאַרן בונד. אַדורכקוקענדיג די 10 בענד פון מיין בלאַט וועט איהר זעהן פיעלע אַפּיעלס פון בונד צו אַפריקאַנער סימפּאַטיזירער אָבגעדרוקט. טאָמער איז אונזער אַ נומער פערלוירענגעגאַנגען אויפ'ן וועג האָט דער אַרכיוואַר פון זשענעווא געפאָדערט אַן אַנדער קאָפּיע צו האַלטען מיין בלאַט קאָמפּלעט.

אַמאָל איז מיר צוגעשיקט געוואָרען פון צענטראַל אַ ביטע מיר זאָלען אַריבערנעמען זייער אַרכיוו נאָך אַפריקע, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט דאָס רוסישע שפּיאָנען זאָלען איהר פערניכטען. איך האָב שוין געהאַט ערלויבניש פון דער מוניציפּאַליטעט מען זאָל פאַר דעם אַרכיוו אָבגעבען אַ בעזונדער׳ע אָבטיילונג אין דער פּאָבליק לייברערי, לײדער אָבער איז פון פּלאַן גאָרנישט געוואָרען, ווייל די קאָסטען אַריבערצוברענגען דעם אַרכיוו זיינען געוועזען צו גרויס.

נאָטיצען צו די פאָריגע אָבהאַנדלונגען

גריכיש, לאטיין און העברעיש זיינען טוידט, אָבער נישט בעגראָבען. דאָס קומט דערפון וואָס זיי האָבען ביי זייער לעבען געשאפען גרויסע ליטעראטורען. אָהנע משה און די נביאים; אָהנע סיסעראָ, צעזאר, האָראץ און ווירגיל וואָלטען זיי שוין געווען בעגראָבען. אין לעבען פון א פאָלק קענען זיי קיין תחיית המתים נישט אויפשטעהן.

נאָטיץ 1

(צו "העברעיש די שעהנע אָבער א קראנקע שפּראַך")

ווי עס איז קלאָהר אוים די נביאים האָט די געצענדיענסט פון אַלע ארומיגע פעלקער פון ארץ ישראל געפינען פרייען איינ־טריט צווישען דעם יודישען פאָלק, דאָס וואָלט אונמעגליך געוועזען ווען העברעיש וואָלט געוועזען די איינציגע שפּראַך פון גאַנצען יודישען פאָלק. עס איז א פאַקט אז יעדער וואָס נעהמט אָן א פרעמדע שפּראַך נעהמט אויך אָן די מנהגים וואָס געפינען זיך אין איהר. דאָס זעהן מיר נאָך היינט צווישען אונז גופא; אשטייגער, ווי אונזער חנוכה מיט זייער יאָלקע (קריסטמעס טרי) אין איין יום טוב; אָדער, ווי אונזערע רעפאָרם ראַבים געהן אין קירכע כאַפּען א "קדושה וברוך הוא" ווען עס לאָזט זיך. דאָס זיינען די ראַבים וואָס ריידען קיין העברעיש, שפּיעל אויף יודיש און ריידען גאָלע ענגליש.

אז העברעיש איז פון די חכמים בעטראַכט געוואָרען אַלס א תפל (נעבענזאַך) קאָן מען זעהן אוים דער גמרא וואָס איז פערפאַסט אין אַראַמיש, און אוים פיעלע שטעלען אין איהר פון וועלכע איינגע ווערען דאָ אָנגעגעבען:

אין חולין קל"ז ב' זאָגט זיך: "לשון תורה לעצמה, לשון חכמים לעצמן" — די תורה האָט זיך איהר שפּראַך און די חכמים האָבען זיך זייער שפּראַך.

אין מגילה י"ח א' זאָגט זיך: "רב ושמואל דאמרי תרוייהו לעז יוני לכל כשר" — רב און שמואל האָבען געזאָגט אז דאָס פאָרלעזען פון דער מגילה אין דער גריכישע שפּראַך איז כשר

נישט פאר די גריכישע יודען אליין נאר פאר אלעמען. דאס הייסט: די יודען אין ארץ ישראל האבען גערעדט גריכיש.

אין סוטה מ"ט ב' פרעגט זיך: "בארץ ישראל לשון סורסי למה אלא או לשון הקודש או לשון יונית" — וואצו אין ארץ ישראל די סירישע שפראך, מען רעדט דאך דארט לשון הקודש אדער גריכיש. דאס הייסט אז מען האט דארט גערעדט סיריש, לשון קודש און גריכיש.

בראשית רבא זאגט זיך "אל יהא לשון פרסי הזה קלה בעיניך שבתורה ובנביאים ובכתובים מצינו שהק"בה חלק לו כבוד" — נישט שאץ די פערזישע שפראך פאר גרינג ווייל מיר געפינען אז גאט האט איהר צוגעטיילט כבוד אין דער תורה, נביאים און כתובים.

אין ספרא ברכה, פסיקתא שד"ג זאגט זיך: "כשנגלה הקב"ה ליתן תורה לישראל לא בלשון אחד נגלה אלא בארבע לשונות" — גאט האט געגעבען די תורה צו די יודען נישט אין איין שפראך נאר אין פיער שפראכען. אין העברעיש, אין רוימיש, אין אראביש און אין כאלדעיש.

קוקט מען זיך איין טיעפער אין דעם לשון הקודש פון דער ביבעל גופא געפינען מיר פרעמדע ווערטער פון:

גריכיש	פערזיש	דהב
סומפניא	דת	דתבר
סבכא	אדרגזר	דרכמון
חליל	אדרזדא	נבזבה
עגב	אחשדרפן	נשתון
פסנתרין	אחשתרן	סרבל
קיתרס	דברין	פתגם
כרוז	גזבר	פתבג

פורים	יאר	פטדה
תרשתא	סוס	אהלים
עגיפטיש	גמה	גרד
אביר	משה	כרכם
אברי	פרעה	כרפס
אברך	צפנת פענח	נחש
אָחו	תבה	כרוב
ארון	אינדיש	קוף
תכיים	בהמות	ברקת

דער גערימטער פילאָלאָג שמואל דוד לוזאטאָ בעהויבטעט אז העברעיש איז נישט די אָריגינאַל שפראַך פון יודישען פאָלק, דאָס איהר פערגלייך מיט דער אַראַבישע שפראַך פיהרט צום שלוס דאָס ענטוועדער ביידע שטאַמען פון איין קוואַל אָדער העברעיש שטאַמט פון אַראַביש. אַן אַנדער אויטאָריטעט, ד. ש. מאַרגוליות האַלט אַז העברעיש איז אַ וואולגאַרישער דיאַלעקט פון אַראַבישען. אין עגיפטען האָבען די יודען גערעדט אראַמיש, ווייל פון אראם שטאַמען די אָבות. אין כנען האָבען זיי געענדערט דאָס אַראַמישע אויף לשון כנעני, אָדער די פעניקישע שפראַך. זעהענדיג פון דעם מיש־מאַש וואָס העברעיש ענטהאַלט אין זיך איז אונמעגליך צו קומען צו אַ פעסטען בעשלוס “וואָס זי איז”? “פון וואַנען זי קומט”?

און נאָכאַלעם דעם רופען זיי אונזער יודיש אַ זשאַרגאָן. וועניגסטענס זיינען די פרעמדווערטער אין אונזער יודיש פון לעבענדיגע שפראַכען און די פון העברעיש קומען פון טוידטע, וועהרענד זי אַליין מונטערט מען זי זאָל אויפשטעהן תחית המתים.

נאָטיץ 2

(צו "מיין שטרייט מיט לואיס מארשאל ע"ה")

דאָ האַנדעלט זיך אום אַ יודישע עדיוקיישאָן דורך יודיש אָדער ענגליש. דערפאַר איז די פראַגע פון עברית בעברית דאָ אויסגעשלאָסען. דעם ועברית בעברית האַלט איך כצפיחית בדבש. דאָרט האָב איך געזאָגט אַז די ענגלישע איבערזעצונג פון אונזער ביבעל איז די ערגסטע, און דאָ וויל איך געבען אַ פּאָאַר ערענסטע בעווייזע:

אלהים

דאָס דאָזיגע וואָרט איבערזעצט מיט "לאָרד גאָד" איז אַ לעסטערונג געגען גאָט אויף דעם העכסטען גראַד. אין אַ רעפּובליקאַנער געזעלשאַפט, וואו אַלע אריסטאָקראַטישע טיטעל זיינען אַבגעשאַפט איז דער טיטעל "לאָרד" אַ חוזק. אין ענגלאַנד איז דער טיטעל "לאָרד" דער נידריגסטער פון דעם נאָבלען קלאַס. איבער איהם זיינען די טיטעל קאָונט, וויקאָונט, דיוק, פּרינץ און קינג. אין דער געשיכטע געפינען מיר לאָרדס שיכורים, אויסגעלאַסענע, פּריזאָנערס און געהאָנגענע. וואָס פיר אַן אַכטונג קאָן אַ יודיש קינד האָבען פאַר גאָט, ווען עס לערנט דורך ענגליש, אַז דער יודישער גאָט איז אַ לאָרד?

עטימאָלאָגיש איז "אלהים" אַ קאָמבינאַציע (צוזאַמענגעפּאַסט) פון צוויי ווערטער: "אל" — מעכטיגער "ים" — אַל. צוזאַמען: אַלמעכטיגער. ווייל אַלים מיינט "אָבגעטער" האָט מען אריינגעשטעלט דאָס "ה" פון יהוה אין מיטען און עס הייסט: יהוה הוא האלהים (דברים ד' 39). דאָס הייסט אַז, אלהים איז נישט אַ פּלוראַל (אַ פיעלהייט), ווי די קריסטען

ווילען האָבען אָנצוקניפּען זייער דריי־אייניגקייט, נאָר דורכאויס אַן איינהייט ווי דאָס וואָרט "הוא" דייטעט אָן. אין קלאָרע ווערטער הייסט עס: גאָט איז אַן איינהייט אין "זיך" און אַ פּיעלהייט אין זיין עמינענץ (כבוד). אָט דאָס אַלעס איז נישט נייטיג דעם יודישען קינד צו ערקלערען ווען עס קריעגט אַ יודישע (נישט אַ דזשואיש) עדיוקיישאָן.

וישאלו

אין שמות י"א 2 זאָגט גאָט צו משה: דבר נא באָזני העם, וישאלו איש מאת רעהו ואישה מאת רעותה כלי כסף וכלי זהב וג"מ. די ענגלישע איבערזעצונג פּערטייטשט דאָס וואָרט "וישאלו" — זיי זאָלען "באָרגען", די דייטשע איבערזעצונג: זיי זאָלען פאָדערן, די פראַנצויזישע: דעמאנד, די לאַטיינישע: פּאָסטולאַטי—דעמאַנד: אַלזאָ, דריי שפּראַכען זיינען איינינ, און אויך ריכטיג, נאָר די ענגלישע אַליין בלייבט פאַלש. אויף דיעזע פאַלשקייט האָט ראָבערט אינגערסאָל געבויט, אַז גאָט האָט געהייסען באָרגען גאָלד און זילבער פון די מצרים ווערענד ער האָט געוואוסט אַז די יודען וועלען נישט צוריקומען. לויט זיין לויערשען קאָפּ האָט דאָס געהייסען אַז גאָט האָט געלערנט די יודען זאָלען בע'גנב'ן די מצרים.

די דריי גענאַנטע שפּראַכען האָבען געבויט זייער ריכטיגע איבערזעצונג אויף דעם ערשטען זאַץ פון זעלבען קאַפּיטעל וואָ עס הייסט: "נאָך איין פּלאָג וועל איך ברענגען אויף פרעה, און אויף די מצרים, נאָכדעם וועט ער אייך גענצליך פערטרייבען פון דאַנען". עס ליינט זיך אויפ'ן שכל אַז אַן הלואה צווישען אַ געטריבענעם און אַ טרייבער איז אונמעגליך. מעגליך אָבער איז, דאָס די געטריבענע האָבען געפאָדערט זייער לוין פאַר

הונדערטע יאָהרען ארבייט, און דאָס איז דאָך פּשוט פּאַר אַ פּשוט'ן מענש. אָבער, אינגערסאָל איז נישט געוועזען אַ פּשוט'ער מענש, און האָט ווי דאָן קיכאָט זיך פערטשעפּעט מיט דעם ווינד, מיינענדיג אַז ער האָט געכאַפּט גאָט ביי אַ גנבה.

די צרה איז וואָס עס דרעהען זיך אַרום פאַרענגלישטע יודישע גראָבע יונגען און ווידערהאָלען אינגערסאָלס איגנאָראַנץ צווישען דעם ערב־רב אין די גאַסען, בקול רם.

והאיש משה ענו מאוד

לויט די ענגלישע איבערזעצונג איז משה געוועזען דער גרעסטער פייגלינג פון אַלע מענשען, וועהרענד די ריכטיגע איבערזעצונג פון "ענו" מיינט: זאַנפט, צאַרט, בעשיידען אָדער גוטמוטהיג; נאָר נישט פייגלינג ווי דאָס ענגלישע וואָרט "מיעק" מיינט.

אַזעלכע ביישפּיעלע זיינען דאָ פיעל מעהר ווי מען קען זיך דאָ ערלויבען פּלאַץ פאַר זיי. עס איז גענוג צו וויסען אַז די ענגלישע געלעהרטע וואָס קאָנען העברעיש פערשווייגען דאָס נישט, און זיי פאָדערען אימער נייע איבערזעצונגען, אָבער מען מוז נישט פערגעסען אַז די קריסטען האַלטען פון תורת משה נאָר אַזויפיעל וויפיעל עס לאָזט זיך זיי אויס טייטשען צוגונסטען פון קריסטענטום. אַן איבערזעצונג מיט אַזאַ אבזיכט (כונה) מוז נאַטירליכער ווייזע זיין נישט ריכטיג. אַשטייגער ווי דאָס וואָרט "עלמה". לויט משלי ל' 19 מיינט דאָס אַ יונגע פרוי אָהנע בתולים, און אין איינציגע שטעלען שטימט די ענגלישע איבערזעצונג מיט דיעזער מיינונג פאַלשטענדיג. נאָר אין ישעיה ז' 14 זעצען זיי איבער דאָזעלבע וואָרט "עלמה" מיט בתולה, צוליעב דעם אַפּאָסטל מאַטיאָס.

אלטער טעסטאמענט?

אין א יודישע ערציהונג איז נישט דאָ קיין פלאַץ פיר אזא וואָרט. בלויז די קריסטליכע וועלט רופט תורת משה מיט דיעזען נאָמען. שוין דער דאָזיגער נאָמען אליין פיהרט צו דער אידעע אַז עס איז דאָ אַ נייער טעסטאַמענט, אַ זאַך וואָס ווערט פון תורת משה אָבגעלייקענט. "כבודי לאחר לא אתן", זאָגט גאָט (ישעיה מ"ב 8) און די קריסטליכע וועלט האַלט פון תורת משה בלויז ווי אַ פיסענבענקעלע ארויף צו קריכען צום נייעם טעסטטמענט. ווען אַן ערוואַקסענער יוד בעגעגענט זיך מיט אזא ווידערשפרוך האָט ער שוין שכל צו פערשטעהן דעם אונ־טערשיעד, פאַר יודישע קינדער, מוז עס הייסען תורת משה און נישט אַנדערש. אַ יודישע ערציהונג אין דער ענגלישער שפּראַך קאָן דאָס נישט אויסמיידען.

פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער ווינטשעל, אַ קריסט, זאָגט: עס קען קיינער בעהויבטען אַז די ענגלישע איבערזעצונג פון דער העברעישע ביבעל איז אַ קאָרעקטע. ערשטענס ווייל זי איז נישט אַ דירעקטע איבערזעצונג נאָר פון דער גריכישע איבער־זעצונג, צווייטענס ווייל אין דער צייט פון קינג דזשיימס, די אויטאָריזירטע איבערזעצונג, איז די העברעישע שפּראַך געוועזען זעהר וועניג בעקאַנט צווישען די ענגלישע איבערזעצער. פילאָ־לאָגען האָבען דורך אַ פערגלייך פון פערשיעדענע מאַנוסקריפּטען אוים דער צייט איידער די דרוקעריי איז ערפינדען געוואָרען האָבען זיי געפינען 80,000 פערשידענע לעזע ארטען וואָס די מסורה האָט מיט שוועריגקייטען געזוכט אויסצוגלייכען. די נקודות האָבען דערוויזען דידאָזיגע שוועריגקייטען. (ז. זייט 145) אין דערזעלבע מיינונג איז אויך דער יודישער פּראָפ. מאָזעס סטואַרט

נאָטיץ 3

(צום ארטיקעל "קאמף דער שפּראכען)

העברעישע ווערטער געפינען זיך אין אַלע שפּראַכען און אין דער ענגלישער שפּראַך האָב איך אויפגעקליבען אַ ליסטע פון איבער 300 ווערטער, פון וועלכע איך גיב הייער בלויז אַ טייל, אַלפאַבעטיש.

אַב **Ab=abba**
אַבדון **Abbadon=abandon**
אַברומה **Abrumoh=bream**
אָדר **Addar=adore**
אָדש **Oddesh=thresh**
אהל **Ohel=hall**
אַהלות **Ahaloth=aloe**
אָוה **Ava=will**
אֶויל **Eveel=evil, fool**
אַויר **Avir=air, vapor**
אָון **Aven=vain, vanity**
אופיר **Ophir**
אור **Ur=aurora**
אַהר **Aher=other**
איש **Eesh=each, every**
אַלוף **Alaph=alpha**
אֵם **Am=amma**
אָמן **Omeyn=amen**
אַרגז **Argaz=ark**
אֶראֵל **Ereyl=earl**
אֶרץ **Ayrets=earth**

אַתה **Attah=thou**
בּדל **B'dal=deal**
בּושה **Bashah=abash**
בּית **Beth=booth**
בּער **Baar=boor**
בּר **Bar=pure**
בּרבּר **Barbar**
בּעל **Baal=bel**
גאָה **Gayeh=gay, proud**
גדד **G'dood=gathering**
גנב **Golom**
גחל **Gachal=coal**
גמל **Gamal=camel**
גולם **Ganav=knave**
דום **Dom = dumb.**
דוץ **Dutz=dance**
דוש **Dayon=dean**
דין **Dosh = dash.**
דקר **Dekker = dagger.**
הביש **Hayveesh = abash.**
הוא **Hou = he.**

משורה Mesourah = measure
נוד Noud = nod.
נפל Naphal = fall.
נתר Nayther = nitre.
סגנון Sygnun = signature
סגר Sogar = secure
סומפניה Symphony
סער Saar = shower
ספר Sepher = cypher
עבד Ebed = obedient
עוף Oof = flying
פג Phag = fig.
פלוט Palot = flit.
פסח Pesah = pass-over
פרדס Pardeys = paradise
פרט Perat = part.
פרק Parak = break.
פרות Payroth = fruit.
פת Path = pit, piece.
צד Tsad = side.
צחוק Tsechok = joke.
ציון Tsiyyon = sign.
צרה Tsarah = sorrow.
קדימה K'dimah = academy
קוביא Kubya = cube
קוט Kut = cut off
קול Kol = call.
קינמון Cinnamon
קנה Konoh = cane' gain
קרא K'roh = cry
קרדים Kardis = card,

הוי Hoy = ho!
הילל Hayleel = howl.
הללויה Hallelujah
המוה Hamoh = hum.
הרס Haras = harass.
זבל Zavol = dwell.
זמן Z'mon = summon
חבט Habat = beat
חבל Chayvel = cable.
חכה Hacca = hook
חנק Henek = hang
טור Tour = tier.
טום Tum = dam.
יובל Yoveyl = jubilee
יציאה Yetseea = issue.
ירק Yerek = jerk
ישפה Yoshphe = jasper
כל Chol = all.
כלה Koloh = close
כפר Caphor = cover.
כרוב Cherub
לויתן Leviathan
לעג Laag = laugh
לקק Lakok = lick.
מום Moum = maim.
מחר Mohor = morrow
מיצפה Mizpah
מכתש Machtesh = mortar
מלך Moloch
מסתרי Misteray = mystery
משא Massa = mass.

קרט Krot = carat.	שה Seh=sheep
קרטוב Kartuw = quart.	שיקמה Shikmah=sycamora
קרן Keren=corner	שלט Shaylet = shield.
קרץ Koratz=scrtch	שכל Saychel = skill.
רגל Regel=regular	שק Sak = sack.
רגש Regesh=rage	שקל Shaykel = scale, w
רוץ Rautz=race	שבת Shabbath = seventh
רכוש Rechoush = riches.	שטן Satan
רעש Raash=rush	שישית Shishith=sixth
רק Rayk = rake.	שכון Saccin = skean.
שאַר Sar=sir	שרת Shoro=series
שבועה Sh'vuoh=swear	שרה Shoreys=service
שבע Sheva=seven	שש Shaysh = six.

מיין זאַמלונג פון 300 העברעישע ווערטער אין דער ענגלישע שפּראַך איז נאָך ווייט פון צו זיין אויסגעשעפּט. מעגליך אַז ביי מעהר צייט און געדולד קאָן זי פּערצווייפאַכט ווערען. די גרויסע פראַגע וואָס שטעלט זיך דאָ איז: וויזאָ קומט עס דערצו?

דער תירוץ געפינט זיך אין דער געשיכטע פון איבערזעצען אונזער ביבעל אין פרעמדע שפּראַכען אריין. מען דאַרף געדענקען אַז דער אָנהויב פון דיעזער געשיכטע איז געוועזען אין אַ צייט ווען פרעמדע שפּראַכען זיינען נאָכנישט געוועזען אַזוי רייך ווי צו קענען אומטוישען אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, ווען שרייבען איז נאָך געוועזען אַ זעהר לאַנגזאַמער פּראָצעס און שרייבער, גייסטרייכע שרייבער, זיינען געוועזען זעהר ווענינ. אין אַזאַ צייט ווען רעליגיעזע דיסקוסיאָנען זיינען געוועזען די הויפּט בעשעפטיגונג פון דעם מענשליכען מח, איז עס נאַטירליך, דאָס מעהר איבערזעצונגען זיינען געמאַכט געוואָרען

מינדליך ווי שריפטליך, און דאָס ביי מינדליכע איבערזעצונג ווערען שפּראַכען, אין הויכען טעמפּער, דורכגעמישט.

א צווייטער תירוץ איז, וואָס די העברעישע שפּראַך איז אָרים אין ווערטער און רייך פאַנטאַסטיש אין געגענזאַץ צו די פרעמדע שפּראַך וואָס איז רייך אין ווערטער מיט פּרעציזע בעדייטונגען. ווען אַן איבערזעצער בעגעגענט זיך מיט אַזעלכענע שוועריגקייטען, איבערהויבט אין רעליגיעזע זאַכען, האָבענדיג מורא פאַר גאָט צו מאַכען אַ פאַלשע איבערזעצונג, טראַגט ער בעסער אַריבער אַזאַ וואָרט ווי עס געהט און שטעהט אין דער פרעמדער שפּראַך אַריין.

א דריטער תירוץ איז, וואָס די פרעמדע שפּראַך האָט נישט די מעגליכקייט אויסצוקלינגען אַלע בוכשטאַבען אַקוראַט פון אָריגינאַל. אָט פעהלט אין דער ענגלישער שפּראַך אונזער קלאַנג פון "ח" אָדער "ך". אַמאָל פערוואַנדלען זיי דאָס מיט אַ "ה" אָדער מיט אַ "ק", און אַנשטאָט חכמה קלינגען זיי אויס קאַקמע. "חנוך געפינט זיך 4 מאָל אין אונזער ביבעל און אין ענגלישען איז די איבערזעצונג 2 מאָל ענאָק און 2 מאָל האַנאָק.

אויס דיעזען גרונד דאַרף עס נישט וואונדערן ווען מען געפינט העברעישע ווערטער אין אַלע פרעמדע שפּראַכען. קיין שפּראַך, אחוץ די יודישע, קלינגט אויס איהר גאַנצען אַלפאַבעט גלייך ווי די אַנדערע. דער רוס פערטויישט דעם קלאַנג פון אונזער "ה" אויף דעם קלאַנג פון אַ "ג", און זאָגט גערמאַן שטאָט הערמאַן, אָדער גוא שטאָט הוא, אָדער אלגים שטאָט אלהים. דער כינעזער פערטוישט אונזער "ר" אויף אַ "ל" און זאָגט ילשלים שטאָט ירשלים. די אַראַבער האָבען קיין "פּ" און שרייבען דערפאַר באַסט שטאָט פּאַסט. דערפאַר ווייל די גריכישע שפּראַך האָט נישט אונזער "ש" האָט זי אין דער

איבערזעצונג פון אונזער ביבעל (סעפּטואַגינט) געברויכט אַ
"ס" און אנשטאט שבת האָבען מיר סאבאט, שטאָט שלמה
האָבען מיר סאלאָמאָ, שטאָט ירושלים האָבען מיר יערוסאלעם.
צוליעב די צרות וואָס די בני אפרים האָבען געליטען דורך דעם
וואָרט שיבולת האָט זיך דאָס וואָרט אריבערגעטראָגען אין אַלע
מאָדערנע שפּראַכען אריין. מיר האָבען נאָך היינט צווישען אונז
יודען אין דער ליטע וועלכע זאָגען סיסעש ימי בראסיש שטאָט
ששת ימי בראשית, טראָצדעם וואָס שריפטליך שרייבען זיי
קאָרעקט. דאָס הייסט: זיי שרייבען אנדערש ווי זיי ריידען
(ז. ז. 195)

נאָטיץ 4

די יודישע שפּראַך וועדט פון טאָג־צו־טאָג אַלץ גויטוועג־
דיגער פאַר דער עקזיסטענץ פון יודישען פאָלק. געיאָגט פון
דער אנטי־סעמיטישע בעסטיע איבער גאַנץ עוראָפּע לויפט דער
יוד דורך פייער און וואסער וואָהין זיינע געוואונדעטע פיס
טראָגען איהם, און אַזוילאַנג ווי ער טראָגט מיט זיך די יודישע
שפּראַך האָט ער נאָך איין האָפנונג צו בלייבען לעבען, איין
האָפנונג ווייל זיין פערמעגען האָט מען פון איהם גערויבט. ווי־
לאַנג דאָס דאָזיגע געזעץ וועט נאָך דויערען קען קיינער זאָגען.
מעגליך עס וועט קיינמאָל אופהערען. אפילו אין די דע־
מאָקראַטישע לענדער זעהען מיר שוין פייעריגע שלאַנגען־צונגער
אוים בעהאַלטענע ווינקעל לויערען אויף אַ געלעגענהייט צו
רויבען.

אפילו אַ דעמאָקראַטישער זיעג וועט דעם אנטי־סעמיטיזמוס
נישט טוידטען. אַ ווייט זיכטיגעס אויג קען זעהן, שוין היינט,
דאָס נאָכדעם היינטיגען קריעג וועט קומען אַ פיעל שאַרפערע
מלחמה, נישט מעהר צווישען ווייסע און ווייסע נאָר, צווישען

קאָליערטע און ווייסע. דידאָזיגע מלחמה וועט געפיהרט ווערען, נישט אויף שלאַכטפעלדער נאָר, אויף אינדוסטריעלע מאַרקטען. די אינדוסטריעלע לענדער ווי ענגלאַנד, אַמעריקע, דייטשלאַנד און איטאַליען דאַרפען האָבען אויסלענדישע מאַרקטען אָבצוזעצען זייער איבערשום; די מאַרקטען זיינען אינדיען און כינע ווי אויך אַנדערע צוריקגעשטאַנענע פעלקער וואָהין די ציוויליזאַציע האָט נאָכנישט דערגרייכט. די היינטיגע מלחמה עפענט פאַבריקען אין אינדיען, כינע און איבעראַל וואו מען געפינט רויהע מאַטעריאַל מיט ביליגע אַרבייטער. די קאָלירטע ווערען פון די ווייסע אינדוסטריאַליזירט און נאָך דער מלחמה וועלען אָנקומען נייע קאָנקורענטען אויף פערקליינערטע מאַרקטען. די ווייסע אַרבייטער וועלכע האָבען זיך איינגעשטעלט אויף אַ העכערע לעבענסשטופע וועלען נישט קענען אויסהאַלטען אַ קאָנקורענץ געגען די קאָלירטע וועלכע לעבען אויף אַ זעהר נידריגע שטופע. ווער עס רעכענט אויף אַ טאַריף אַלס פּראָטעקציע דאַרף נישט פערגעסען דאָס, אַחוץ דעם וואָס די קאָליערטע קענען זיך אויך פּראָטעקטען געגען אַ טאַריף פון אַ ווייסען פאָלק, האָבען זיי ווענינגסטענס פערמאַכט זייער אייגען לאַנד פאַר די ווייסע מיט זייערע ביליגערע פרייזען וואָס די ווייסע קענען נישט נאָכקומען.

אין אַזאַ מלחמה וועט דער יוד ווידער זיין דאָס כפּרה־היהנדעל. זייט מוחל און לעזט איבער נאָכאַמאָל דעם אַרטיקעל "וואָרום איך קעמף פאַר יודיש", וועט איהר זעהען אַז די קומענדע מלחמה האָט זיך שוין דאָרט אָנגעפאַנגען, אַז אַ קאַמף פאַר די אנערקענונג פון דער יודישע שפּראַך איז נייטיג געוואָרען צו ראַטעווען די דאָרטיגע יודען פון צו פאַלען אין די אַנטי־סעמיטישע הענד.

החיים והמות ביד הלשון

אין אלגעמיין רעדט מען מעהר ווי מען דענקט. ווען מיר זאָלען ריידען מיט טאקט ווי עס שפּיעלט דער מוזיקאנט זיין בלאט נאָטען וואָלטען מיר געהאט די הארמאָניע אין דער געזעלשאפט וואָס מיר האָבען אין א גוט געאָרדענטען אָרקעסטער.

אויף דעם גרונד פון יעדע צוויסטיגקייט, פון יעדען שטרייט, אפילו פון יעדע מלחמה ליגט א מיספערשטענדניס. א שטומער איז שטענדיג אין כעס, א שטאמלער וועניגער, א קלוגער ריידנער קיינמאָל.

Remark by

Hon. Herman Berenstein

(The solutions of the problem of Jewish education, suggested by Mr. David Goldblatt, editor of the General Encyclopedia, were submitted by him to Mr. Louis Marshall, who is vitally interested in Jewish education and who is at the head of the Jewish Theological Seminary campaign for a million dollar foundation fund. Mr. Marshall's letter commenting on Mr. Goldblatt's article is particularly interesting, because it gives in greater detail his views on Yiddish expressed in his address at the opening of the Seminary Conference on October 7.)

it should be spoken. It puts them at a decided disadvantage.

In my youth, the language of the home in the Jewish families in this country was principally German. We of the younger generation attended the public school and dismissed a religious school. Our parents gradually became sufficiently proficient in the English language to use it in their daily speech; my mother never did, although she read several languages fluently. I never observed the division between parents and children to which you referred, although the latter spoke English almost exclusively and could speak German only with much difficulty. They were not alienated from Judaism because of that fact. Today they are the very men who are taking an active part in all important Jewish movements, and are loyal to their faith.

There were no Jewish gun-men in those days, nor were cases of disrespect of children to their parents or of filial disobedience other than exceptional. If the redemption of Israel from indifference will depend upon the cultivation of Yiddish, I am constrained to say that we shall present a sorry spectacle. On the other hand, I have such confidence in the moral and intellectual soundness of the Jews of this country that I am convinced that all that is needed to better conditions so far as Jewish education is concerned is to lay the facts before them, and they will unite in finding a way to solve the difficulties of the problem.

Cordially yours,
LOUIS MARSHALL

ments of unity that should exist between parents and children.

You seem to regard Yiddish as the medium for the creation of such union. If I believe it, I would not hesitate an instant in endorsing your views. Your conclusions however, do not correspond with my observation. Unless the Jewish youth is kept aloof from the life which surrounds them, (a condition as impossible as it would be undesirable), they will naturally look upon the English language as the vernacular. Whilst I appreciate the value of Yiddish literature and newspapers, to those who have come here from abroad at an age when it was not feasible to acquire a new language, I have no doubt that the Jewish children reared in Yiddish-speaking families, who have come here young, or who have been born here, will seek familiarity with the English language, as the most desirable medium for instruction and communication.

It would be regrettable, if this were not so. They would otherwise be at a disadvantage as members of the state and in their chosen occupations. You refer to the advantages of bi-lingualism, they undoubtedly exist, but the language of the land in which one lives must receive first place. Your theory would make Yiddish the language of the home. The results shown in the case of those who pursue that theory is that they are incapable of speaking either Yiddish or English well. I have met many members of the legal profession who because they are living up to your theory, in spite of their secular education, are unable to speak the language of the country as

will not be benefitted by the methods of the Cheder or by instruction imparted in Yiddish. They cannot be attracted by that which repels—they can be by that which fascinates and appeals to their pride and their imagination.

I cannot suscribe to your idea that in order to educate the children the parents must be first educated in Yiddish, that is abnormal and round-about way of reaching the goal. They send their children to the public schools, they are eager that their children be educated in secular matters, even though they (the parents) are not. In this they are true to their ancestors in every period of our history. Why then, should there by any difficulty in persuading Jewish parents in doing their duty towards their children and towards their people, of giving them the benefit of the opportunity for Jewish education in schools of the character which I have described? Such schools, even if conducted in the English language, will narrow if they cannot entirely eliminate the gap now existing between parents and children to which you have referred. One of their functions will be to maintain and perpetuate the beautiful traditions of the Jewish family and in the words of Malachi turn from the heart of the children to their fathers. I have never known children, properly trained in a modern religious school, who have not as a result of their instruction, been brought nearer to their parents. Such schools will serve as bridges across the chasms which would be created by the rearing of a Godless generation incapable of understanding the ele-

By Hon. LOUIS MARSHALL

Dear Dr. Goldblatt:

I am in receipt of yours of 31st ult. with enclosed article on our present Jewish educational problem, which I am herewith returning to you—assuming, as I do, that the Jews of America remain true to their faith and their traditions, to considerable degree, and desire that their children shall be educated in the principles of their religion and their history it seems to me to be of the first importance to establish suitable schools properly equipped, supplied with competent teachers, where the children may receive the desired education. It is inconceivable that in a community like New York City with approximately 300,000 Jewish children of school age where less than 20% receive any Jewish education, the parents should be so indifferent as not to manifest anxiety for the religious future of their off-spring.

If such is the case the outlook would be tragic. Lack of opportunity is in my opinion the principle cause for the present deplorable condition. If I am wrong in this diagnosis, then the cause must be found in the indifference of the parents or the degradation of the children, or in both directions. I am not so pessimistic in my outlook as to believe this to be the fact. At least I am not prepared to concede it, until the community has performed its duty, that of providing the educational facilities. The schools to be effective must be conducted according to modern methods of pedagogy. Children receiving their secular education in our public schools

In conclusion I wish to offer my advice to the leaders of American Jewry: avail themselves of the opportunity presented by the Yiddish language for winning the confidence of the foreign-born elements. The Socialists have done so and are gaining day by day; the Zionists are doing it, and their progress is remarkable; only the American-born Jews remain out of touch with the Yiddish-speaking elements and neglect them. Even brilliant Jews like Louis D. Brandeis, Julian W. Mack, Stephen S. Wise and others have been ousted from their leadership in the Zionist movement by workers who, with their knowledge of Yiddish, knew how to appeal to the masses. Weizmann is a fluent speaker in Yiddish and he is winning against all opposition because he has the Yiddish-speaking majority following him. Ussishkin, the arch-enemy of Yiddish, had no following to support him at the last Zionist Congress. It is true that the difference between Weizmann and Ussishkin, was not this issue, but it is clear that the winner of the contest is taking no share in the battle of the languages whilst the defeated one was persecuting every individual for speaking Yiddish. It is foolish to think that you can wipe out Yiddish, because no language can be arbitrarily destroyed. The idea of one language for the whole of the human race is winning only in sympathy but not in deed. If you believe that Yiddish will disappear in time, let fate take its course but, remember, this will not happen in our lifetime. Until then, we must go on educating both parents and children in the language they understand best.

For these reasons, we ought to *restore Jewish paternal dignity,* which is the first part of our problem presenting itself for solution. And in order to accomplish this, I propose to go back to the old methods which have kept Judaism safe for the last eight hundred years; of course, certain modifications will be necessary to meet present-day requirements. My suggestions are, therefore, as follows:

(1) Encourage the speaking of Yiddish in the homes where the parents do not understand English as well as their children do, while English is to be spoken in the streets and among people, the majority of whom speak English.

(2) Teach the children at home to speak, and in the Jewish schools to read and write Yiddish. Their knowledge of two languages—English and Yiddish—will raise their intellect above those who know only one, and will keep them in touch with the three-fourths of our people who speak Yiddish.

(3) Publish, or assist the publication of, a standard book of reference in the Yiddish language for Yiddish-speaking parents in order to enable them (a) to acquire knowledge for themselves; (b) to help their children in their home-work; and (c) to learn with them Judaism from a healthy source.

The parents would then appear in their children's eyes with all the dignity and respect due them. The children would no longer look down upon the majority of of our people because they speak Yiddish. The Yiddish language would no longer serve as a sign of ignorance. Instead, the two languages would be of mutual assistance one to the other. Once the Jewish paternal influence is restored, the next question is: By which medium is Judaism to be taught—Yiddish, Hebrew or English?

born parents in every respect, irrespective of their inherited virtues, morals and traditions.

From the American press, from the schools, as well as from a large number of American-born Jews, these children learn to hate a foreigner. That these children's foreign-born parents must suffer the bitter effects resulting therefrom is obvious, especially when the ability to use colloquial English seems to be the only qualification and pre-requisite for Americanization, something that 99 per cent of the foreign-born can never acquire, in spite of contentions to the contrary.

The next reason for the waning of paternal influence is the struggle between the mother-tongue and the English language in the American homes of the foreign-born Jews. While admitting the desirability of every immigrant's learning the language of his adopted home, there is no reason in the world for the elimination of the mother-tongue in those homes where it is understood better than English. It takes quite a long time to learn a new language well enough to replace a mother-tongue, especially with those who depend upon their daily earnings for the support of their families and themselves. The desire of the Jewish foreign-born parents to give to their American children an education better than their own makes this task still harder for them, and their inability to converse with their English-speaking children in perfect English, makes it necessary for them to resort to their mother-tongue lest they appear ridiculous and ignorant in their children's eyes.

the question arises: How are we to make those children attend these schools? Are we sure of their willingness to do so? Or, can we rely upon their parents to influence them? Do these parents, the majority of whom are foreign-born, exert any influence upon their American-born children? Is it not a fact that in the eyes of these children, Benny Leonard has replaced Moses and all the other prophets? Can one imagine anything more disastrous to Judaism than a lost paternal influence? Is not the restoration of that waning influence the most vital part of this problem today? Can we proceed with any other part, before we are reasonably certain of being able to solve this one? Is it logical to expect children who do not respect their parents, to respect any authority whatsoever?

Of all the literature I have read on this question, I do not recall any treating it from this fundamental standpoint. Seemingly, everybody is taking it for granted that the 10,000 Jewish children are waiting outside for the doors of the new schools to be opened. No one seems to have taken the trouble to investigate whether the existing *Talmud Torahs* are filled to their capacity. Had this been done, it would be discovered that we have the schools, we have the parents only too willing to send their children to these schools, we have even the money to pay for their teaching,—in fact, we have everything except the children. And why? Because these children think themselves "Americanized." Their conception of Americanization is: to be different from their foreign-

A
SOLUTION OF THE PROBLEM OF JEWISH EDUCATION

As

Disputed Between

DAVID GOLDBLATT & LOUIS MARSHALL

Reprinted from

The Jewish Tribune, November 2, 1923

By DAVID GOLDBLATT

I have no doubt that the sum required for the financing of our present educational problem will be fully subscribed for. The men at the head of this movement are all successful business men, and they know where and how to get the money for a good cause. Yet, money is not all that is required for the solution of this problem; it is not even the most important question, nor one deserving precedence over the others clamoring for solution.

Assuming that the necessary funds for the placing of 10,000 Jewish children in Jewish schools are secured,

A Collection of Articles

by

David Goldblatt

In the Defense of the Yiddish Language

Published at
148 Fifth Avenue
New York